STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12548

# BIBLISHE GEZANGEN

Pesach Kaplan

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

פ. קאפלאן

—

ביבלישע געשטאלטן

ISBN:0-657-12548-2 01-239

n2

MARK B. HANOPOLSKY

פסח קאַפּלאַן

# „בּיבּלישע געזאַנגען״

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון „ביאַליסטאָקער קאָמיטעט אַרויס־
צוגעבן די ווערק פון פסח קאַפּלאַן״,
אין דער ערשטער ריי „בּיבּלישע געזאַנגען״.

# Śpiewy biblijne

## P. Kapłana

Adres: P. Kapłan Białystok, Nowy Świat 27, tel. 3-96

Drukarnia wyd. „Prasa„ Białystok, Kilinskiego 23

Printed in Poland

צווייטער בוך

# עפּאס

# הקדמה

דער צווייטער בוך פון די „ביבלישע געזאַנגען" (IV + 244 זייטן) איז פּאַקטיש טאָפּל גרעסער, ווייל יעדער עמוד באַשטייט פון צוויי שפּאַלטן; דאָס איז געמאַכט געוואָרן צוליב דעם, ווייל פאַר דער צייט פון דרוקן איז צוגעקומען אַ גרויסע צאָל פּאָעמעס, וואָס זיינען לכתחילה ניט פאָרויסגעזען געווען אין פּראָספּעקט. דעריבער וועלן די צוגעזאָגטע 50 דרוק-בויגן איינגעטיילט ווערן ניט אין פינף ביכער, ווי פריער געפּלאַנט, נאָר אין 3 גרויסע טאָפּל-ביכער.

דער איצטיגער בוך נעמט אַרום דעם ביבלישן עפּאָס, אָנהויבנדיג פון דער שופטים-תקופה, די ערשטע און שפּעטערדיגע מלכים, נביאים, חורבן אפרים און יהודה, גלות בבל און שיבת ציון. און ער אַנטהאַלט 24 פּאָעמעס קלענערע, גרעסערע און גאָר גרויסע, ווי, למשל, שאול, דוד, אליהו, אלישע און אַנד.

דער אוראַלטער עפּאָס, פון בריאת-העולם, מבול, אבות, גלות-מצרים, משה, יציאת-מצרים, מדבר, כבוש הארץ דורך יהושען, צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע פּאָעמעס, וואָס זיינען צוליב פאַרשיידענע סיבות ניט אַריין אין די ערשטע צוויי ביכער, וועלן קומען אין דריטן בוך.

*

מיין אַרבעט איז, ווי דער לייענער קען זיך אַליין איבערצייגן, ניט קיין געטריע פּולע ווערטלעכע איבערזעצונג פון תנ"ך; ס'איז גיכער אַ פּרוב, אַרויסצובאַקומען פון תנ"ך די ליריק און דעם עפּאָס אין פאַררונדיגטע גאַנצע סיזשעטן, אויסגעפורימט דיכטעריש אין ווייסן פערז. דערביי אָבער האָב איך זיך געהאַלטן גאָר נאָנט צום אָריגינעלן טעקסט, אָפּהיטנדיג די ליניע: קיין איינציגן אייגענעם וואָרט, אַלץ נעמען פון אָריגינאַל, אָבער ניט דעם גאַנצן אָריגינאַל

מיט אַלע זיינע באַלאַסטן פון איבערחזרונגען, דיגרעסיעס, אומ־פאַרשטענדלעכקייטן, באַשווערנדיגע נעמען פון ערטער, מענטשן, זאַכן, וואָס האָבן בלויז אַ היסטאָרישן, אָבער ניט קיין ליטע־ראַריש־דיכטערישן כאַראַקטער. דערפאַר זיינען אַמאָל אַדורכגעלאָזט געוואָרן ווערטער, פסוקים, גרופּעס פסוקים און אפילו גאַנצע קאַפּיטלען.

צוליב אַ טעכנישער סיבה איז אינם צווייטן בוך אַריין דער עפּאָס פון נביאים און אינם דריטן בוך וועט קומען דער עפּאָס פון תורה — אין מוקדם ומאוחר. אינם איצטיגן בוך גופא אָבער איז דער מאַטעריאַל איינגעטיילט כראָנאָלאָגיש, מיט פאַרשיידענע דורכלאָזן, ווי אהוד, פסל מיכה, אביגיל, עטלעכע קלענערע מלכים, סוף דניאל און אַנד. וועלכע איך האָב ניט באַאַרבעט צוליב פאַר־שיידענע טעמים.

לסוף וויל איך אויפמערקזאַם מאַכן דעם לייענער אויף די עקזעגעטישע נאָטיצן, באַמערקטע טעותן און אינהאַלט פון די פּאָעמעס וואָס זיינען געדרוקט אויף די לעצטע זייטלעך פונם בוך.

ביאַליסטאָק, כסלו תרצ״ט. **פסח קאַפּלאַן.**

# דבורה

...און די בני־ישראל האָבן זיך
פאַרזינדיגט,
האָט זיי גאָט פאַרקויפט צו יבין כּנענס
קיניג,
און דער פירער פון זיין חייל, סיסרא,
האָט ניין הונדערט רייטוועגענער
אייזערנע.
האָט ער צוואַנציג יאָר געדריקט די בני־
ישראל,
האָבן זיי צו גאָט געשריען.
און געווען איז דבורה א נביאה,
פלעגט זי משפטן ישראל
אויפן בארג אונטער א פאַלמע.
איינמאָל רופט זי ברקן פון קדש
און זי זאָגט צו אים אזוי:
ס'האָט מיר גאָט באַפוילן דיר צו זאָגן,
זאָלסט זיך לאָזן צום בארג תבור,
מיטנעמען צענטויזנט מאַן
און פאַרפירן צום טייך קישון סיסראַן
מיט די וועגענער און מענטשן, —
כ'גיב זיי אַלע איבער אין דיין האַנט!
ענטפערט ברק אָפּ און זאָגט:
אויב דו גייסט מיט מיר, גיי איך;
אויב דו גייסט ניט — גיי איך אויך ניט.
זאָגט אים דבורה: גוט, איך גיי מיט דיר,
אָבער ס'וועט קיין כּבוד דיר ניט געבן,
אַז ס'וועט סיסרא פאַלן דורך א פרוי.
און ער האָט צענטויזנט מאַן צונויפגע־
צויגן,
זין פון זבולון און נפתּלי,
און אויך דבורה איז מיט אים געגאַנגען.
(און ס'האָט דאַמאָלס חבר, פון שטאַם
קין,
פון בני חובב, משה'ס שווער,
פון זיין שטאַם זיך אָפּגעטיילט,
א געצעלט זיך אויסגעשטעלט,
דאָרט ביים בוים, אנטקעגן קדש).
האָט מען סיסראַ'ן אָנגעזאָגט,
אַז ברק שטייגט ארויף צום תבור־באַרג.
און ער האָט צונויפגעקליבן
זיינע וועגענער ניינהונדערט
און דעם גאַנצן חייל צום טייך קישון.
און ס'האָט ברק זיך געלאָזט פון תבור־
באַרג
מיט צענטויזנט מאַן נאָך אים.

און ס'האט גאט צוטומלט סיסראן מיט
זיין פאלק,
מיט די וועגענער, פאר ברקס חיל.
סיסרא שטייגט ארויס פון וואגן
און אנטלויפט אליין צופוס,
ברק יאגט זיך נאך דער מחנה,
נאך די רייטוועגענער אלע,
און געפאלן איז די מחנה סיסרא'ס
פארן שארף פון ברקס שווערדן —
ניט קיין איינציגער געבליבן.
סיסרא אבער איז אנטלאפן
און אליין, צופוס, געקומען צום געצעלט
פון יעל, חבר־קיני'ס ווייב.
(געווען איז דאמאלס שלום צווישן יבין
אין דער הויז פון חבר־קיני).
יעל איז ארויס אנטקעגן און געזאגט:
„קום אריין, מיין הער, צו מיר;
קום אריין און האב ניט מורא!"
איז ער אין געצעלט אריין
און א מידער זיך געלעגט,
און זי האט אים מיט א טעפיך איינגע-
דעקט.
זאגט ער: „גיב מיר וואסער, ווייל כ'בין
דארשטיג".
עפנט זי דעם מילך־קרוג, גיט אים
טרינקען
און זי דעקט אים איין נאך בעסער.
זאגט איר סיסרא: שטעל זיך צו
פאר דער טיר פון דיין געצעלט
און אויב ס'קומט א מאן און פרעגט דיך,
צי ס'איז עמיץ דא פאראן, —
זאלסטו ענטפערן: ניטא! —
אפגעזאגט און איינגעשלאפן.
דא האט יעל, חברס ווייב,
דעם געצעלט־פלעקל גענומען
און געכאפט אין האנט א האמער,
שטיל דערנענטערט זיך צו סיסרא'ן
און אריינגעקלאפט דעם פלעקל
מיטן האמער אין זיין שלייף,
ביז ס'איז אזש אין דר'ערד פארקראכן.
סיסרא איז אין שלאף געשטארבן,
און דערווייל האט ברק זיך געיאגט.
יעל איז אנטקעגן אים ארויס
און געזאגט: קום, כ'וועל דיר ווייזן
יענעם מאן, וואס דו יאגסט נאך!
ער גייט אין געצעלט אריין און זעט:
סיסרא ליגט א טויטער
מיטן פלעקל אין זיין שלייף.
און פון דאמאלס אן איז יבין
פאר ישראל שוין געבליבן אונטערטעניג,
און די מאכט ישראלס איז געווארן
איבער יבין שווער און שווערער,
ביז זיי האבן אים פארטיליגט

---

און דבורה האט מיט ברקן
אין יענעם טאג אזוי געזונגען:
נאכן איינברוך אין ישראל,
נאכן פרייוויליגן קאמף,
גיט א לויב צו גאט!
הערט מלכים און פארנעמט איר פירשטן!
מיין געזאנג קלינגט פארן גאט ישראלס,
ווען דו טרעטסט פון שעיר, גאט,
ווען דו גייסט פון אדומס פעלד,
שטורימט אויף די ערד

און ס'צושמעלצט דער הימל
אין די וואָלקנס טריפן וואסער,
בערג צופליסן זיך פאַר דיר,
אָט דער סיני — פאַרן גאָט ישראלס.
אין דער צייט פון שמגר בן ענת,
אין דער צייט פון יעל,
זיינען וועגן וויסט געשטאַנען,
האָבן וואַנדערערס געזוכט געקרימטע שמעגן.
אויס מיט פריישטעט אין ישראל!
ביז כ'בין אויפגעשטאַנען דבורה,
אויפגעשטאַנען ווי אַ מוטער פאַר ישראל.

*

זיי זוכן נייע געטער,
קומט שלאַכט אין זייער טויער;
צי האָט שפּיז און פאַנצער
ישראלס פערציג טויזנט?
איך רוף צו אייך, געזעצגעבערס ישראלס,
צו אַלע פריוויליגע פונם פאָלק,
צו די, וואָס וואַנדערן אויף וועגן,
רייטנדיק אויף ווייסע אייזלען,
זיצנדיק אויף טעפּיכן געשטריקטע, —
לויבט גאָט ישראלס!

*

ניט פיילנשאָס ליאַרימט דאָרט צווישן די קוואַלן,
עס קלינגען געזאַנגען פאַר גאָט דעם גערעכטן,
עס קלינגט דער טריאומף פון די פריי־שטעט ישראלס,
ס'מאַרשירט דאָרט צום טויער דער פאָלק.

*

שטיי אויף, שטיי אויף, דבורה,
שטיי אויף, זינג אַ ליד,
גיי, ברק, צום פאַנג,
קלייב, זון אבינועמס!
דאָרט קומען די העלדן
די לעצטע פון פאָלק,
דאָרט גייט גאָט אַליין מיט די העלדן!
אָט שפּרייזט דאָרט אפרים,
דער שלעגער עמלקס
און הינטן בנימין,
אין שטאַמען געטיילט.
אָט דאָרט די געזעצגעבערס מכירס
און ווייטער די שרייבערס פון זבולון,
די פירשטן ישכרס מיט דבורהן,
די פירשטן ישכרס, אויך ברק,
פאַרשפּרייט דאָרט צופוסנס אין טאָל.

*

אויף די קוואַלן פון ראובן
גייען טראַכטונגען פאַרטיפטע;
וואָרום זיצטו ביי די שטאַלן,
הערסט די מעקעניש פון סטאַדעס?
אויף די קוואַלן פון ראובן
גייען טראַכטונגען פאַרטיפטע.
גלעד ליגט דאָרט הינטערן ירדן,
דן באַהאַלט זיך אין די שיפן.
אשר וואוינט ביים ברעג פון ים,
צווישן אויסגוסן דאָרט זיצט ער.
זבולונס שטאַם גייט מוטיק שטאַרבן,
אויך נפתלי גיט זיין לעבן
אויף די הויכקייטן פון פעלד.
קומען די מלכים קעמפן,

כנענס מלכים שטרייטן דאַמאָלס
נעבן תענך ביים מגידו,
אויסקויף - געלטן נים גענומען.
נאָר געקעמפט האָט מען פון הימל,
שטערנס פון די הויכע שטעגן
פירן שלאַכטן קעגן סיסרא.
האָט טייך קישון זיי פאַרטרונקען,
האָט טייך קדומים זיי פאַרזונקען;
און איך טרעט מיט מאַכט פאָרויס,
און אויף פערד, מיט טריט צוקלאַפּטע,
שפּאַנען הינטן זיינע העלדן.
זאָל פאַרשאָלטן זיין מרוז —
— זאָגט דער שליח גאָטס —
אירע איינוואוינערס פאַרשאָלטן:
ניט געקומען העלפן גאָט,
העלפן גאָט מיט אירע העלדן!
זיי געבענטשט פון פרויען, יעל,
ווייב פון חבר, קינס שטאַם,
זיי געבענטשט אין דיין געצעלט!
ער האָט וואַסער איר געבעטן,
און דערלאַנגט האָט זי אים מילך,
שמאַנט דערלאַנגט אין העלדן - טאַץ;
אויסגעשטרעקט אַ האַנט צום פלעקל
און איר רעכטע האַנט צום האַמער,
סיסראָס קאָפּ צוקלאַפּט, צוריבן
און זיין שלייף אַדורכגעלעכערט.
צווישן אירע פיס געלעגן,
צווישן אירע פיס געקניט —
וואו געקניט און וואו געלעגן,
אַ דערשלאָגענער געפאַלן.

*

דורכן פענצטער קוקט און פרעגט,
דורכן פענצטער סיסראָס מוטער:
וואָרום שפּעטיגט זיך זיין וואָגן,
וואָרום זאַמען זיינע רייטערס?
ענטפערן איר אירע פירשטינס,
זי אַליין זאָגט נאָך די ווערטער:
זיי צוטיילן דאָרט דעם רויב,
פרויען שיינע פאַר די העלדן;
און פאַר סיסראַן — רויב געפאַרבטע,
רויב געפאַרבטע און געשטריקטע.

*

אָט אַזוי פאַרשווינדן זאָלן
אַלע פיינט פון גאָט!
און עס זאָלן זיינע פריינט
אויפלייכטן אין זייער גבורה,
ווי די זון שפּאַצירט אין הימל!

# ג ד ע ו ן

האָבן ווייטער בני ישראל
שווער פאַרזינדיגט זיך צו גאָט
און פאַרקנעכטיגט האָט זיי גאָט,
זיבן יאָר אין מדינס האַנט.
האָט געוועלטיגט דאַמאָלס מדין
זייער שווער אויף בני ישראל.
סענן מדין האָט ישראל
זיך געמאַכט אין בערג טונעלן
און אויך פעסטונגען און היילן.
אַלע מאָל, ווען ביי ישראל
פלעגן פעלדער זיך צובליען,
פלעגן אָנלויפן בני־קדם
און אויך מדין מיט עמלק
און זיך דאָרט אַנידערלאָזן
און די פרוכט פון פעלד פאַרדאַרבן
און ניט לאָזן גאָר קיין שפּייז
און קיין שעפּס, קיין אָקס, קיין אייזל
פאַר ישראל אַזש ביז עזה.
ווייל זיי פלעגן אַלע קומען
מיט די פי און די געצעלטן,
אָנלויפן, ווי היישעריקן,
מענטשן, קעמלען אָן אַ צאָל,
און ישראלס לאַנד פאַרדאַרבן.
און פאַראָרימט ווערט ישראל
און ער שרייט און בעט צו גאָט.

---

קומט אַמאָל פון גאָט אַ מלאך
צו דער לינדע וואָס אין עפרה,
וואָס ביי יואש אבי־עזרס
און ער זעצט זיך דאָרט אַנידער.
און דער זון פון יואש, גדעון,
האָט געדראָשן ווייץ אין קעלער,
צו באַהאַלטן עס פאַר מדין.
און עס האָט פון גאָט דער מלאך
זיך צו גדעונען אַנטפּלעקט
און געזאָגט צו אים אַזוי:
„גאָט מיט דיר, דו גרויסער העלד!“
זאָגט אים גדעון: „זע, מיין האַר!
אויב ס'איז גאָט פאַראַן מיט אונז,
הלמאי האָט אונז געטראָפן
אָט דאָס אַלץ? און וואו — זשע זיינען
אַלע זיינע גרויסע וואונדער,
וואָס ס'דערציילן אונז די אבות?
האָט דאָך גאָט פון לאַנד מצרים
אונז אַרויסגעפירט, און איצט

האָט ער אונזער פֿאָלק פֿאַרלאָזן
און פֿאַרקויפֿט אין האַנט פֿון מדין!"
ענטפֿערט גדעונען דער מלאך:
,,גיי מיט אָט דעם כּוח דיינעם
און דו וועסט ישׂראל העלפֿן
פֿון האַנט מדינס: גיי, איך שיק דיר!"
זאָגט אים גדעון: ,,זע, מיין האַר!
איך זאָל העלפֿן בני ישׂראל?
אָרים איז מיין שטאַם מנשה'ס
איך — דער יינגסטער ביי מיין טאַטן!"
ענטפֿערט ווידער אים גאָטס מלאך:
,,אָבער איך וועל זיין מיט דיר,
שלאָגסטו מדין ווי איין מאַן".
און ס'זאָגט גדעון נאָך צום מלאך:
,,אויב כ'האָב חן ביי דיר געפֿונען,
טאָ באַווייז — זשע מיר אַ צייכן,
אַז דו רעדסט מיט מיר אַצינד:
זאָלסט זיך פֿונם אָרט ניט רירן,
ביז איך קום צו דיר צוריק
און איך ברייננג אַהער מיין מנחה
און איך לייג אַוועק פֿאַר דיר".
זאָגט ער: ,,כ'זיץ דאָ ביז דיין קומען".
גדעון איז אַוועק, געקומען,
האָט אַ ציקעלע געמאַכט.
און אַ מעסטל מעל אויף מצות,
אין אַ קאָרב געלייגט דאָס פֿלייש.
אין אַ טאָפּ די זופּ געגאָסן
און אַרויסגעבראַכט צום מלאך
צו דער לינדע און דערלאַנגט.
זאָגט צו גדעונען גאָטס מלאך:
נעם דאָס פֿלייש און אויף די מצות,
לייג אַוועק אויף יענעם פֿעלזן
און די זופּ גיס דאָרט אַרויס.
גדעון האָט אַזוי געטאָן.
און עס האָט דער מלאך גאָטס
אויסגעשטרעקט דעם עק פֿון שטעקן,
וואָס ער האָט אין האַנט געהאַלטן,
אָנגערירט דאָס פֿלייש, די מצות,
איז אַרויס פֿון פֿעלז אַ פֿייער
האָט פֿאַרברענט דאָס פֿלייש, די מצות.
און עס איז פֿון גאָט דער מלאך
פֿאַר די אויגן אים פֿאַרשוואונדן.
דאָ האָט גדעון שוין דערזען,
אַז דאָס איז פֿון גאָט אַ מלאך.
האָט ער אויסגעשריען: וויי,
האַר, מיין גאָט! איך האָב געזען דאָך
גאָטס אַ מלאך גלייך אין פּנים!
ענטפֿערט גאָט אים: ,,פֿריד צו דיר!
האָב ניט מורא, וועסט ניט שטאַרבן!"
האָט דאָרט גדעון אויפֿגעבויט
אַ מזבח צו זיין גאָט
און גערופֿן אים ,,גאָט — פֿריד".
און ער שטייט ביז היינטיגס טאָג
דאָרט אין עפֿרה אביעזרים.

———

איז געווען אין יענער נאַכט
האָט אים גאָט געזאָגט אַזוי:
נעם דיין טאַטנס יונגן עקסל
און דעם אָקס דעם אַנדערן
וואָס איז אַלט איצט זיבן יאָר
און צוברעך דעם בעלס מזבח
און שנייד אונטער זיין אשרה
און זאָלסט בויען אַ מזבח
צו דיין גאָט דעם אַלמעכטיגן.

אויפֿן שפּיץ פֿון אַט דעם פֿעלזן
און דעם אָקס דעם אַנדערן
זאָלסטו אויפֿבריינגען אַן עולה
מיט די האָלץ פֿון דער אשרה,
אָפּגעהאַקט פֿון בעלס מזבח.
און ס'האָט גדעון מיטגענומען
צען פּאַרשוין פֿון זיינע קנעכט
און געטאָן ווי גאָט געהייסן.
נאָר אויס פּאָרכט פֿאַר זיין משפּחה,
פֿאַר די מענטשן פֿון זיין שטאָט,
האָט ער ס'דאָזיגע געמאַכט
ניט בייטאָג, נאָר אין דער נאַכט.
זיינען מענטשן פֿון דער שטאָט
אויפֿגעשטאַנען אינדערפֿרי
און דערזען: עס איז צושמעטערט
דער מזבח פֿונם בעל,
די אשרה אָפּגעשניטן,
אויפֿגעבראַכט דער צווייטער אָקס
אויפֿן פֿעלז, אויף אַ מזבח, —
דאָ פֿרעגט איטלעכער דעם צווייטן:
ווער האָט ס'דאָזיגע געמאַכט?
האָבן זיי געפּאָרשט, געפֿרעגט
און דערוואוסט זיך: גדעון יואשס,
ער האָט ס'דאָזיגע געמאַכט!
זאָגן יואשן די שטאָטלייט:
ברענג אַרויס דיין זון אַהערצו,
ווען מיר אים שלאָגן טויט,
ווייל ער האָט אין שפּעטער נאַכט
דעם מזבח בעלס צושטערט,
אָפּגעשניטן די אשרה.
רופֿט זיך יואש אָן צו אַלע,
וועלכע שטייען איבער אים:

ווילט איר פֿאַרן בעל זיך קריגן,
אָדער ווילט איר הילף אים געבן?
דער וואָס קריגט זיך פֿאַרן בעל,
ווערט ביז מאָרגן טויט געשלאָגן!
אויב ער איז אַ גאָט, דער בעל,
זאָל ער קריגן זיך מיט יענעם,
וואָס צושמעטערט זיין מזבח!...
האָט מען גדעונען דעם טאָג
אָנגערופֿן ירובעל,
ס'הייסט: זאָל בעל מיט אים זיך קריגן:

---

און גאַנץ מדין און עמלק
און די אַלע מזרח - זין
האָבן זיך צונויפֿגעקליבן
און געגאַנגען און געקומען
און גערוט אין טאָל יזרעאל.
האָט דער גייסט פֿון גאָט באַקליידט
גדעונען, האָט ער געבלאָזן
אין טרומייט, און ס'איז געקומען
אביעזרס שטאַם נאָך אים.
און ער האָט צושיקט שלוחים
איבער גאַנץ מנשהס שטאַם
איז ער אויך נאָך אים געקומען,
ער האָט אויך צונויפֿגערופֿן
אשר, זבולון און נפֿתּלי, —
זיינען זיי אויך אָנגעקומען.
רופֿט זיך גדעון אָן צו גאָט:
אויב דו ווילסט דורך מיין האַנט העלפֿן
די ישראל, ווי געזאָגט, —
שטעל איך אויפֿן נאַכט אַוועק
וואָל געשוירענע אין שייער;
ווערט די וואָל אַליין באַטויט,

און די גאַנצע לאַנד בלייבט טרוקן, —
ווייס איך, אַז דו העלפסט ישראל
דורך מיין האַנט, ווי האָסט געזעגט.
און אַזוי איז עס געשען:
ער איז אויפגעשטאַנען מאָרגן
און די וואָל צונויפגעטומען,
האָט ער אויסגעקוועטשט דעם טוי
פון די וואָל — אַ שעפל וואַסער.
רופט זיך גדעון אָן צו גאָט:
זאָלסט ניט צערענען אויף מיר,
אויב איך רייד דאָ נאָכאַמאָל;
איך וועל מאַכן נאָך אַ פּרוב:
זאָל די וואָל אַליין זיין טרוקן
און אין גאַנצער לאַנד אַ טוי.
און אַזוי האָט גאָט געמאַכט
יענע נאַכט: די וואָל בלייבט טרוקן
און אַ טוי אין גאַנצער לאַנד.

---

איז ירובעל, דאָס איז גדעון,
אויפגעשטאַנען מיט זיין פאָלק
און זיי זיינען אָפּגעגאַנגען,
זיך געלייגט ביים קוואַל חרוד,
און דער לאַגער פון מדינים
איז געשטאַנען אים צו צפון,
פון באַרג מורה ביזן טאָל.
און ס'האָט גאָט געזאָגט צו גדעון:
צופיל פאָלק האָסטו מיט זיך,
איך זאָל אָפּגעבן דיר מדין,
טאָמער וועט ישראל רימען
זיך אַנטקעגן מיר אַזוי:
„ס'האָט מיין האַנט מיר אויסגעהאָלפן!"
גיי, רוף אויס אין פאָלק אַזוי:
ווער עס ציטערט און האָט מורא,
זאָל גאַנץ פריי אַראָפּ פון גלעד
און זאָל גיין צוריק אַהיים.
זיינען צוויי און צוואַנציג טויזנט
פונעם פאָלק אַוועק אַהיים
און צענטויזנט איז געבליבן.
און ס'האָט גאָט געזאָגט צו גדעון:
ס'איז נאָך אַלץ דער פאָלק צופיל;
פיר זיי מיר אַראָפּ צום וואַסער
וועל איך לייטערן זיי דאָרטן
און ס'וועט זיין, אויב כ'וועל דיר זאָגן:
„דער גייט מיט!" וועט יענער גיין.
און אויב איך זאָג דיר: „דער גייט ניט!"
יענער וועט ניט גיין מיט דיר.
און ער פירט דעם פאָלק צום וואַסער.
און ס'האָט גאָט געזאָגט צו גדעון:
ווער ס'וועט לעקן מיט זיין צונג
פונעם טייך, ווי ס'לעקט אַ הונט,
יענעם שטעל אַוועק באַזונדער,
און ווער ס'בוקט זיך אויף די קני
טרינקענדיג, דעם שטעל באַזונדער.
איז געווען די צאָל, וואָס לעקן
מיטן מויל פון האַנט, דריי הונדערט
און דער איבעריגער פאָלק
האָט געטרונקען קניענדיג.
און ס'האָט גאָט געזאָגט צו גדעון:
מיט אָט די דרייהונדערט לעקערס
גיב איך מדין אין דיין האַנט,
און דער גאַנצער פאָלק זאָל גיין
איטלעכער צו זיך אַהיים
און ער האָט ביים פאָלק פאַרנומען
ס'גאַנצע שפּייז און די טרומייטן,

אלעמען געשיקט אהיים
און פארהאלטן די דרייהונדערט.
און געווען איז מדינס מחנה
אין טאל אונטן, אים אנטקעגן.

---

איז געווען אין יענער נאכט,
און ס'האט גאט צו אים געזאגט:
גיי אראפ אין מדינס מחנה,
ווייל איך גיב איר אין דיין האנט;
און אויב דו האסט מורא גיין
שוין אצינדער מיטן פאלק,
נעם מיט זיך דיין דינער פורה,
גיי אהינצו זאלבענאנד,
וועסטו הערן, וואס זיי ריידן,
וועט געשטארקט ווערן דיין מוט,
אויסצוציען זיי אנטקעגן.
האט ער מיט זיין דינער פורה
זיך געלאזט צו מדינס מחנה
און געקומען צו דער וואך.
און בני מדין און עמלק
און די אלע מזרח - זין
ליגן אויסגעשפרייט אין טאל
ווי א היישעריק אן שיעור
מיט די קעמלען אן א צאל,
ווי דער זאמד ביים ברעג פון ים.
קומט דארט גדעון און דערהערט,
ווי ס'דערציילט א מאן דעם חבר:
ס'האט א חלום מיר געחלומט,
אז א רונדיק גערשטן - ברויטל
קוילערט זיך אין מדינס מחנה,
זיך דערקייקלט צום געצעלט
און א קלאפ געטאן אין אים,
אים צושמעטערט און צושאטן.
און זיין חבר ענטפערט אים:
ס'איז ניט אנדערש, נאר דער שווערד
גדעון יואש'ס און ישראל'ס;
גאט גיט איבער אין זיין האנט
מדין מיט דער גאנצער מחנה.
און געשען איז, ווי נאר גדעון
האט פארנומען יענעם חלום,
זיין דערציילונג און באשיידונג,
האט ער זיך געבוקט צו גאט,
אומגעקערט זיך אין דער מחנה
און געזאגט: שטייט אויף און קומט,
ווייל עס ענטפערט איבער גאט
מדינס מחנה אייך אין האנט!

---

**האט ער די דריי הונדערט מאן**
איינגעטיילט אין מחנות דריי,
איטלעכן אין האנט געגעבן
א טרומייט, א קרוג א לערן
און אין קרוג א שטוקארץ ברענט
און געזאגט צו זיי אזוי:
קוקט אויף מיר און טוט מיר נאך,
איך וועל קומען צום עק מחנה
און וואס איך וועל טאן, טוט אויך.
וועל איך בלאזן אין טרומייט,
איך מיט אלע מיינע לייט,
בלאזט איר אויך אין די טרומייטן,
שטייענדיג ארום דער מחנה,
און איר זאלט אין איין קול אלע
שרייען: „פאר גאט און פאר גדעון".
גדעון האט מיט הונדערט מאן
זיך דערנענטערט צו דער מחנה

אַנהויב פון דער מיטל - וואָך,
קוים נאָר אויפגעשטעלט די וועכטערס
און זיי בלאָזן אין טרומייטן
און צושמעטערן די קרוגן
האָבן אַלע טיילן דריי
באַלד געבלאָזן אין טרומייטן
און צושמעטערט אַלע קרוגן,
אין דער לינקער האַנט געהאַלטן
די שטוקארצן פלאַקערדיג,
מיט דער רעכטער האַנט געבלאָזן
אין טרומייטן און גערופן:
„שווערד פאַר גאָט און אויך פאַר גדעון"
און געבליבן אַלע שטיין
אויפן אָרט ארום דער מחנה.
האָט די מחנה זיך צוטומלט
און מיט ליאַרים זיך צולאָפן,
און ס'האָט אָפּגעגעבן גאָט
איטלעכן אין האַנט פון חבר,
איטלעכן אין שווערד פון חבר,
אַט אזוי די גאַנצע מחנה;
און די מחנה איז אַנטלאָפן
ביז בית שיטה אין צררה,
ביזן עק פון אבל - מחולה,
האָט ישראל זיך פארזאַמלט
פון נפתלי, אשר, מנשה
און זיך נאָכגעיאָגט נאָך מדין.

---

און געשיקט האָט גדעון שלוחים
איבערן גאַנצן באַרג אפרים:
קומט אראָפּ אַנטקעגן מדין
און נעמט אָפּ ביי זיי דאָס וואַסער
ביז בית - ברה און דעם ירדן!

איז געקומען גאַנץ אפרים
און פארכאַפּט ביי זיי דאָס וואַסער
ביז בית - ברה און דעם ירדן
און געכאַפּט צוויי מדין - פירשטן,
עורב, זאב, און זיי געהרגעט
און די קעפּ געבראַכט צו גדעון
און פארטריבן די מדינים.
זאָגן אים די בני - אפרים:
וואָס האָסטו אונז אָפּגעטאָן,
ניט גערופן אונז מיט אַלע
אויף מלחמה קעגן מדין?
און געקריגט זיך שטאַרק מיט אים,
זאָגט זיי גדעון: וואָס האָב איך
אויפגעטאָן אַנטקעגן אייך?
בעסער איז אפרימס נאָכקלייב
ווי דער ווינקלייב אביעזרס.
האָט דאָך אייך גאָט אָפּגעגעבן
מדינס פירשטן, עורב, זאב,
צי האָב איך אַזוינס געטאָן?
ווי ער האָט עס אָפּגעזאָגט,
איז דער כעס ביי זיי פארגאַנגען.

---

גדעון איז אַוועק צום ירדן,
ער און די דריי הונדערט מאַן,
אַלע הונגעריג און מיד,
יאָגנדיג זיך נאָכן שונא.
זאָגט ער צו די לייט פון סוכות:
„גיט מיר ברויט פאַר מיינע מענטשן,
ווייל זיי זיינען אויסגעמאַטערט
און מיר יאָגן זיך נאָך זבח
און צלמונע, מדינס מלכים"
ענטפערן אים די סוכות - פירשטן:

„האָסטו שוין געפאַנגען זבח
און צלמונע, אַז מיר זאָלן
געבן פאַר דיין חיל ברויט?"
זאָגט זיי גדעון: אויב אַזוי —
זאָל נאָר גאָט מיר געבן זבח
און צלמונע אין דער האַנט,
דרעש איך אייער לייב מיט דערנער
פון דער מדבר און מיט שטאַכלען" —
גייט ער אָפּ פון דאָרט קיין פּנואל
און ער בעט דאָרט אויך דאָס זעלביגס.
ענטפערן אים די לייט פון פּנואל
אויך דאָסזעלביגס ווי אין סוכּות.
זאָגט ער צו די לייט פון פּנואל:
„אַז איך קום צוריק בּ שלום,
וועל איך איינוואַרפן יעם טורים".

---

און אין קרקור שטייען זבח
און צלמונע מיט די מחנות,
פופצן טויזנט מאַן, געבליבן
פון דער גאַנצער מחנה מדינם
(און געפאַלן זיינען הונדערט
צוואַנציג טויזנט שווערדן ־ ציערס)
איז אַרויפגעשטיגן גדעון
פאַרביי די געצעלטן ־ וואוינערס
הינטער נובח און יגבהה
און געשלאָגן זייער מחנה,
וואָס איז רואיג דאָרט געלעגן.
און אַנטלאָפן זיינען זבח
און צלמונע, און ס'האָט גדעון
נאָכגעיאָגט זיי און געפאַנגען.
און צוריק איז ער געגאַנגען
פונם קריג אַרויף קיין חרם.

האָט ער דאָרט געכאַפּט אַ יונג
פון שטאָט סוכּות און געפרעגט אים.
האָט אים יענער אויפגעשריבן
סוכּות'ס פירשטן און די עלצטע,
זיבעציג און זיבן מאַן.
און ער איז אַוועק קיין סוכּות
און געזאָגט צו אירע עלצטע:
איר האָט דאַמאָלס מיר געזידלט:
„האָסטו שוין געפאַנגען זבח
און צלמונע, אַז מיר זאָלן
געבן פאַר דיין חיל ברויט?"
יע, אָט האָב איך זיי אין האַנט!
און ער האָט געבראַכט די דערנער
פון דער מדבר און די שטאַכלען
און די לייט דערמיט געשמיסן.
און נאָכדעם אַוועק קיין פּנואל
און דעם טורים איינגעוואָרפן
און די שטאָטלייט טויט געשלאָגן.

---

און געפרעגט האָט ער בּיי זבח
און צלמונע: זאָגט מיר, ווי
האָבן אויסגעזען די מענער
וואָס איר האָט געטויט אין תבור?
זאָגן זיי: אָט גליך ווי דו,
און געשטאַלטן מלכותשע!
זאָגט זיי גדעון: אָ, דאָס זיינען
מיינע ברידער לייבלעכע!
כ'שווער בּיים לעבן פון מיין גאָט
ווען איר וואָלט זיי לאָזן לעבן,
וואָלט איך אייך איצט ניט געטויט,
זאָגט ער יתרן זיין בכור:
שטעל זיך אויף און שלאָג זיי טויט,

אָבער ניט אַרויסגעצויגן
האָט דער יונג זיין שווערד, פון מורא.
זאָגט אים זבח און צלמונע:
שטעל זיך דו און שלאָג אונז טויט,
ווי אַ מאַן, אַזוי זיין גבורה.
דאָ איז גדעון אויפגעשטאַנען
און האָט טויטגעשלאָגן זבח
און צלמונע און פאַרנומען
אַלע האַלזבענדער פון גאָלד
ביי די קעמלען אויף די העלזער.

---

און די מענער פון ישראל
האָבן גדעונען געזאָגט:
האָסט געהאָלפן אונז פון מדין,
בלייב - זשע הערשער איבער אינז,
דו, דיין זון און דיין זונס זון.
האָט זיי גדעון אָפגעענטפערט:
„ניין, איך הערש ניט איבער אייך,
ס'הערשט מיין זון ניט איבער אייך —
נייערט גאָט בלייבט אייער הערשער.
איינס פאַרלאַנג איך בלויז ביי אייך:
זאָל מיר געבן איטלעכער
אַלע נאָזרונגען פון רויב,
וואָרום נאָזרונגען פון גאָלד
האָבן יענע דאָך געהאַט,
ווייל זיי זיינען ישמעאלים".
זאָגן זיי: „מיר גיבן אַלע!"
האָט מען אויסגעשפּרייט אַ קלייד
און זיי האָבן דאָרט געוואָרפן
אַלע נאָזרונגען פון רויב;

איז די וואָג פון גאָלד געווען
טויזנט זיבן הונדערט שקלים,
חוץ די האַלזבענדער און שלייפלעך
און די קליידער פּורפּורנע
פון די קיניגן פון מדין,
חוץ די האַלזבענדער פון גאָלד
אויף די העלזער פון די קעמלען.
גדעון מאַכט דערפון אַן אפוד,
שטעלט אים אין זיין שטאָט, אין עפרה
און די בני - ישראל האָבן
נאָכן אפוד אָפגעקערט
און געווען איז ער פאַר גדעון
און זיין הויזגעזינד אַ שטרויכל.

---

איז געבליבן דאַמאָלס מדין
אונטערטעניק פאַר ישראל,
מער די קאָפּ ניט אויפגעהויבן,
און די לאַנד האָט אָפּגערוט
פערציק יאָר אין גדעונס צייט.
און ירובעל, יואשס זון,
האָט באַזעצט זיך אין זיין היים
און געהאַט האָט גדעון זין
זיבעציק פון ווייבער פיל.
און זיין קעבסווייב, וואָס אין שכם,
האָט אים אויך אַ זון געבוירן
מיטן נאָמען אבימלך.
איז געשטאָרבן גדעון, יואשס
זון, אין גוטער עלטער, האָט מען
אים באַגראָבן אין זיין פאָטער
יואשס קבר, וואָס אין עפרה.

# אבימלך

איז געגאַנגען אבימלך,
ירובעלס זון, קיין שכם.
צו די ברידער פון זיין מוטער
און גערעדט מיט זיין משפּחה:
גייט און זאָגט די לייט פון שכם:
וואָס איז בעסער היינט פאַר אייך:
הערשערס גאַנצע זיבעציג,
אַלע ירובעלס זין,
צי איין איינציגער געביטער?
און גדיינקען זאָלט איר, אַז
איך בין אייער ביין און לייב.
און זיין מוטערס ברידער האָבן
איינגערעדט די לייט פון שכם,
האָבן זיי צו אבימלך,
זיך גענייגט, ווייל ס'איז אַ ברודער,
און געגעבן האָבן זיי אים
זילבער - שקלים זיבעציג
פונם טעמפּל בעל - ברית,
האָט ער פאַר די געלט געדונגען
מענטשן פּוסטע, בייזווייליגע,
זיינען זיי נאָך אים געגאַנגען
אין זיין פאָטערס הויז, אין עפרה,
האָט ער טויטגעשלאָגן אַלע
זיינע ברידער זיבעציג
זין ירובעלס אויף איין שטיין;
ס'איז געבליבן בלויז דער יינגסטער,
יותם, ירובעלס זון,
ווייל ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן.
האָבן זיך צונויפגעקליבן
אַלע לייט פון שכם און מילוא,
אויסגערופן פאַר אַ מלך
אבימלך, גדעונס זון.
האָט מען יותמען דערציילט עס,
גייט ער, שטעלט זיך אויפן שפּיץ
פון באַרג גריזים און רופט אויס:
הערט מיר צו, איר לייט פון שכם,
וועט אויך גאָט אייך צוהערן:
גייען איינמאָל בוימער
זאַלבן זיך אַ קיניג.
זאָגן זיי צום איילבוים:
קיניג איבער אונז!
ענטפערט זיי דער איילבוים:
צי זאָל איך פאַרלאָזן
מיינע פעטע פרוכטן,
וואָס מ'איז מכבד
גאָט און לייט מיט זיי,

און איך זאָל גאָר גיין זיך
שאָקלען איבער בוימער?
זאָגן זיי צום פייגנבוים:
קיניג איבער אונז!
ענטפערט זיי דער פייגנבוים:
צי זאָל איך פאַרלאָזן
מיינע זיסיגקייטן
און די פעטע פרוכטן
און איך זאָל גאָר גיין זיך
שאָקלען איבער בוימער?
זאָגן זיי צום וויינשטאָק:
דו זיי אונזער קיניג!
ענטפערט זיי דער וויינשטאָק:
צי זאָל איך פאַרלאָזן
מיין געשמאַקן וויין,
וואָס מ'קען מיט אים
גאָט און לייט דערפרייען,
און איך זאָל גאָר גיין זיך
שאָקלען איבער בוימער?
זאָגן זיי צום דאָרן:
קום זיי אונזער קיניג
ענטפערט זיי דער דאָרן:
אויב איר זאַלבט באמת
מיך צום קיניג, קומט
שיצט זיך אין מיין „שאָטן";
טאָמער ניט, וועט קומען
פונם דאָרן אַ פייער
און פאַרברענען אַלע
צעדערן פון לבנון.
און אַצינד האָט איר מיט אמת
און מיט אומשולד דאָס געטאָן,
אבימלכן געזאַלבט?

צי אַט דאָס איז אייער טובה
מיט ירובעל און זיין הויז?
האָט איר אים אַזוי פאַרגאָלטן?
ווייל געקעמפט האָט ער פאַר אייך
און זיין לעבן איינגעשטעלט,
אייך געראַטעוועט פון מדין, —
זיינט איר אויפגעשטאַנען היינט
אויף מיין טאַטנס הויז, געהרגעט
זיינע זין די זיבעציק,
אויף איין שטיין, געזאַלבט צום קיניג
אבימלך, זיין דינסטס זון,
ווייל ער איז מיט אייך אַ ברודער!
האָט איר עס געטאָן מיט אמת
און מיט אומשולד היינטיגס טאָג?
פרייט זשע זיך מיט אבימלך
און זאָל ער מיט אייך זיך פרייען!
אויב ס'איז אָבער ניט אַזוי,
זאָל אַ פלאַם פון אבימלך
אָנצינדן גאַנץ שכם און מילוא,
און אַ פלאַם פון שכם און מילוא
זאָל פאַרברענען אבימלך.
אָפגערעדט און באַלד אַנטלאָפן.
און געהערשט האָט אבימלך
אויף ישראל אַ יאָר דריי.
און געשיקט האָט גאָט אַ שלעכטע
שטימונג צווישן אבימלך
און די לייט פון שכם און מלוא
און זיי האָבן ווידערשפעניגט
קעגן קיניג אבימלך. —
אַז ס'זאָל פאַלן אויפן קאָפּ
אַבימלכס דער פאַרברעך
און די בלוט פון גדעונס זין,

זיינע ברידער זיבעציק,
וואָס ער האָט זיי טויטגעשלאָגן
און ס'זאָל אויף די לייט פון שכם
פאַלן דער פאַרברעך פון בלוט,
ווייל זיי האָבן אים דערמוטיקט
טויטצושלאָגן זיינע ברידער. —
האָבן זיי אויף הויכע בערג
לויערערס אוועקגעשטעלט,
און פלעגט עמיץ גיין פאַרביי,
פלעגן זיי באַרויבן אים.
האָט מען עס דערציילט דעם מלך.
איז געקומען איינער געל,
עבד'ס זון, מיט זיינע ברידער
און זיך אָפּגעשטעלט אין שכם
האָבן זיך אויף אים פאַרלאָזן
אַלע לייט פון שכם און האָבן
איבער פעלדער זיך צושפּרייט
וויינגערטנער אַרומגעקליבן
ווין געטראָטן און געהוליעט
און אין געטער־הויז געגאַנגען
און געגעסן און געטרונקען
און געשאָלטן אבימלך.
און געזאָגט האָט געל עבדם:
ווער איז ער, דער אבימלך,
און ווער שכם — זי זאָל אים דינען?
איז ער דאָך ירובעלס זון
און זיין אויפזעער איז זבול;
דינט זשע בעסער צו די לייט
פון חמור, דעם פאָטער שכמס!
פאַרוואָס זאָלן מיר אים דינען?
האָב איך נאָר דאָס פאָלק אין האַנט,
שאַף איך אָפּ דעם אבימלך!

און ער זאָגט צו אבימלך:
נעם דיין חייל און קום אַרויס!
און אַז זבול, דער האַר פון שטאָט,
האָט געהערט די ווערטער געלס,
ווערט זיין צאָרן אויפגעברויזט.
ער לאָזט זאָגן אבימלך:
געל עבדם מיט די ברידער
איז קיין שכם אַריינגעקומען,
זיי באַלאַגערן די שטאָט,
און אַצינד שטיי אויף ביינאַכט
מיטן פאָלק, וואָס גייט מיט דיר,
און זאָלסט לויערן אין פעלד
און באַגינען, שפּראַץ אויף טאָג,
לאָזט איר זיך אַנטקעגן שטאָט,
דאַמאָלס וועט ער מיט זיין פאָלק
שטעלן זיך אַנטקעגן דיר
וועסטו טאָן אים וואָס דו קענסט.
אבימלך מיט זיין פאָלק
האָט ביינאַכט זיך אויפגעהויבן
און געלויערט הינטער שכם,
איינגעטיילט אין מחנות פיר.
אינדערפרי איז געל עבדם
אויפגעשטאַנען, זיך געשטעלט
פאַרן טויער פון דער שטאָט
און פון לויער איז אַרויס
אבימלך מיט זיין פאָלק.
געל האָט דעם פאָלק דערזען
זאָגט ער זבולן: זע אַ מחנה
גייט אַרונטער פון די בערג!
ענטפערט זבול אים: בלויז דעם שאָטן
פון די בערג זעסטו ווי מענטשן.
זאָגט אים געל נאָכאַמאָל:

זע, אַ גרויסע מחנה לאָזט זיך
פונם אָפּל פון דער ערד
איין שפּיץ גייט פון אַלון - מעוננים.
פרענט זבול: וואו זשע איז דיין מויל?
זאָגסט דאָך: ווער איז אבימלך,
און ווער שכם, זי זאָל אים דינען!
דאָס איז דאָך דאָסזעלבע פאָלק,
וואָס דו האָסט אַזוי פאַרשפּאָטן.
גיי זשע איצט און קעמף מיט אים!
געל נעמט די לייט פון שכם,
גייט און קעמפט מיט אבימלך,
יאָגט אים אבימלך אָפּ,
ער אַנטלויפט און ס'פאַלן מחנות
טויטע ביזן טיר פון טויער.
איז געבליבן אבימלך
אין ארומה, און ס'האָט זבול
געלן מיט זיינע ברידער
פון שטאָט שכם ארויסגעטריבן,
נאָר אויף מאָרגן איז דאָס פאָלק
אויפן פעלד ארויס צום קאמף.
האָט דערוואוסט זיך אבימלך
האָט ער זיין פאָלק מיטגענומען,
זיי צוטיילט אויף מחנות דריי
און געשטעלט אין פעלד אַ לויער.
זעט ער, ס'גייט דאָס פאָלק פון שטאָט,
לאָזט ער זיך אויף זיי און טויט זיי.
אבימלך מיט זיין טייל
שטעלן זיך ביים טיר פון טויער
און די אנדערע צוויי טיילן
לאָזן זיך אוועק אין פעלד
און זיי שלאָגן אַלע טויט.
אבימלך קעמפט אין שטאָט
יענעם גאַנצן טאָג, באַצווינגט,
הרגעט אויס דאָס גאַנצע פאָלק,
און די שטאָט צושמעטערט ער,
זייט איר אויס מיט זאַלץ אינגאַנצן.
אַז די לייט פון מגדל - שכם
הערן דאָס, אַנטלויפן זיי
אין דעם טורים בית - אל - ברית.
און ס'דערוויסט זיך אבימלך,
אַז עס האָבן זיך פאַרזאַמלט
אַלע לייט פון מגדל שכם,
לאָזט ער זיך אַרויף באַרג צלמון
מיטן פאָלק, וואָס איז מיט אים,
און ער נעמט אַ האַק אין האַנט
און שניידט אָפּ אַ צווייג פון בוים
און פאַרוואַרפט אים אויפן פּלייצע
און ער זאָגט צום פאָלק מיט אים:
וואָס איך טו, טוט אַלע אויך!
און דאָס פאָלק שניידט אויך אָפּ צווייגן,
לאָזן זיך נאָך אבימלך
און זיי קומען ביזן טורים
לייגן ארום אים די צווייגן
און פאַרברענען אים אין פייער
און די לייט פון מגדל שכם
ארום טויזנט מאַן און ווייב
זיינען אַלע אויסגעשטאָרבן.
אבימלך גייט קיין תבץ
און באַלאַגערט און באַצווינגט איר.
איז אין שטאָט געווען אַ טורים
זיינען אַלע לייט פון שטאָט
מענער, פרויען דאָרט אַנטלאָפן,
הינטער זיך די טיר פאַרשלאָסן,
אויפן דאַך ארויפגעקראָכן.

אבימלך קומט צו נענטער
ביזן טורים, קעמפט מיט אים
און דערנענטערט זיך צום איינגאַנג,
דאָרט אַ פייער אָנצוצינדן,
פלוצים וואַרפט אַ פרוי פון אויבן
אַ שטיק מילשטיין אויף זיין קאָפ
און צושמעטערט אים דעם שאַרבן.
רופט ער באַלד זיין וואָפן־טרעגער:
זאָגט אים: ציִ אַרויס דיין שווערד
און דערהרגע מיך אָט דאָ;
טאָמער וועלן מענטשן זאָגן:
ס'האָט אַ פרוי אים טויטגעשלאָגן!

און זיין יונג האָט אים דערשטאָכן.
און די מאַנשאַפט פון ישראל
האָט דערזען, אַז ער איז טויט,
זיינען אַלע זיך צוגאַנגען
איטלעכער צו זיך אַ היים.
אָט אַזוי איז יותמס קללה
אויפן קאָפ פון אבימלך
דאַמאָלס אויסגעפירט געוואָרן,
ווייל ער האָט די ברידער זיינע
אַלע זיבעציג דערשלאָגן.
און אויך אויף די לייט פון שכם
איז דאָס שלעכטס צוריקגעקומען.

# י פ ת ח

האָבן בני ישראל ווידער
זיך פאַרזינדיגט קעגן גאָט
און געדינט צו בעל, עשתורת
און צו געטער אַנדערע
פון ארם, פון צידון, מואב
און פון עמון און פון פּלישתּים —
און פאַרלאָזן זייער גאָט.
האָט געצערנט גאָט אויף זיי
און פאַרקויפט זיי צו די פּלישתּים,
און פאַרקויפט זיי אויך צו עמון.
האָבן זיי געדריקט, געפּייניגט
די ישראל אַכטצן יאָר.
איז זיי זייער ענג געוואָרן
האָבן זיי צו גאָט געשריען,
אָפּגעשאַפט די פרעמדע געטער,
האָט זיך גאָט אויף זיי דערבאַרימט.

---

און ס'פאַרזאַמלען זיך בני עמון
און צולייגן זיך אין גלעד
און ס'פאַרזאַמלט זיך ישראל
און צולייגט זיך אין דער מצפּה
און עס ריידן צווישן זיך
אין דער שטיל די הארן גלעדס:
„יענער מאַן, וואָס וועט אַרויסגיין
אין מלחמה קעגן עמון,
ווערט דער עלצטער איבער גלעד!"

---

איז געווען אַ מאַן אַ העלד,
איינער יפתּח הגלעדי;
גלעד איז געווען זיין טאַטע
און אַ גאַסן־פרוי — זיין מאַמע.
אָבער אויך די ווייב פון גלעד
האָט פון אים געבוירן זין.
און אַז ס'זיינען אויסגעוואַקסן
יענע זין פון גלעדס ווייב,
האָבן זיי פאַריאָגט דעם יפתּח
און געזאָגט אים: „וועסט ניט אַרבן
גאָרניט אינם טאַטנס הויז —
ביסט אַן אַנדער ווייבס אַ זון!"
איז אַנטלאָפן דאַמאָלס יפתּח
פאַר די ברידער און באַזעצט זיך
אין לאַנד טוב. און ס'האָבן זיך
אַרום אים צונויפגעקליבן
גאַסן־יונגען און זיי פלעגן
זיך אַרויסלאָזן מיט אים.

---

און אַט איצט, ווען די בני־עמון
לאַגערן אַרום ישראל,

האָבן גלעדס עלצטע לייט
זיך געלאָזן אין לאַנד טוב,
יפתחן פון דאָרט צו נעמען.
האָבן זיי אַזוי געזאָגט אים.
קום און זיי ביי אונז אַ פירשט,
לאָמיר קעמפן קעגן עמון.
ענטפערט יפתח צו די עלצטע:
איר האָט דאָך מיך פיינט געהאַט,
מיך פאַריאָגט פון טאַטנס הויז;
איצט זיינט איר צו מיר געקומען,
אַז ס'איז ענג געוואָרן אייך?
זאָגן אים די עלצטע גלעדס:
זיינען מיר שוין איצט געקומען,
מוזטו גיין מיט אונז און קעמפן,
און דו וועסט אַן עלצטער ווערן
איבער אַלע לייט פון גלעד.
דאַמאָלס איז געגאַנגען יפתח
האָט דאָס פאָלק אים אויפגענומען
פאַר אַ פירשט און פאַר אַן עלצטן,
אָפּגעמאַכט פאַר גאָט אין מצפה.

---

און געשיקט האָט יפתח שלוחים
און געזאָגט צו עמונס מלך:
וואָס האָסטו צו מיר? נאָך וואָס
ביסטו אין מיין לאַנד געקומען,
קעגן מיר מלחמה האַלטן?
האָט געענטפערט עמונס מלך:
„ווייל ישראל האָט פאַרנומען,
גייענדיג פון לאַנד מצרים,
אַ שטיק לאַנד ביי מיר פון ארנון
ביזן יבוק און דעם ירדן;
גיב עס מיר אַוועק מיט גוטן!"

און געשיקט האָט יפתח ווידער
שלוחים צו בני עמונס מלך
און געזאָגט: „אַזוי זאָגט יפתח:
ניט פאַרנומען האָט ישראל
לאַנד פון מואב און פון עמון.
פון מצרים קומענדיג,
איז ישראל דאָך געגאַנגען
אין דער מדבר ביזן ים־סוף
און אין קדש אָנגעקומען.
און געשיקט פון דאָרטן שלוחים
און געבעטן אדומס מלך:
לאָמיר דורכגיין אין דיין לאַנד.
ניט געהערט האָט אדומס מלך.
אויך געשיקט קיין מואב שלוחים —
ניט געוואָלט האָט מואבס מלך.
און פאַרבליבן איז ישראל
דאַמאָלס זיצן אין לאַנד קדש.
אין דער מדבר נאָך געגאַנגען,
אויסגעמיטן דאָס לאַנד אדום,
אויסגעמיטן דאָס לאַנד מואב
און פון מזרח־זייט געקומען,
אָפּגעשטעלט זיך ביים זייט ארנון,
ניט אַריין אין גבול פון מואב,
— ווייל אין מואבס גבול איז ארנון.
און געשיקט האָט נאָך ישראל
שלוחים צו אמורי'ס מלך
סיחון, קיניג פון שטאָט חשבון
און געזאָגט אים: לאָז מיך דורכגיין
דורך דיין לאַנד ביז צו מיין אָרט.
ניט געגלויבט האָט ער ישראל,
דורכלאָזן אים אין זיין גבול,
האָט זיין פאָלק צונויפגעזאַמלט,

האָבן זיך צולייגט אין יהץ,
זיך געשלאָגן מיט ישראל.
האָט ישראלס גאָט געגעבן
סיחון מיט זיין גאַנצן פאָלק
אין ישראלס האַנט. זיי האָבן
זיי געשלאָגן און פאַרטריבן
און פאַרכאַפּט דאָס לאַנד אמורי.
פונם ארנון ביזן יבוק
און פון מדבר ביזן ירדן.
אָט אַזוי האָט גאָט ישראלס
אָפּגעגעבן אים אמורי —
ווילסטו איצט אים ירשנען?
וואָס ס'פאַרארבט דיר דיין גאָט כמוש
דאָס איז דיין ארב; וואָס ס'פאַרארבט אונז
אונזער גאָט — איז אונזער ארב!
ווילסטו בעסער זיין פאַר בלק,
פאַר בן - צפור, מואבס מלך?
צי האָט ער געפירט מלחמות,
זיך געקריגט מיט די בני ישראל?
איז ישראל דאָך געזעסן
נאָכאַנאַנד דריי הונדערט יאָר
אין די שטעטלעך ארום חשבון,
ארום ערעור, ארום ארנון —
וואָס - זשע האָט איר אין דער צייט
אָט די שטעט ניט אָפּגעשלאָגן?
איך האָב דאָך קיין שלעכטס געטאָן דיר,
וואָס - זשע גייסטו מיר טאָן בייז
און מיט מיר מלחמה האַלטן?
זאָל זיין גאָט דער שופט צווישן
בני ישראל און בני עמון! —
אָבער עמונס מלך האָט ניט
צוגעהערט די ווערטער יפתחס,
וואָס ער האָט אים צוגעשיקט.
איז גאָטס גייסט אַרויף אויף יפתח,
איז געגאַנגען ער קיין גלעד,
קיין מנשה און קיין מצפה
און פון מצפה ביז בני עמון,
און געטאָן האָט ער אַ נדר
און געזאָגט: „אויב גאָט וועט געבן
די בני - עמון אין מיין האַנט,
און איך וועל בשלום קומען
פון בני - עמון אין מיין היים,
דאַמאָלס ווער עס קומט צום ערשטן
מיר אַנטקעגן פון מיין שטוב,
וועט ער זיין צו גאָט געווידמעט, —
כ'וועל אים אויפברענגען אַן עולה.“

---

און געגאַנגען צו בני - עמון,
אויף מלחמה קעגן זיי,
און גאָט האָט זיי אָפּגעגעבן
אין זיין האַנט, האָט ער צעקלאַפּט זיי,
איז געוואָרן דאַמאָלס עמון
אונטערטעניק פאַר ישראל.
און ווי יפתח קומט קיין מצפה,
אין זיין היים, און זע! זיין טאָכטער
קומט מיט פּויקן און מיט טענץ
אים אַנטקעגן, און זי איז
בלויז איין איינציגע געווען,
ניט געהאַט האָט מער דער טאַטע
ניט קיין זון און ניט קיין טאָכטער.
און ווי ער האָט איר דערזען,
האָט ער אָנגעהויבן פליקן
זיינע קליידער און געשריען:
וויי, מיין טאָכטער, האָסט אינגאַנצן

מיך צושמעטערט און פארטיליגט!
ב'האָב דאָך אויסגערעדט א וואָרט
צו מיין גאָט און קען ניט בייטן!
ענטפערט איר די טאָכטער: „טאַטע!
האָסט א וואָרט גערעדט, טאָ טו מיר
ווי ס'איז פון דיין מויל ארויס,
נאָכדעם ווי ס'האָט גאָט געגעבן
דיר נקמות אָן דיין שונא".
און געזאָגט האָט זי דעם טאַטן:
„איין זאַך בעט איך נאָר ביי דיר,
לאָז מיך אָפּ אויף צוויי חדשים,
זועל איך שטייגן אויף די בערג
און מיין מיידלשאַפט באַקלאָגן,
איך מיט מיינע חברטאָרינס".
זאָגט ער: „גיי!" און אָפּגעלאָזן
איר אויף צוויי חדשים צייט.
און אוועק איז זי באַקלאָגן
מיט די חברטאָרינס אירע
אין די בערג איר מיידלשאַפט.
און אין סוף פון צוויי חדשים
איז זי אין דער היים געקומען,
און געטאָן האָט איר דער טאַטע
לויט זיין אויסגערעדטן נדר.
און געווען איז זי א בתולה,
האָט קיין מאַן נאָך ניט געקענט.
און פון דאַמאָלס איז געוואָרן
אין ישראל א געזעץ:
ס'גייען מיידלאַך אַלע יאָר
אויף פיר טעג אוועק, באַקלאָגן
יפתח הגלעדים טאָכטער.

---

האָט אפרים זיך פארזאַמלט
און אין צפון - זייט אריבער
און צו יפתחן גערעדט:
„וואָס ביסטו אַליין געגאַנגען
אויף מלחמה מיט בני - עמון?
וואָס האָסטו ניט אונז גערופן
גיין מיט דיר? מיר וועלן באַלד
אָנצינדן דיין הויז אויף דיר!"

---

און ס'האָט יפתח זיי געענטפערט:
„קעמפערס זיינען מיר געווען
איך צוזאַמען מיט מיין פאָלק,
קעגן די בני - עמון. איך האָב
אייך גערופן אָבער איר האָט
דאַמאָלס ניט געהאָלפן מיר.
זע איך, אז איר קומט ניט העלפן,
האָב איך איינגעשטעלט מיין לעבן
און געגאַנגען צו בני - עמון,
האָט מיר גאָט זיי אָפּגעגעבן.
וואָס - זשע קומט איר היינט אהערצו
נאָר מיט מיר מלחמה האַלטן?"

---

האָט צונויפגעזאַמלט יפתח
אַלע זיינע גלעד - מענער
אויף מלחמה מיט אפרים.
און די מענער גלעדס האָבן
די אפרים - לייט צעקלאַפּט.
און פארנומען האָט אויך גלעד
אַלע בריקן פונם ירדן
און אז אָנקומען פלעגט עמיץ
פון די קעמפערס פון אפרים
און פלעגט זאָגן: „לאָזט מיך דורך"!
פרעגט מען אים: „ביסט א אפרתי"?

זאָגט ער: „ניין" — „טאָ זאָגן אונז:
שטראָם"! —
זאָגט ער „סטראָם"! פארגרייזט דעם
לשון.
פלעגט מען כאפּן אים און שעכטן
דאָרט ביים דורכגאַנג פונם ירדן.
איז געפאַלן פון אפרים
צוויי און פערציג טויזנט מאַן.

---

זעקס יאָר האָט געמשפּט יפתח
די ישראל און געשטאָרבן
און באַגראָבן האָט מען יפתח
דעם גלעדי אין שטאָט גלעד.

# רות

א.

אין די צייטן פון די שופטים
איז אין לאַנד געווען אַ הונגער.
דאַמאָלס איז געגאַנגען איינער
פון בית לחם, פון יהודה,
וואוינען אין די פעלדער מואָבס,
ער, זיין ווייב און בײדע זין.
איז זיין נאָמען אלימלך
און זיין ווייבס נאָמען איז נעמי
און די נעמען פון די זין —
איינער מחלון, איינער כּליון,
שטאַמען פון דער שטעטל אפרת
ביי בית לחם פון יהודה.
קומען זיי אין מואָבס פעלדער
און פאַרבליבן דאָרטן וואוינען.
איז געשטאָרבן אלימלך,
און פאַרבליבן זיינען נאָך אים
נעמי מיט די זין די צוויי.
האָבן זיי גענומען ווייבער
בײדע פון די פעלדער מואבס,
איינע האָט געהייסן ערפּה
און דער צווייטערס נאָמען — רות.
און געבליבן ווייטער וואוינען

אַ יאָר צען אין מואבס פעלדער.
און זיי בײדע: מחלון, כּליון
זיינען שפּעטער אויך געשטאָרבן
און געבליבן איז די פרוי
נאָכן מאַן און בײדע זין.
און זי האָט זיך אויפגעהויבן
און גענומען בײדע שניר
און אַוועק פון מואבס פעלדער,
ווייל זי האָט געהערט דערציילן,
אַז ס'האָט גאָט דערקענט זיין פאָלק
און ער האָט אים ברויט געגעבן.
און די פרוי מיט בײדע שניר
האָבן זייער אָרט פאַרלאָזן
און געגאַנגען מיטן וועג,
וועלכער פירט אין לאַנד יהודה.
זאָגט די פרוי צו בײדע שניר:
גייט און קערט זיך אום צוריק
איטלאַכס טאָכטער צו איר מאַמען.
און זאָל גאָט מיט אייך טאָן חסד,
ווי איר האָט געטאָן אַ חסד,
מיט די טויטע און מיט מיר,
זאָל ער געבן אייך מנוחה
איטלאַכער אין איר מאַנס הויז.

און זי האָט געקושט זיי ביידן.
האָבן ביידע זיך צעוויינט
און געענטפערט: ניין, מיר וועלן
גלייך מיט דיר גיין צו דיין פאָלק.
זאָגט זיי נעמי: מיינע טעכטער,
קערט זיך אום, ניט גייט מיט מיר!
צי האָב איך אין בויך נאָך זין,
וועלן זיי פאַר אייך זיין מענער?
מיינע טעכטער, גייט צוריק!
זעט, איך בין דאָך שוין צו אַלט,
נאָך צו זיין איצט מיט אַ מאַן;
און וואָלט איך נאָך קענען האָפן,
זיין נאָך די נאַכט מיט אַ מאַן,
און וואָלט איך נאָך זין געבוירן, —
צי וועט איר אויף זיי נאָך וואַרטן?
צי בלייבט איר צו זיי פאַרבונדן,
ניט צו וואוינען מיט קיין מאַן,
ביז זיי וועלן אויסגעוואַקסן?
גייט מיט מיר ניט, טעכטער מיינע,
ס'איז מיר ביטערער פון אייך,
ס'איז אויף מיר גאָטס האַנט געקומען!
און זיי האָבן אויפגעהויבן
זייער קול און זיך צעוויינט;
ערפה האָט געקושט איר שוויגער
און אַוועק צוריק קיין מואב —
רות האָט זיך אָן איר געקלעפּט.
זאָגט איר נעמי: טו אַ קוק,
ס'איז דיין שוועגערין געגאַנגען
צו איר פאָלק און צו איר גאָט.
קער זיך אויך אום גלייך ווי זי.
ענטפערט רות: ניין, בעט מיך ניט,
ווייל איך וועל דיך ניט פאַרלאָזן;
וואו דו גייסט, גיי איך אויך מיט,
וואו דו נעכטיגסט, נעכטיג איך,
און דיין פאָלק איז אויך מיין פאָלק
און דיין גאָט איז אויך מיין גאָט
וואו דו שטאַרבסט דאָרט שטאַרב איך אויך,
און דאָרט ווער איך אויך באַגראָבן.
זאָל דיין גאָט אַזוי מיר בײשטיין,
ווי דער טויט נאָר וועט צושיידן
צווישן מיר און צווישן דיר.
און ווי נעמי האָט געזען,
אַז זי רייסט זיך גיין מיט איר,
האָט זי אויפגעהערט איר בעטן.
זיינען זיי אַזוי געגאַנגען
און געקומען קיין בית־לחם.
ווי זיי קומען אין בית־לחם,
חידושט זיך די גאַנצע שטאָט
און מ'פרעגט: צי דאָס איז נעמי?
ענטפערט זי: ניט רופט מיך נעמי,
רופט מיך מרה, ווייל פאַרביטערט
האָט אַלמעכטיגער מיר זייער:
פול בין איך אַוועק פון דאַנען,
ליידיג האָט מיך גאָט געבראַכט.
ווי קענט איר מיך רופן נעמי,
אַז איך בין פון גאָט געשענדט,
פון אַלמעכטיגן געפייניגט?
זיינען ביידע, רות און נעמי,
די געקומענע פון מואב,
אָנגעקומען קיין בית־לחם
באַלד אין אָנהויב גערשטן־שניט.

———

ב.

נעמי האָט געהאַט אַ קרוב,
אלימלכס אַ משפּחה,
אַ געזונטער, רייכער מאַן
און געהייסן האָט ער בועז.
זאָגט אַמאָל צו נעמין רות:
זאָל איך אפשר גיין אין פעלד,
קלייבן לקט אין די זאַנגען
ביי אַ מאַן, וואָס איך געפעל אים?
זאָגט איר נעמי: גיי, מיין טאָכטער.
און זי גייט און קומט און קלייבט
נאָך די שניטערס אויפן פעלד
און געטראָפן האָט זי גראָד
יענעם פעלד־טייל, וואָס געהער צו
בועז, אלימלכס קרוב.
באַלד איז בועז אָנגעקומען
פון בית לחם און געזאָגט
צו די שניטערס: גאָט מיט אייך!
זאָגן זיי אים: בענטש דיך גאָט!
רופט זיך בועז אָן צום יונג,
וואָס גיט אַכטונג אויף די שניטערס:
וועמעס איז אָט יענע מיידל?
ענטפערט בועזן דער יונג,
וואָס גיט אַכטונג אויף די שניטערס:
ס'איז די יונגפרוי די מואבית,
ערשט געקומען מיט איר שוויגער
נעמי פון די פעלדער מואבס;
זאָגט זי מיר: איך וויל דאָ קלייבן
אין די גאַרבן נאָך די שניטערס!
שטייט זי דאָרט אַזוי און קלייבט
פון פרימאָרגן ביז אַצינד;
בלויז אַ ווייל אין שטוב געזעסן.

רופט זיך בועז אָן צו רותן:
הער, מיין טאָכטער, זאָלסט ניט גיין
קלייבן אין אַן אַנדער פעלד,
גיי פון דאַנען ניט אַוועק,
נאָר צוזאַמען מיט די מיידלאַך,
גיי און זוך אין פעלד פון שניט;
כ'האָב די יונגען שוין באַפוילן,
אַז זיי זאָלן דיך ניט טשעפּען;
דאָרשט זיך דיר, גיי צו די כלים!
און אַז יונגען וועלן שעפּן,
וועסטו טרינקען גלייך מיט זיי.
האָט זי זיך צו דר'ערד געבוקט
און געפאַלן אויפן פּנים
און געזאָגט: פאַרוואָס האָב איך
אַזאַ חן ביי דיר געפונען
זאָלסט זיך לאָזן מיר דערקענען,
אַז איך בין דאָך דאָ אַ פרעמדע?
ענטפערט בועז איר און זאָגט:
כ'איז מיר אַלץ דערציילט געוואָרן,
וואָס דו האָסט געטאָן דיין שוויגער,
ווען דיין מאַן איז אָפּגעשטאָרבן;
האָסט פאַרלאָזן טאַטע־מאַמען,
האָסט פאַרלאָזן דיין געבורט־לאַנד
און אַריבער צו אַ פאָלק,
פרעמד און אומבאַקאַנט פון נעכטן,
זאָל דיר גאָט דיין לוין באַצאָלן,
ווייל דו קומסט צו אים אַצינד
זיך טוליען אונטער זיינע פליגלען
און זי ענטפערט אים און זאָגט;
איך האָב חן ביי דיר, מיין האַר,
ווייל דו טרייסט מיך און דו רעדסט
אויפן האַרצן פון דיין דינסט־מויד, —

און איך בין דאָך ניט אַפּילו
גלייך ווי דאָ ביי דיר אַ דינסט־מויד.
זאָגט איר בועז עסן־צייט:
קום אַהערצו, עס פון ברויט,
טונק דיין פּעניץ דאָ אין עסיג.
און זי זעצט זיך ביי די שניטערס,
עסט ביז זאַט און לאָזט נאָך איבער;
און מ'האָט איר אָנגעגעבן
הויפנס צוגעברענטע זאַנגען.
איז זי אויפגעשטאַנען קלייבן.
זאָגט אָן בועז זיינע יונגען:
לאָזט איר קלייבן א י ן די גאַרבן,
וואַרפט איר אונטער פון די הויפנס,
וואַרפט עס אונטער און גייט ווייטער,
לאָזט איר רואיג לקט קלייבן,
קיינער זאָל אויף איר ניט שרייען,
קיינער זאָל איר ניט פאַרשעמען.
אָט אַזוי האָט זי געקליבן
אויפן פעלד אַזש ביזן אָוונט,
אויסגעדראָשן וואָס געקליבן —
איז געווען אַ איפה גערשטן.
אויפן פּלייצע עס געטראָגן
און געבראַכט אין שטאָט אַריין
און געוויזן עס דער שוויגער
און נאָכדעם ארויסגענומען
און איר אויך געגעבן עסן
וואָס זי האָט פון זעט געלאָזן.
רופט זיך אָן צו איר די שוויגער:
וואו האָסטו דעם טאָג געקליבן
און אַזויפיל אָנגעזאַמלט?
זאָל געבענטשט זיין דער, וואָס האָט
זיך צו דיר געלאָזט דערקענען!

זאָגט איר רות: דער מאַן וואָס איך
האָב ביי אים געטאָן, הייסט בועז.
ענטפערט נעמי אָפּ איר שנור:
זאָל ער זיין געבענטשט פון גאָט,
וואָס טוט חסד מיט די טויטע
און אויך מיט די לעבעדיגע;
ס'איז דער מאַן דאָך אונז אַ נאָנטער,
אונזערער אַ „אויסלייזער".
זאָגט איר רות: ער האָט געזאָגט מיר:
זאָלסט מיט מיינע יונגען מיטגיין
ביזן סוף פון גאַנצן שניט.
זאָגט איר נעמי: גוט, מיין טאָכטער,
גיי דאָרט גלייך מיט זיינע מיידן,
זאָל דיר קיינער ניט פאַרשעמען
ערגעץ אויף אַן אַנדער פעלד.
און אַזוי האָט רות געקליבן
אויפן פעלד מיט בועזס מיידן
ביזן סוף פון גאַנצן שניט,
שניט פון גערשטן און פון ווייצן.
און געזעסן ביי איר שוויגער.

---

ג.

איינמאָל זאָגט די שוויגער נעמי:
טאָכטער, כ'זוך פאַר דיר מנוחה,
וואו ס'וועט דיר געפעלן ווערן.
הער זשע: אונזער קרוב בועז,
וואָס דו האָסט מיט זיינע מיידן
אין זיין פעלד געקליבן, שויפלט
היינט אין שייער זיינע גערשטן.
וואַש־זשע זיך ביינאַכט אַרום,
שמיר זיך אָן און פוץ זיך אויס,

און אין שייער ניי אַוועק,
ווייז זיך אָבער ניט פֿאַר אים,
איידער ער עסט אָפּ זיין מאָלצייט;
גייט ער שלאָפֿן, ווער געוואָר,
וואו דער מאַן האָט זיך געליינט,
לייג זיך דאָרט ביי אים צופֿוסנס,
זאָגט ער דיר שוין וואָס צו טאָן.
ענטפֿערט רות דער שוויגער נעמי:
כ׳טו אַלץ, וואָס דו זאָגסט מיר אָן.
רות האָט אַלץ געפֿאָלגט דער שוויגער
און אַוועק צום מאַן אין שייער.
און אין שייער זיצט דאָרט בועז,
עסט און טרינקט און מאַכט זיך לוסטיג
און לייגט זיך אַנידער שלאָפֿן
אין אַ ווינקל פֿון דער סקירבע.
און ווי ס׳קומט אום האַלבע נאַכט
גייט רות שטיל און דעקט אים אָפּ
און לייגט זיך ביי אים צופֿוסנס
און דער מאַן האָט אויפֿגעציטערט,
אויפֿגעכאַפּט זיך און דערזען:
ס׳ליגט אַ פֿרוי ביי אים צופֿוסנס.
פֿרעגט ער רותן: ווער ביסטו?
זאָגט זי: איך בין רות דיין דינסטמויד,
ב׳בין געקומען, זאָלסט פֿאַרשפּרייטן
דיינע פֿליגלען אויף דיין דינסטמויד,
ווייל דו ביסט אַ אויסלייזער.
רופֿט זיך בועז אָן צו רותן:
זיי געבענטשט פֿון גאָט, מיין טאָכטער,
ס׳איז דער לעצטער חסד דיינער
גרעסער פֿון דעם ערשטן חסד:
גייסט צו לויפֿן נאָך אַ בחור
צי אַן עושר, צי אַן אביון.

איצט מיין טאָכטער האָב ניט מורא,
וואָס דו ווילסט וועל איך דיר טאָן.
ווייל עס ווייסן אַלע שטאָטלייט,
אַז דו ביסט אַן ערלאַך ווייבל —
נאָר, מיין טאָכטער! אמת, איך בין
אייערער אַ אויסלייזער.
פֿאַראַן אָבער אַן אויסלייזער
נאָך אַ נענטערער פֿון מיר;
נעכטיג איבער דאָ די נאַכט
מאָרגן פֿרי וועל איך אים פֿרעגן:
וויל ער אויסלייזן, איז גוט,
און אויב ניט, לייז איך דיר אויס.
כ׳שווער ביי גאָט! ליג דאָ ביז מאָרגן!
און זי איז געבליבן ליגן
דאָ צופֿוסנס ביז פֿרימאָרגן;
אויפֿגעשטאַנען איידער עמיץ
קען דעם אַנדערן דערקענען,
מחמת בועז האָט געזאָגט:
זאָל עס קיינער ניט דערגיין,
אַז געקומען איז די פֿרוי
היינט ביינאַכט אַהער אין שייער.
זאָגט ער: נעם אַראָפּ דעם שלייער
וואָס אויף דיר, און שפּרייט אים אויס
און זי נעמט אַראָפּ דעם שלייער,
שפּרייט אים אויס, און ער שיט אָן
אָפּגעמאָסטן זעקס מאָס גערשטן,
און פֿאַרגיט איר אויפֿן פּלייצע,
און זי גייט און קומט אין שטאָט,
מיט די גערשטן צו דער שוויגער.
פֿרעגט זי איר: פֿונוואַנען טאָכטער?
האָט איר רות באַלד אַלץ דערציילט,
וואָס דער מאַן האָט איר געטאָן.

און זי זאָגט: די זעקס מאָס גערשטן
גיט ער מיר און זאָגט דערביי:
קום ניט ליידיג צו דיין שוויגער.
זאָגט איר נעמי: זיץ מיין טאָכטער,
ביז מיר וויסן וואָס ס'וועט ווערן,
וואָרום דער מאַן וועט ניט רוען,
ביז ער פירט אַלץ אויס נאָך היינט.

---

ד.

בועז גייט אַרויף צום טויער,
זעצט זיך דאָרט, און אָט עס גייט
דער דערמאָנטער אויסלייזער.
זאָגט אים בועז: קום אַהערצו,
זעץ זיך פּלוני און אַלמוני.
גייט ער צו אַהער און זעצט זיך.
בועז רופט צונויף צען מענטשן
פון די אַלטע לייט פון שטאָט,
זאָגט זיי: זעצט זיך! זעצן זיי זיך.
און ער זאָגט צום אויסלייזער:
דעם טייל פעלד פון אונזער ברודער
אלימלך האָט פאַרקויפט שוין
נעמי, וועלכע איז געקומען
איצט צוריק פון מואבס פעלדער.
זאָג איך: כ'מוז דיר ערשט דערציילן.
קויף פאַר אַלע בייזיצערס,
פאַר די זקנים פון מיין פאָלק;
ווילסטו אויסלייזן, לייז אויס,
און אַז ניט, זאָג וועל איך וויסן,
ווייל ניטאָ קיין אַנדער גואל
אויסער דיר און איך נאָך דיר.
ענטפערט יענער: איך לייז אויס!
זאָגט אים בועז: אינם טאָג,
ווען דו קויפסט די פעלד ביי נעמי,
און ביי רות דער מואביה,
קויפסטו אָפּ דעם טויטנס ווייב,
ווייל דו מוזט אַ נאָמען לאָזן
נאָכן טויטן אויף זיין נחלה.
זאָגט דער גואל: כ'קען ניט לייזן,
ווייל כ'פאַרדאַרב דערמיט מיין נחלה,
כ'קען ניט לייזן, לייז אויס דו!
און פאַרצייטן ביי ישראל
איז געווען אַזאַ מין מנהג:
איטלאַכס לייזונג, איטלאַכס בייט,
ווייל מען ס'זאָל אַ קיום האָבן,
ציט דער מאַן זיין שוך אַראָפּ
און דערלאַנגט דעם אַנדערן,
ווערט דערמיט די זאַך באַשטעטיגט.
און דער גואל האָט געזאָגט
בועזן: קויף אָפּ די פעלד! —
און דעם שוך אַראָפּגעצויגן.
רופט אויס בועז צו די זקנים
און צום פאָלק: זייט אַלע עדות,
אַז כ'האָב אָפּגעקויפט ביי נעמין
וואָס ס'געהער צו אלימלך
און צו מחלון און צו כליון;
אויך די רות די מואביה,
מחלונס ווייב האָב איך געקויפט זיך
פאַר אַ ווייב, כדי זיין נאָמען
איבערלאָזן אויף זיין נחלה
און דער נאָמען פונם טויטן
זאָל ניט אָפּגעשניטן ווערן
פון די ברידער און זיין אָרט
— אַלע זאָלט איר עדות זיין! —

און דער גאַנצער פֿאָלק פֿון טויער
און די זקנים זאָגן: עדות!
זאָל די פֿרוי זײַן אין דײַן הויז
גלײַך ווי רחל און ווי לאה,
די וואָס האָבן אויפֿגעבויט
ביידע אונזער הויז ישׂראל;
מאַך פֿאַרמעגנס אין אפֿרתה
און אַ נאָמען אין בית לחם!
און דײַן הויז זאָל זײַן ווי פּרצס,
— דעם זון תּמרס פֿון יהודה —
פֿונם זאָמען וואָס ס׳וועט געבן
גאָט פֿון אָט דער יונגפֿרוי דיר! —
האָט גענומען בועז רותן,
איז זי אים אַ ווײַב געוואָרן,
און ער איז צו איר געקומען,
און זי האָט אַ זון געבוירן.

און די ווײַבער זאָגן נעמין:
זאָל געבענטש זײַן גאָט, וואָס האָט דיר
ניט פֿאַרשטעטערט קיין גואל הײַנט;
בלײַבט זײַן נאָמען אין ישׂראל
און דו האָסט אַ טרייסט אין לעבן
און אַ שפּייזער אויף דער עלטער.
ווײַל געבוירן האָט דײַן שנור אים,
די וואָס האָט דיר ליב און איז דיר
בעסער איידער זיבן זין.
נעמי האָט דעם קינד גענומען
און געלייגט אים אין איר שויס
און גענומען אים דערציִען.
האָבן שכנטעס געזאָגט:
„נעמי האָט אַ זון געבוירן!"
און אים אָנגערופֿן עובד.

# שמשון

א.

האָט דער פאָלק ישראל ווייטער
אַליץ געזינדיגט פאַר גאָט צבאות
האָט גאָט צבאות אים פאַרקנעכטיגט
ביי די פלישתים פערציג יאָר.

---

איז געווען אַ מאַן אין צרעה
פון משפחת ־ דן — מנוח,
האָט זיין ווייב, אַ אומפּרוכטבאַרע,
אים קיין קינדער ניט געבוירן.
איינמאָל האָט צו אָט דער פרוי
זיך באַוויזן גאָטס אַ מלאך
און געזאָגט: ביסט אַן עקרה,
ניט געבוירן, — וועסט פאַרטרעטן
מיט אַ זון; איצט זיי געהיט,
טרינק קיין ווייַן ניט און קיין ביר
און ניט עס קיין אומווירדיגקייט.
וואָרום דו געבוירסט אַ זון,
קומט קיין שערל אויף זיין קאָפּ
ווייל דער יונג וועט זיין אַ נזיר
פון געבוירן ביזן טויט
און הויבט אָן דעם פאָלק ישראל
העלפן פון די פלישתים הענט:
איז די פרוי אַוועק צום מאַן
און דערציילט אים אָט אַזוי:
עמיץ איז צו מיר געקומען,
אַ געשטאַלט ווי גאָטס אַ מלאך,
אויפן אָנבליק מוראדיג;
כ'האָב אים ניט געפרעגט: פונוואַנען?
ער האָט ניט אַנטפּלעקט זיין נאָמען,
נאָר געזאָגט מיר אָט אַזוי:
„וועסט פאַרטרעטן מיט אַ זון,
„זיי ־ זשע אָפּגעהיט פון היינט,
„טרינק קיין ווייַן ניט און קיין ביר
„און ניט עס קיין אומווירדיגקייט,
ווייל דער יונג וועט זיין אַ נזיר
פון געבוירן ביזן טויט.
בעט מנוח ביי גאָט צבאות.
זאָל די געטלעכע געשטאַלט
קומען נאָכאַמאָל צו אונז
און אונז לערנען וואָס צו טאָן
מיטן קינד, וואָס וועט געבוירן.
הערט גאָט צבאות צו זיין שטים,
און דער מלאך קומט אַראָפּ

צו דער פרוי אַ צווייטן מאָל,
ווען זי זיצט אין פעלד אַליין,
און איר מאַן ניטאָ ביי איר.
לויפט די פרוי צום מאַן אַוועק
און דערציילט אים: יענער מענטש
איז שוין נאָכאַמאָל געקומען.
גייט מנוח נאָך זיין פרוי,
קומט צו אים און זאָגט אַזוי:
צי ביסטו עס דער, וואָס האָט
דאַמאָלס מיט מיין פרוי גערעדט?
זאָגט ער: איך! זאָגט אים מנוח:
זאָל זשע קומען איצט דיין וואָרט,
ווי זאָל זיין דעם יינגלס שטייגער,
זיינע מעשים און זיין פירונג.
זאָגט דער מלאך צו מנוח:
זאָל דיין פרוי זיין אָפּגעהיט
פון דאָס אַלץ, וואָס כ'האָב געזאָגט,
זאָל קיין וויין און ביר ניט טרינקען,
און קיין אומווירדיגקייט עסן.
און מנוח זאָגט צום מלאך:
לאָמיר דיך פאַרהאַלטן דאָ
און אַ ציקעלע דיר בראָטן.
זאָגט דער מלאך צו מנוח:
האַלט מיך ניט, איך עס דיין ברויט ניט,
און דיין עולה ברענג צו גאָט
— ניט געוואוסט האָט נאָך מנוח,
אַז דער עמיץ איז אַ מלאך —
זאָגט ער אים: ווי איז דיין נאָמען?
וועט דיין וואָרט מקוים ווערן,
וועלן מיר דיר כבוד אָנטאָן!
ענטפערט אים גאָטס מלאך: פרעג ניט,
ווייל מיין נאָמען איז פאַרהוילן

און מנוח גייט און קומט,
ברענגט אַ ציקעלע מיט זיך
און אַ מנחה אויפן פעלזן,
און פאַרברענט עס פאַר גאָט צבאות,
ערשט מנוח מיט זיין ווייב
זעען ווי ס'געשעט אַ וואונדער:
ווען דער פלאַם האָט זיך דערהויבן
פון מזבח ביזן הימל,
איז גאָטס מלאך אינם פלאַקער
אויפגעגאַנגען און פאַרשוואונדן.
און מנוח מיט זיין ווייב
זעען ווי ס'געשעט דער וואונדער.
און זיי פאַלן צו דער ערד,
מער דעם מלאך ניט געזען.
דאָ האָט ערשט געוואוסט מנוח,
אַז עס איז פון גאָט אַ מלאך.
זאָגט מנוח צו זיין ווייב:
שטאַרבן מוזן מיר איצט ביידע,
ווייל מיר האָבן גאָט געזען.
ענטפערט אים די ווייב: וואָלט גאָט
אונזער ביידנס טויט היינט וועלן,
וואָלט ער איצט ניט צוגענומען
אונזער עולה מיט דער מנחה,
וואָלט ער אַלץ אונז ניט געוויזן
און אונז ניט געלאָזן הערן.
האָט די פרוי אַ זון געבוירן
און אים אָנגערופן שמשון
און דער יונג איז אויסגעוואָקסן
און געבענטשט האָט אים גאָט צבאות
און עס האָט דער גייסט פון גאָט

אים באַוועגט אין מחנה דן
צווישן צרעה און אשתאול.

---

ב.

שמשון קומט אַמאָל קיין תּמנה,
און דערזעט אַ פרוי פון פלישתּים,
גייט צוריק צו טאַטע - מאַמע
און דערציילט: כ׳האָב זיך אין תּמנה
אויסגעזען אַ פלישתּים פרוי,
קומט, נעמט איר מיר פאַר אַ ווייב.
ענטפערן אים טאַטע - מאַמע:
איז ניטאָ פאַר דיר קיין ווייב
ביי דיין פאָלק, ביי דיינע ברידער,
וואָס דו מוזט אַ ווייב זיך נעמען
ביי די פלישתּים די ערלים?
ענטפערט שמשון אָפּ זיין פאָטער.
„אָט די נעמט מיר, זי געפעלט מיר!”
— ניט פאַרשטאַנען האָבן שמשונס
טאַטע - מאַמע, אַז אַ צוטשעפּ
איז פון גאָט עס אויף די פלישתּים,
ווייל זיי הערשן אויף ישראל. —
זיינען זיי אַוועק קיין תּמנה,
שמשון מיט זיין טאַטן - מאַמען
און געקומען ביז די כּרמים.
ערשט עס שפּרינגט אַנטקעגן אים,
ברילנדיג, אַ יונגער לייב.
איז אַרויף אויף אים גאָטס גייסט,
האָט ער באַלד מיט הוילע הענט
אָט דעם ווילדן לייב צופליקט,
ווי אַ ציקעלע אַ קליינס;
פון זיין גרויסער העלדישקייט
טאַטן - מאַמען ניט דערציילט,
און אַוועק צו יענער פרוי
און זיך דורכגערעדט מיט איר.
איז די פרוי געפעלן אים;
אָפּגערעדט די חתונה,
זיינען זיי צוריק אַוועק.
גייענדיג טוט ער אַ בליק,
וואו עס ליגט דער פּגר - לייב
זעט ער אינם פּגר - לייב
ווימלען בינען, לייגן האָניג;
שעפּט ער האָניג פולע הענט
עסט און לעקט עס גייענדיג,
קומט צוריק צו טאַטן - מאַמען
און דערלאַנגט זיי און זיי עסן,
און ער זאָגט ניט טאַטן - מאַמען,
אַז ער האָט פון פּגר - לייב
אָט די האָניג אָנגעשעפּט.
איז ער צו דער פרוי אַוועק
און אַ מאָלצייט דאָרט געמאַכט,
ווי עס מאַכן די חתנים.
און מ׳האָט אים דאָרט געגעבן
דרייסיג יונגען פאַר חברים.
זיינען זיי געווען ביי אים.
איינמאָל זאָגט ער צו די יונגען:
כ׳וועל אַ רעטעניש אייך פרעגן;
וועט איר טרעפן און מיר זאָגן
אין די זיבן מאָלצייט - טעג
קריגט איר דרייסיג ליילעכער
און אויך דרייסיג קליידער - פּאָרן
אָבער אויב איר טרעפט איר ניט
אין די זיבן מאָלצייט טעג
קריג א י ך דרייסיג ליילעכער

און אויך דרייסיק קליידער - פּאָרן.
ענטפערן אים די חברים:
פּרעג דיין רעטעניש, מיר הערן.
פּרעגט ער זיי זיין רעטעניש:
„פון אַ עסער קומט אַ עסן,
פון אַ שטאַרקן קומט אַ זיסער״.
טראַכטן זיי דריי טעג און נעכט,
טרעפן ניט די רעטעניש.
זאָגן זיי צו שמשונס ווייב:
קריג ארויס די רעטעניש
ביי דיין מאַן און זאָג איר אונז,
אַנדערש וועלן מיר פאַרברענען
דיך און אויך דיין טאַטנס הויז.
האָסטו אים אהער גערופן,
אָפּצוּוירשענען אונז אַלע?
איז די ווייב אַוועק צו אים
אָנגעהויבן וויינען - קלאָגן:
האָסט מיך פיינט, האָסט מיך ניט ליב;
האָסט אַ רעטעניש געפרעגט
און פאַר מיר עס ניט אַנטפּלעקט!
זאָגט איר שמשון: כ'האָב מיין טאַטן
און מיין מאַמען ניט אַנטפּלעקט!
ווי וועל איך עס דיר אַנטפּלעקן?
וויינט זי, קלאָגט זי איבער אים
אַלע זיבן מאָלצייט - טעג,
ביז זי האָט אים איינגעמאַטערט,
האָט ער איר דעם סוד אַנטפּלעקט
און זי האָט עס אויסגעגעבן
פאַר די דרייסיק בחורים.
און אין טאָג אין זיבעטן,
איידער ס'איז די זון פאַרגאַנגען,
זאָגן אים די בחורים:
וואָס קען זיסער זיין פון האָניק
און וואָס שטאַרקער פון אַ לייב?
שמשון הערט און זאָגט צו זיי:
„מיט מיין קעלבעלע געאַקערט
און מיין רעטעניש געטראָפן״!..
איז אַרויף אויף אים גאָטס גייסט
און ער גייט קיין אשקלון
און ער שלאָגט דאָרט דרייסיק מאַן,
נעמט ביי זיי די קליידער צו
און גיט אָפּ די בחורים
און מיט כּעס גייט ער צוריק
אין זיין טאַטע - מאַמעס הויז.
דאַמאָלס איז זיין ווייב אַוועק
צו זיין חבר פון די פּלישתּים.

---

און ס'קומט אָן דער שניט פון ווייץ.
שמשון נעמט אַ ציקעלע
און גייט אויפזוכן זיין ווייב,
וויל צו איר אַריין אין קאַמער,
נאָר איר פאָטער לאָזט אים ניט,
זאָגט צו אים: איך האָב געמיינט,
האָסט איר פיינט, האָב איך דערום
איר דיין חבר אָפּגעגעבן.
האָט זי דאָך אַ שוועסטערל
אַ ייִנגערע, אַ שענערע,
נעם זשע יענע אָנשטאָט איר!
ענטפערט שמשון: היינטיקס מאָל
רעכן איך זיך אָפּ מיט אייך.
גייט און כאַפּט דריי הונדערט פיקס
נעמט אויך שטוקאַרצן דריי הונדערט,
איינגעפלאָכטן עק אין עק
מיט איין שטוקאַרץ אין צווייִ עקן

און צינדט אָן די שטוקאַרצן
און צוויאָגט די פיקס דריי ־ הונדערט
אין די פעלדער פון די פלישתּים
און צינדט אָן א העליש פייער
אין די שייערן און תּבואות,
אין די וויינגערטנער און סעדער.
און עס פרעגן זיך די פלישתּים:
ווער האָט עס אונז אָפּגעטאָן?
ענטפערט מען: דאָס האָט געטאָן אונז
שמשון דעם תּמנתערס איידים,
ווייל ער האָט זיין ווייב גענומען
אָפּגעגעבן איר זיין חבר.
ווערן אויפגעבראַוזט די פלישתּים,
גייען זיי אַוועק אהינצו,
און פאַרברענען באַלד אין פייער
שמשונס ווייב מיט זיין פאַמיליע.
שמשון זאָגט: אַזוי טוט איר?
נעם איך איינמאָל שוין נקמה,
און דערמיט געמאַכט א סוף.
אָנגעפאַלן און געשלאָגן
איבער שיינקלען, איבער דיכן,
אויסגעהרגעט מחנות פלשתּים
און אַוועק צום פעלזן עיטם
און באַזעצט זיך אין א הייל.
זיינען אָנגעקומען פלשתּים
און צולייגט זיך אין יהודה
און פאַרשפּרייט זיך דאָרט אין טאָל
פרעגן די יהודה ־ לייט:
וואָס זיינט איר צו אונז געקומען?
זאָגן זיי: מיר ווילן בלויז
נעמען שמשונען געפאַנגען
און פאַר אַלץ זיך אָפּרעכענען,
וואָס ער האָט מיט אונז געטאָן.
גייען באַלד דריי טויזנט מאַן
פון יהודה דאָרט אין הייל
און זיי פרעגן שמשונען:
ווייסט דאָך, אַז ס׳געוועלטיגן
איבער אונזער פאָלק די פלישתּים!
ווי זשע טוסטו עס אַזוינס?
ענטפערט שמשון זיינע ברידער:
ווי זיי האָבן מיר געטאָן,
האָב איך זיי בלויז אָפּגעטאָן.
זאָגן די יהודה ־ לייט:
זיינען מיר אהער געקומען
בינדן דיך און איבערגעבן
אין די הענט פון אָט די פלישתּים:
ענטפערט שמשון: שווערט נאָר מיר,
איר אַליין זאָלט מיך ניט טויטן.
זאָגן זיי: ניין, בלויז דיך בינדן
און צו זיי דיך איבערגעבן,
אָבער ניט אַליין דיך טויטן.
און זיי נעמען צוויי שטריק גראָבע
בינדן שמשונען און פירן
אים אַרויס פון פעלזן עיטם.
ווי ער קומט אַראָפּ אין טאָל,
און ס׳דערזעען אים די פלישתּים
הויבן זיי אָן ליאַרימען
אים אַנטקעגן פון גרויס פרייד.
איז אויף אים אַרויף גאָטס גייסט,
ווערן אים די שטריק ווי פלאַקס,
אָנגעצונדענע פון פייער
און עס ווערן באַלד די קניפּ
אויף די הענט ביי אים צוקראָכן.
באַלד נאָכדעם האָט ער געפונען

דאָרט אַ קינבאַק פון אַן אייזל
און ער האָט מיט אָט דעם קינבאַק
אויסגעהרגעט טויזנט מאַן.
און געזאָגט אַליין צו זיך:
מיטן קינבאַק פון אַן אייזל
אויסגעהרגעט הויפנס אייזלען
מיטן קינבאַק פון אַן אייזל
אויסגעהרגעט טויזנט מאַן.
אָפּגעזאָגט, די באַק פאַרוואָרפן
און גערופן יענעם אָרט:
רמת - לחי (קינבאַק - אָפּוואַרף)
און פון דאָרטן גייענדיק,
האָט אים אָנגעכאַפּט אַ דאָרשט
און ער האָט צו גאָט גערופן:
גאָט, דו האָסט דאָך דורך דיין קנעכט
אָט די גרויסע הילף געגעבן;
זאָל איך שטאַרבן איצט פון דאָרשט
און אַריינפאַלן אַ טויטער
אין די הענט פון די ערלים?
האָט אים אָנגעכאַפּט אַ דאָרשט
און דעם טאָל דאָרט אויפגעשפּאָלטן
און ס'איז וואַסער אויסגעקוואָלן.
האָט זיך שמשון אָנגעטרונקען,
און זיין גייסט האָט אויפגעלעבט
און פון דאַמאָלס אָן האָט שמשון
צוואַנציק יאָר דעם פאָלק ישראל
אין דער פּלישתּים - צייט געמשפּט.

ג.

שמשון גייט אַמאָל קיין עזה
און דערזעט אַ פרוי אַ זונה
און ער קומט צו איר. דערהערן
די עזתים, קלייבן זיי
זיך אַרום די גאַנצע נאַכט
ביי די טויערן פון שטאָט,
שושקען זיך די גאַנצע נאַכט
זאָגנדיק: ביז אינדערפרי,
מוזן מיר אים הרגענען!
שמשון שלאָפט ביז האַלבע נאַכט.
פּלוצים, גראָד אום האַלבע נאַכט
שטייט ער אויף און כאַפּט די טיר
פון די טויערן פון שטאָט
פאַר די ביידע בײשטידלען,
רייסט אַרויס זיי מיטן ריגל,
לייגט אַרויף זיך אויף די פּלייצעס,
לויפט אַוועק און ווערט פאַרשוואונדן
אויפן באַרג - שפּיץ וואָס פאַר חברון.

---

שפּעטער קריגט ער ליב אַ פרוי
אינם שורק - טאָל, דלילה.
הערן עס די פּלישתּים - פירשטן
קומען זיי און זאָגן איר.
רעד אים איין און ווער געוואָר,
וואו נעמט ער זיין גרויסן כּוח?
אפשר וואָלטן מיר געקענט
בייקומען און בינדן אים,
בינדן און פאַרפּייניקן;
דו באַקומסט פון אונז דערפאַר
הונדערט טויזנט זילבערשטיק.
פאָלגט דלילה זיי און בעט
שמשונען, ער זאָל איר זאָגן,
וואו נעמט ער זיין גרויסן כּוח?
ווי וואָלט עמיצער געקענט
בייקומען און בינדן אים,
בינדן און פאַרפּייניקן?

זאָגט איר שמשון: זאָל מען בינדן
מיט זיבן פייכטע שטריק,
ביז געטריקנטע, ווער איך
קראַנק און שוואַך ווי אַלע מענטשן.
האָבן איר די פּלישתּים פירשטן
זיבן פייכטע שטריק געבראַכט,
ביז געטריקנטע, און זי
האָט מיט זיי געבונדן אים.
זיצט דער לויערער אין חדר
און דלילה הויבט אָן פּלוצים
שרייען „פּלישתּים גייען, שמשון!"
שמשון האָט די שטריק צוריסן
ווי אַ פאָדים אויפן פייער
און זיין כּוח וויים ניט קיינער.
רופט זיך אָן צו אים דלילה:
האָסט געשפּעט פון מיר, געלייקנט?
זאָג זשע איצטער מיר, מיט וואָס
קען מען בייקומען דיך, בינדן?
רופט זיך שמשון אָן צו איר:
בינדט מען מיר מיט נייע שטריק,
ביט גענוצט קיין איינציג מאָל,
ווער איך שוואַך ווי אַלע מענטשן.
נעמט דלילה נייע שטריק,
וויקלט אים אַרום מיט זיי,
זיצט דער לויערער אין חדר
און דלילה הויבט אָן פּלוצים
שרייען: פּלישתּים גייען שמשון!
שמשון האָט די שטריק צוריסן
ווי אַ פאָדים אויפן פייער.
רופט זיך ווידער אָן דלילה:
האָסט נאָך אַלץ פון מיר געשפּעט
האָסט נאָך אַלץ פאַר מיר געלייקנט!

זאָג זשע איצטער מיר, מיט וואָס
קען מען בייקומען דיך, בינדן?
זאָגט ער: אויב דו וועסט פאַרפלעכטן
מיינע זיבן לאָקן האָר
מיט אַ שפּינדל — ווער איך שוואַך.
נעמט דלילה זיינע לאָקן,
פלעכט צונויף זיי מיט אַ שפּינדל
און פאַרפעסטיגט מיט אַ פּלעקל,
זיצט דער לויערער אין חדר,
און דלילה הויבט אָן פּלוצים
שרייען: פּלישתּים גייען, שמשון!
טוט ער זיך אַ כאַפּ פון דרימל,
רייסט אַרויס דעם וועבער - פּלעקל
מיטן שפּינדל. זאָגט דלילה:
דו זאָגסט אַלץ: „איך האָב דיך ליב!"
און דיין האַרץ איז פרעמד פון מיר.
דריי מאָל שפּעטסטו שוין פון מיר
און אַנטפּלעקסט מיר ניט דיין כּוח!
אַט אַזוי האָט זי געמאַטערט
טאָג נאָך טאָג אים און געפּייניגט,
ביז ס'ווערט אים דער לעבן נמאס
און ער זאָגט איר אויס דעם אמת:
כ'בין אַ נזיר פון געבורט,
האָב קיין שערל ניט פאַרזוכט;
ווער איך איינמאָל אָפּגעגאָלט,
גייט אַוועק פון מיר מיין כּוח
און כ'ווער שוואַך ווי אַלע מענטשן.
דאַמאָלס האָט דערזען דלילה,
אַז ער האָט איר אַלץ אַנטפּלעקט,
זאָגט זי אָן די פּלישתּים - פירשטן:
קומט צו מיר נאָך היינטיגס מאָל,
ווייל ער האָט מיר אַלץ אַנטפּלעקט.

זיינען זיי צו איר געקומען
און דאָס געלט מיט זיך געבראַכט.
און דלילה האָט פאַרשלעפערט
שמשונען אויף אירע קני
און אַ מאַן אַריינגערופן;
איז דער מאַן אַריינגעקומען.
אָפּגעגאָלט די זיבן לאָקן
און דלילה האָט געפּייניגט
שמשונען אויף אירע קני,
איז פון אים אַוועק זיין כּוח.
נאָכדעם נעמט דלילה פּלוצים
שרייען: פּלשתּים גייען, שמשון!
טוט ער זיך אַ כאַפּ פון דרימל,
טראַכט: איך וועל ווי אַלע מאָל
אויפטרייסלען זיך און אַנטלויפן;
ניט געוואוסט האָט אָבער שמשון,
אַז פאַרלאָזן האָט גאָט אים שוין.
האָבן אים געכאַפּט די פּלשתּים,
זיינע אויגן אויסגעשטאָכן
און געבונדן אים אין קייטן
און אַוועקגעפירט קיין עזה,
אין אַ תּפיסה איינגעשפּאַרט,
פלעגט ער מאָלן דאָרט אויף זשאָרנעס.
און די האָר די האָט אָנגעהויבן
אָפּצוּוואַקסן נאָכן גאָלן.
און די פּלשתּים - פירשטן זיינען
איינמאָל זיך צונויפגעקומען
אויף אַ שמחה און אַ סעודה
לכבוד דגון זייער גאָט,
וועלכער האָט זיי אָפּגעגעבן
זייער פיינט דעם גבור שמשון.
און דער פאָלק האָט זיך צוהוליעט,
זינגענדיג אַ לויב צו דגון,
וועלכער האָט זיי אָפּגעגעבן
דעם פאַרוויסטער פון דער לאַנד
דעם פאַרטיליגער פון פאָלק.
רופט זיך איינער אָפּ צום צווייטן:
לאָמיר ברענגען שמשונען,
איבער אים זיך לוסטיג מאַכן.
האָט מען אים געבראַכט פון תּפיסה,
צווישן זיילן אים געשטעלט
און ער האָט געשטיפּט פאַר זיי.
און דער טעמפּל איז געווען
אָנגעפּילט מיט מענער, פרויען
און אַ סך אויך אויפן דאַך,
אַלע פון די פּלשתּים - פירשטן
מענער, פרויען ביי דריי טויזנט
וועלכע קוקן שמשונס שטיף,
רופט זיך שמשון אָפּ צום ייִנגל
וואָס האָט אים ביים האַנט געפירט:
לאָז מיך אָנטאַפּן די זיילן,
וואָס דער טעמפּל שטייט אויף זיי.
כ'וויל זיך אָנשפּאַרן אָן זיי.
און ביי גאָט האָט ער געבעטן:
גאָט אַלמעכטיגער, געדיינק מיך,
שטאַרק מיך, גאָט, נאָר אויף דעם מאָל
לאָז מיך נעמען איין נקמה
פאַר די ביידע אויגן מיינע!
און ער האָט אַרומגעכאַפּט
מיט די הענט די ביידע זיילן
וואָס דער טעמפּל שטייט אויף זיי
און אויף זיי זיך אָנגעשפּאַרט
איינמאָל רעכטס און איינמאָל לינקס.
אַ געשריי געטאָן מיט אימפּעט:

„איך וויל שטאַרבן מיט די פּלישתּים!"
און אַ בויג געטאָן מיט כּוח,
איז דער טעמפּל איינגעפאַלן
אויף די פירשטן מיטן פאָלק.
און דערהרגעט האָט ער פּלישתּים
מער ביים טויט ווי פאַרן לעבן.
און געקומען זיינען שפּעטער
זיינע ברידער און פאַמיליע
און זיין גוף אַוועקגעטראָגן
און צו קבורה אים געבראַכט:
צווישן צרעה און אשתאול
אינם קבר פון זיין פאָטער,
און ער איז געווען אַ שופט
ביי ישראל צוואַנציק יאָר.

# פּלגש בגבעה

אין יענער צייט, ווען ס'איז קיין מלך,
אין פֿאָלק ישראל ניט געווען,
האָט איינער פונם שבט לוי
געוואוינט ביים זייט פון בארג אפרים
און האָט אַ קעבסווייב זיך גענומען
פון שטאָט בית - לחם, פון יהודה.
און ס'האָט די קעבסווייב אים פארלאָזן
און איז אַוועק פון אים צום פאָטער,
אין שטאָט בית - לחם פון יהודה,
און דאָרט געזעסן פיר חדשים.
און ס'איז דער מאַן נאָך איר געגאַנגען
צוריק צו ברייגנען איר אין שטוב,
און ער האָט מיטגענומען מיט זיך
זיין יונג און אייזלען אויך אַ פּאָר.
האָט זי אַריינגעפירט דעם מאַן
אין פאָטערס הויז; און ווי דער שווער
האָט דאָ דערזען זיין יונגן איידים,
האָט ער מיט אים דערפרייט זיך הארציג
און אים פארהאַלטן אויף דריי טעג,
און מ'האָט געגעסן און געטרונקען.
אַז ס'איז דער פערטער טאָג געקומען,
האָט זיך דער איידים שוין געפעדערט
געוואָלט אין וועג אריין זיך לאָזן.
זאָגט אים דער שווער: ביים עפּעס איבער

און נאָכדעם וועט איר קענען גיין.
האָט זיך דער איידים מיטן שווער
געזעצט, געגעסן און געטרונקען,
ביז ס'איז אַזוי דער טאָג פאַרביי.
זאָגט דאַמאָלס נאָכאַמאָל דער שווער:
פארבלייבט שוין דאָ אויף איבער נאַכט,
וועסטו ביי אונז זיך לאָזן וואוילגיין.
און ס'האָט דער איידים אים געפאָלגט
און נאָך אַ נאַכט געבליבן דאָרטן.
דעם פינפטן טאָג האָט ער געוואָלט
זיך לאָזן פרי אין וועג אריין.
האָט אים דער שווער געזאָגט:
„ביים איבער"!
און ווידער האָט ער דאָרט פארווײלט
דעם גאַנצן טאָג ביז שפּעט פארנאַכט.
און אַז דער מאַן האָט שוין געוואָלט
זיך לאָזן גיין מיט ווייב און יונג,
האָט ווידער אים דער שווער געזאָגט:
עס איז דער טאָג דאָך שוין אַרונטער,
טאָ נעכטיגט איבער נאָך די נאַכט
און מאָרגן וועט איר אויפשטיין פרי
און גיין אין וועג צו אייער הויז.
דער מאַן האָט אָבער ניט געוואָלט
פארבלייבן ווייטער נאָך אויף נאַכט,

האָט ער גענומען אַלץ מיט זיך
און זיך געלאָזט אין וועג אַריין
און אָנגעקומען ביז יבוס —
מיט אים זיין קעבסווייב און זיין יונג
און אַ פּאָר אייזלען אָנגעלאָדן.
און ווי זיי קומען ביי יבוס,
איז שוין דער טאָג געווען פאַרביי,
און ס'האָט דער יונג געזאָגט צום האַר:
קום, לאָמיר גיין אין שטאָט יבוס
און וועלן דאָרטן נעכטיגן.
זאָגט אים דער האַר: מיר גייען ניט
אין שטאָט פון פרעמדע, ניט - ישׂראל;
מיר וועלן בעסער גיין קיין גבעה,
וואָס איז אין חלק פון בנימין,
און וועלן דאָרט נעכטיגן.
אַזוי איז טאַקי אויך געשען:
זיי האָבן זיך אַהין געלאָזט,
און ווי די נאַכט איז צוגעפאַלן,
פאַרנומען זיך אַהין, קיין גבעה,
צו איבערנעכטיגן ביז פרי.
נעקומען, זיך אַוועקגעזעצט
אינמיטן גאַס פון שטאָט, און קיינער
פאַרבעט זיי ניט צו זיך אין שטוב.
ערשט ס'קומט אין גאַס אַן אַלטער מאַן,
פון פעלד געגאַנגען, נאָך דער אַרבעט,—
אַליין פון באַרג אפרים, בלויז
געוואוינט אין גבעה פון בנימין,—
האָט ער אַ בליק געטאָן אין גאַס
און האָט דערזען דעם פרעמדן מאַן.
און ס'פרעגט דער אַלטער מאַן דעם
גאַסט:
פונוואַנען קומסטו און וואו גייסטו?
זאָגט ער: מיר קומען פון בית לחם
צום ווינקל פונם באַרג אפרים,
איך שטאַם פון דאָרט, און גיי צוריק
פון באַרג אפרים קיין בית לחם
און קיינער נעמט מיך ניט אין שטוב.
מיר האָבן שטרוי און פוטער פאַר
די אייזלען, ברויט און וויין פאַר מיר,
און פאַר דיין דינט און פאַרן יונג
און פאַר די קנעכט — ס'פעלט קיין
שום זאַך!
זאָגט אים דער אַלטער: פריד צו דיר.
אַלץ, וואָס געפעלט דיר, וועל איך געבן,
זאָלסט נאָר אין גאַס ניט נעכטיגן.
און ער האָט אים אין שטוב געבראַכט
און פאַר די אייזלען שפייז געמאַכט
און זיי האָבן די פיס געוואַשן
און דאָרט געגעסן און געטרונקען.
און ווי זיי לאָזן וואוילגיין זיך,
און אָט די שטאָט לייט, אויסוואורפן,
פאַרזאַמלען זיך אַרום דער שטוב
און קלאַפּן אין דער טיר און זאָגן
צום אַלטן מאַן דעם באַלעבאָס:
גיב אונז אַרויס דעם פרעמדן מאַן,
וואָס איז צו דיר אין שטוב געקומען,
מיר ווילן זיך מיט אים באַקענען.
דער אַלטער איז צו זיי אַרויס
און האָט געזאָגט: ניין, ברידער מיינע,
איך בעט ביי אייך, טוט ניט קיין
שלעכטס!
איז שוין דער מאַן דער דערדאָזיגער
צו מיר אין שטוב אַריינגעקומען,

שאַ טו ניט אָט די שענדלעכקייט!
אָט איז די טאָכטער מיינע דאָרט,
א בתולה איז זי, און זיין קעבסווייב,
זיי וועל איך אייך ארויסגעבן,
און פּייניגט זיי און טוט מיט זיי
אלץ, וואָס נאָר אייער האַרץ געלוסט,
בלויז יענעם מאַן זאָלט איר ניט טאָן
די שאַנד — זאַך אָט דידאָזיגע!
עס האָבן אָבער ניט געוואָלט
די לייט פון שטאָט אים צוהערן.
און ס'האָט דעם מאַן אַ נעם געטאָן
זיין קעבסווייב און ארויסגעפירט
אין דרויסן צו די לייט פון שטאָט
און יענע האָבן זיך צו איר
דערנענטערט און געפּייניגט איר
די גאַנצע נאַכט ביז אינדערפרי,
און ערשט פאַרטאָג איר אָפּגעלאָזט.
און ס'איז די פרוי פאַרטאָג געקומען
געפאַלן ביי דער טיר פון שטוב,
וואו ס'שלאָפט איר האַר, און ביז פרימאָרגן
געבליבן ליגן פאַר דער שוועל.
איז אויפגעשטאַנען אינדערפרי
איר האַר, די טירן אויפגעעפנט,
געוואָלט אין וועג זיך לאָזן גיין,
זעט ער, זיין קעבסווייב ליגט ביים טיר,
די הענט פארוואָרפן אויפן שוועל.
זאָגט ער צו איר: „קום לאָמיר גיין!"
זי ענטפערט ניט. הויבט ער איר אויף
און לייגט אַרויף איר אויפן אייזל
און לאָזט זיך פאָרן אין זיין שטאָט.
ער קומט אַ היים און נעמט אַ שווערד
צעשניידט זיין קעבסווייב אויף צוועלף שטיקער
און שיקט פאַנאַנדער אירע שטיקער
אין גאַנצן גרענעץ פון ישראל.
און איטלעכער, וואָס זעט, פלעגט זאָגן:
ס'איז ניט געוועזן און ניט געשען
אזוינס נאָך קיינמאָל ביי ישראל
זינט ס'איז דער פאָלק באַפרייט געוואָרן
פון לאַנד מצרים ביז אויף היינט;
באַטראַכט־ זשע זיך און גיט אַן עצה!
און ס'האָבן זיך די בני ישראל
צונויפגעקליבן ווי איין מאַן,
פון דן, באר שבע, ביז לאַנד גלעד,
פאַר גאָט אין מצפה, מיט די פירשטן
פון גאַנצן פאָלק, פון אַלע שבטים —
פיר הונדערט מענטשן פוסגייערס,
באַוואָפנט אַלע מיט די שווערדן.
און איינער פרעגט דעם אַנדערן:
„דערציילט, ווי איז דאָס שלעכטס געשען?"
דערציילט דער לוי, יענער מאַן
פון דער צום טויט פארפּייניגטער:
איך בין קיין גבעה פון בנימין
אַריינגעקומען מיט מיין קעבסווייב
צו איבערנעכטיגן אַ נאַכט.
און אָט זיינען די לייט פון גבעה
צונויפגעקומען זיך ביינאַכט,
אַרומגערינגלט אונזער שטוב,
געוואָלט מיך טויטן אויפן שטעל,
מיין קעבסווייב אָבער האָבן זיי
די גאַנצע נאַכט צום טויט פארפּייניגט.
האָב איך מיין קעבסווייב מיטגענומען,

צושניטן איר אויף גלידער צוועלף,
צושיקט די שטיקער אין ישראל,
און זאָלן אַלע וויסן, ס'איז
אַ שאַנד און נידערטרעכטיגקייט
געטאָן געוואָרן אין ישראל;
אָט זייט איר אַלע, בני ישראל,
דערלאַנגט אַהער אַ וואָרט, אַ ראָט!
האָט זיך געשטעלט דער גאַנצער פאָלק
און אַלע, ווי איין מענטש, געזאָגט:
מיר גייען ניט אַהיים צוריק,
מיר קומען ניט אין אונזער הויז;
מיר מוזן אָט וואָס טאָן צו גבעה.
אויף איר זיך לאָזן דורך אַ גורל;
מיר נעמען צען פון איטלעכס הונדערט.
פון אַלע שבטים פון ישראל,
און אַלע גייען אָנגעוואָפנט
און אָנגעגרייט מיט שפּייז געגנוג,
פאַרגעלטן גבעה פון בנימין
פאַר יענער נידערטרעכטיגקייט,
וואָס ניט געהערט נאָך אין ישראל.
און ס'האָבן זיך צונויפגעקליבן
די בני ישראל פאַר דער שטאָט
ווי איין מאַן אַלינקע חברים.
און זיי האָבן געשיקט שלוחים
פון אַלע שטאַמען פון בנימין
געפרעגט: וואָס איז עס פאַר אַ שלעכטס
וואָס איז געשען ביי אייך! גיט אונז
אַרויס די אויסוואָרפן פון גבעה
מיר טויטן זיי און ראַמען אויס
די שלעכטס די גאַנצע פון ישראל.
די בני בנימען האָבן אָבער
די בני - ישראל ניט געפאָלגט,
זיי האָבן זיך צונויפגעקליבן
קיין גבעה פון די שטעט בנימינס
אויף אַ מלחמה מיט ישראל.
און ס'האָבן באַלד די בני בנימין
געציילט זיך זעקס און צוואַנציג טויזנט,
באַוואָפנט אַלע, שווערדן - ציערס,
אַ חוץ די איינוואוינערס פון גבעה
אין צאָל פון זיבנהונדערט יונגען.
און פונם גאַנצן פאָלק געווען
נאָך זיבנהונדערט יונגעלייט,
וואָס האָבן מיט דער לינקער האַנט
געשליידערט שטיינער אין אַ האָר
און קיינמאָל ניט פאַרפעלט דעם ציל.
און ס'האָבן אויך די בני - ישראל
געציילט פיר הונדערט טויזנט מאַן,
באַוואָפנט אַלע, שווערדן - ציערס,
געלערנטע מלחמה - לייט.
און זיי זיינען אַוועק קיין בית - אל,
געפרעגט ביי גאָט אַזוי-צו זאָגן:
ווער זאָל פון אונז דער ערשטער גיין
צו שלאָגן זיך מיט בני בנימין?
זאָגט גאָט: „יהודה גייט דער ערשטער"!
און ס'האָט ישראל זיך געפעדערט,
אַרויס אין פעלד אַנטקעגן גבעה
און באַלד אויף איר אַ שלאַכט געעפנט:
בנימין אָבער איז אַרויס
צו אים פון גבעה און געשלאָגן
די בני - ישראל יענעם טאָג
ביז צוויי און צוואַנציג טויזנט מאַן.
די בני - ישראל שטאַרקן זיך
און גרייטן ווידער זיך אין שלאַכט
זיי טוען תפילה ביז פאַרנאַכט

און פרעגן, וויינענדיג, בײַ גאָט:
צי זאָלן מיר נאָך גיין אין קריג
קעגן מיט בנימין, אונזער ברודער?
האָט גאָט געענטפערט: גייט אויף אים!
און ס'האָבן זיך די בני - ישראל
דעם צווייטן טאָג געלאָזט אין שלאַכט.
און ס'זיינען באַלד די בני - בנימין
אַנטקעגן זיי אַרויס פון גבעה
און האָבן ווידער אויסגעמאָרדעט
ביז אַכצן טויזנט מאַן פון זיי
באַוואָפנטע מיט שווערדן אַלע.
איז דאַמאָלס שוין דער גאַנצער פאָלק
אוועק קיין בית - אל, דאָרט געוויינט,
געפאַסט פאַר גאָט אַ גאַנצן טאָג,
און אויפגעבראַכט פאַר אים קרבנות
און ווידער אָנגעפרעגט בײַ גאָט —
(אין יענער צייט איז דאָרט געווען
דער ארון פון גאָטס בונד, און פנחס,
זון פון אליעזר, זון פון אהרן,
איז דאָרט פאַר אים געשטאַנען דאַמאָלס)
אַזוי צו זאָגן: צי זאָל איך ווידער
מלחמה האַלטן מיט מיין ברודער
צי אפשר זאָל איך אויפהערן?
האָט גאָט געענטפערט: גייט, ווייל מאָרגן
וועל איך אים געבן אייך אין האַנט!
און ס'האָט ישראל לויערערס
אַוועקגעשטעלט אַרום בײַ גבעה.
זיי האָבן אויפן דריטן טאָג
זיך אויסגעשטעלט ווי אַלעמאָל,
און ס'האָבן זיך די בני - בנימין
אַרויסגעלאָזט אַנטקעגן פאָלק,
אַוועקגערוקט זיך ווייט פון שטאָט

און אָנגעהויבן מאָרדעווען,
ווי אַלע מאָל, פון צווישן פאָלק,
אין פעלד, דאָרט אויף די שמאָלע שטעגן,
וואָס איינע פירט קיין בית - אל, און
די אנדערע קיין גבעה גייט,
בײַ דרייסיג טויזנט זייערע.
און ס'האָבן שוין די בני - בנימין
געזאָגט צו זיך: זיי פאַלן היינט
פאַר אונז, ווי אין די ערשטן מאָלן.
די בני - ישראל אָבער האָבן
געזאָגט: לאָמיר נאָכמער אַנטלויפן,
און זיי אַרויסרוקן פון שטאָט
אויף אָט די שטעגן ווייט און ווייטער
און ס'האָט די מחנה פון ישראל
זיך אָפּגערוקט ביז בעל - תמר
און ס'קריכט אַרויס דער לויערער
פון זיין באהעלטעניש בײַ גבעה
און שטעלט זיך אויס, צענטויזנט מאַן,
די בעסטע יונגען פון ישראל,
און ס'הויבט זיך אָן אַ שווערע שלאַכט.
און יענע ווייסן גאָרניט, אַז
דער אומגליק איז שוין נאָנט צו זיי.
האָט גאָט געפּלאָגט בנימינען
און ס'האָט ישראל אים געשלאָגן:
פינפאונצוואנציג טויזנט און
נאָך הונדערט מאַן באַוואָפנטע
און ס'האָבן שוין די בני בנימין
געזען, אַז זיי ווערן געשלאָגן,
די בני ישראל האָבן אָבער
געלאָזט אַ פּלאַץ נאָך פאַר בנימין;
פאַרלאָזט זיך אויפן לויערער.
וואָס איז געשטאַנען דאָרט בײַ גבעה.

און ס'האָט דער לויערער געאײַלט
אַריין אין גבעה און צושפּרייט זיך
און מיטן שווערד די שטאָט צוהרגעט.
און ס'איז באַשטימט געווען אַ צייט
דער לויערער פון בני ישראל,
צום אָנצינדן אין שטאָט אַ פייער
און אויפברייינגען אַ רויך געדיכט.
און ווען ישראל איז אין שלאַכט
אַנטלאָפן פאַר זיין נאָכיאָגער,
און ס'האָט בנימין אָנגעהויבן
אים שלאָגן טויטע, דרייסיג מאַן,
און האָט געמיינט, ער מאָרדעט זיי
אין שלאַכט, ווי אין די ערשטע מאָלן,—
האָט אומגעריכט פון שטאָט דער רויך
אַ זעץ געטאָן געדיכטע זיילן,
בנימין קוקט אויף הינטער זיך,
און אַט עס טראָגן זיך די פלאַמען
פון שטאָט צום הימל הויך און ברייט,
און דאָ קערט זיך ישראל אום.
האָט זיך בנימין שטאַרק דערשראָקן,
ווייל ער האָט שוין באַשיינפערלעך
געזען, ווי ס'שפּאַרט אויף אים
דער אומגליק.
און ער האָט זיך פאַרקירעוועט
צום וועג פון מדבר פאַר ישראל,
האָט אָבער אים די שלאַכט דעריאָגט
און פון די שטעט איז מען אַרויס
און אים פאַרטיליגט אויפן שטעל,
בנימינען אַרומגערינגלט
געיאָגט, געפּלאָגט, קיין רו געלאָזט,
פון זון - אויפגאַנג ביז קעגן גבעה
און ס'זיינען אַכצן טויזנט מאַן
געפאַלן דאָמאָלס פון בנימין
אַלץ העלדן, שווערד - באַוואָפנטע
זיי האָבן זיך פאַרקירעוועט,
אַנטלאָפן ביזן מדבר - דן,
אַנטקעגן פעלזנשטיין פון רימון,
מ'האָט זיי אָבער אויפגעקליבן
פינפטויזנט מאַן דאָרט אויף די שטעגן,
געיאָגט זיי אויך אַנטקעגן גדעום,
געשלאָגן דאָרט צוויי טויזנט מאַן, —
געפאַלן זיינען פון בנימין
ביי פינפאונצוואַנציג טויזנט מאַן
אַלץ העלדן שווערד באַוואָפנטע,
געפאַלן אַלע אין איין טאָג
און ס'האָט די מאַנשאַפט פון ישראל
זיך נאָך געלאָזט אויף בני בנימין,
זיי אויסגעהרגעט מיטן שווערד,
די אַלע מענטשן אין די שטעט,
אויך פי און אַלץ, וואָס דאָרטן פאַראַן
און אויך די שטעט פאַרברענט אין פייער.
און ס'האָבן די ישראל - לייט
אין מצפּה דאָמאָלס זיך געשוואוירן:
פאַרשאָלטן זאָל זיין דער, וואָס וועט
זיין טאָכטער געבן פאַר אַ ווייב
צו עמיצן פון בני - בנימין.
און נאָכדעם איז דער פאָלק געקומען
קיין בית - אל און געזעסן דאָרט
פאַר גאָט אַ גאַנצן טאָג ביז אָוונט
און אויפן קול געיאָמערט אַלע:
למאי איז עס געשען, אוי גאָט,
אַז ס'זאָל אַצינד אַ גאַנצער שבט
שוין מוזן פעלן אין ישראל?
דעם צווייטן טאָג האָט זיך דער פאָלק

געפעדערט און דאָרט אויפגעבויט
זיך אַ מזבח און געבראַכט
אויף אים פאַרשיידענע קרבנות.
און איינער האָט דעם אַנדערן
געפרעגט: ס'איז אפשר עמיצער
פון אַלע שבטים אין ישראל
קיין מצפּה דאַמאָלס ניט געקומען?
ווייל ס'איז געווען אַ גרויסע שבועה,
אַז איטלעכער, וואָס איז קיין מצפּה
ניט אויפגעגאַנגען, דער מוז שטאַרבן.
האָט זיך דער פאָלק געציילט, און אָט
ניטאָ קיין מאַן פון יבש גלעד!
און ס'האָט דער פאָלק געשיקט אַהינצו
צוועלף טויזנט יונגען העלדישע
מיט אַ באַפעל, צו שלאָגן טויט
אין יבש גלעד אַלע מענער
אויך פרויען און אפילו קליינוואַרג,
בלויז מיידלאַך יונגע לאָזן לעבן.
און זיי האָבן אַזוי געטאָן,
גאַנץ יבש גלעד אויסגעהרגעט
נאָר בלויז פירהונדערט מיידלעך יונגע,
וואָס האָבן נאָך קיין מאַן געקענט,
האָט מען געלאָזן לעבעדיג,
געבראַכט אין לאַגער זיי, קיין שילה.
און ס'האָט די עדה פון ישראל
געשיקט צום פעלזנשטיין פון רימון
צו זאָגן „שלום!" צו בנימין.
אין יענער צייט האָט זיך בנימין
צוריקגעקערט אין שטאָט אַריין,
און ס'האָט ישראל אים געגעבן,
פאַר ווייבער אָט די יונגע מיידלעך,
וואָס זיינען לעבעדיג געבליבן

פון יענער שלאַכט אין יבש גלעד —
ס'איז אָבער ניט געווען גענוג.
און ס'האָבן זיך געפרעגט די זקנים:
וואָס טוט מען מיט די איבעריגע,
וואו נעמט מען ווייבער פאַר בנימין,
עס זאָל ניט אויסגעטיליגט ווערן
אַ גאַנצער שבט פון ישראל?
מיר קענען דאָך ניט געבן זיי
די טעכטער אונזערע פאַר ווייבער,
ווייל ס'האָבן דאָך די בני ישראל
געשוואוירן דאַמאָלס אָט אַזוי:
„פאַרשאָלטן זאָל זיין דער, וואָס גיט
אַ ווייב צו עמיצן אין בנימין!"
האָט מען געזאָגט: אָט ס'גייט אַ יום־טוב
פאַר גאָט אין שילה יאָר ביי יאָר.
און מ'האָט פאַרזאָגט די בני בנימין:
גייט, לויערט אין די וויינגערטנער;
און ווי איר וועט דערזען, אַז ס'גייען
אַרויס פון שילה יונגע מיידלעך
צו טאַנצן אויפן פרייעם פעלד,
זאָלט איר אַרויסגיין פון באַהעלטעניש
און איטלעכער זאָל כאַפּן זיך
אַ ווייב פון צווישן שילהס טעכטער
און גיין מיט איר אין לאַנד בנימין.
און אַז די פאָטערס צי די ברידער
וועלן אייך פאַר אונז פאַרקלאָגן
וועלן מיר זיי דאַמאָלס בעטן:
„זייט מוחל זיי פון אונזערטוועגן,
ווייל ס'האָט פאַר זיי שוין ניט געקלעקט
קיין ווייבער פון דער יבש שלאַכט
און איר האָט דאָך זיי ניט ג ע ג ע ב ן
די טעכטער אייערע און שוועסטערס,

(זיי האָבן דאָך אליין געכאַפּט)
וועט דאָך אויף אייך קיין שולד
ניט פאַלן!״
און ס׳איז געשען ווי אָפּגערעדט:
די בני בנימין האָבן זיך
געכאַפּט די טענצערקעס פּאַר ווייבער,
אַוועקגעפירט זיי אין די היימען
און אויפגעבויט צוריק די שטעט
און ווידער זיך באַזעצט אין זיי.
און ס׳זיינען זיך די בני ישראל
צוגאַנגען איטלעכער אַהיים,
צו זיין משפּחה, צו זיין שבט,
באַארבעט איטלעכער זיין נחלה.
און ס׳איז קיין מלך ניט געווען
אין יענע צייטן ביי ישראל —
ס׳טוט איטלעכער אלץ, וואָס ער וויל.

# שמואל

עס איז אַמאָל געווען אין רמה
אַ מאַן אלקנה דער אפרתי
און געהאַט האָט ער צוויי ווייבער,
איינע חנה, איינע פנינה.
האָט פנינה אים געבוירן קינדער
און חנה האָט קיין קינדער ניט.
פלעגט יענער מאַן יאָריין, יאָרויס
פון שטעטל עולה זיין קיין שילה
דאָרט קניען און קרבנות שעכטן.
און ס'זיינען דאָרט צוויי כוהנים
געווען, זין עלי'ס, חפני פינחס.
און איינמאָל האָט דער מאַן אלקנה
געשאָכטן זיינע שעכטונגען
און איינגעטיילט חלקים
פאַר פנינה'ן מיט די קינדער,
פאַר חנה'ן אָבער אָפּגעטיילט
איין חלק נאָר אַ טאָפּעלן
ווייל חנהן האָט ער ליב געהאַט.
האָט איר די צרהטע גערייצט,
גנעצערנט און געכעסנט איר,
ווייל ס'איז איר טראַכט געווען פאַרמאַכט.
אַזוי פלעגט זיין יאָריין, יאָרויס:
ווי נאָר געקומען אין גאָטס הויז,
פלעגט פנינה חנה'ן כעסנען, —
און זי פלעגט וויינען און ניט עסן.
אַמאָל זאָגט איר דער מאַן אלקנה:
וואָס עסטו ניט און קימערסט זיך?
צי איך אליין בין ניט פאַר דיר
נאָך בעסער ווי צען קינדער?
און חנה שטעלט זיך נאָכן מאָלצייט
און לאָזט זיך גיין צום טעמפּל גאָטס.
און דאָרט ביים ביישטידל איז עלי,
דער אַלטער כוהן גאָטס, געזעסן.
און חנה, אַ פאַרביטערטע,
האָט אויסגעוויינט צו גאָט אַ תפילה:
גאָט צבאות, אויב דו וועסט דערזען
דעם ווייטאָג פון דיין דינסט
אויב דו דערמאָנסט זיך אָן דיין דינסט,
שיינקסט מיר אַ קינד אַ לעבעדינס, —
וועל איך דעם קינד אַוועקגעבן
צו דיר אויף זיין גאַנץ לעבן,
קיין שער וועט אויף זיין קאָפּ ניט קומען.
אַזוי זאָגט זי די תפילה לאַנג.
און עלי קוקט איר אויפן מויל,
ווייל זי האָט שטיל געבעטן.
געשאָקלט מיט די ליפּן בלויז,
איר קול ווערט נים געהערט.

מיינט ער, זי איז א שכורטע
און זאָגט:
ווי לאַנג וועסטו דאָ שכורן?
גיי ניכטער זיך שוין אויס!
זי ענטפערט אים: אוי, ניין, מיין האר
כ'האָב ניט געטרונקען וויין און ביר,
פאַרביטערט איז בלויז מיין געמיט,
האָב איך פאר גאָט מיין האַרץ פאַרגאָסן.
ניט האַלט מיך פאר א שענדלעכע,
כ'האָב בלויז פון ערגערניש געמורמלט.
זאָגט עלי איר: נו, גיי געזונט,
און גאָט זאָל דיין פאַרלאַנג דיר געבן.
האָט זי געענטפערט און געזאָגט:
דיין דינסט זאָל גנאָד ביי דיר געפינען־
און ס'איז די פרוי אהיים געקומען
און האָט געגעסן און געטרונקען
און ס'איז דער אומעט איר פאַרשוואונדן.
אויף מאָרגן האָט דער מאַן אלקנה
מיט ווייב און קינד פאר גאָט געקניט
און זיך צוריקגעקערט קיין רמה.
האָט גאָט דערבאַרימט זיך אויף חנה'ן,
האָט זי דעם מאַן א זון געבוירן
און האָט אים אָנגערופן: שמואל.
ווייל: כ'האָב ביי גאָט אים אויסגעבעטן.
און כ'גייט אלקנה יאָר נאָך יאָר
קיין שילה מיט זיין הויזגעזינד,
צו שעכטן די נדרים זיינע;
נאָר חנה גייט ניט מער מיט אים,
ווייל זי פלעגט זאָגן צו איר מאַן:
איך וויל דאָ זיצן מיטן קינד,
ביז איך וועל אים אַנטוואוינען,
וועל איך צו גאָט אים אָפּפירן,
און ער וועט דאָרט שוין אייביג בלייבן.
און ס'זאָגט אלקנה צו זיין ווייב:
דו טו אזוי, ווי דיר געפעלט;
זיץ דאָ, ביז דו אַנטוואוינסט דעם קינד,
און זאָל נאָר גאָט זיין וואָרט דערפילן!
איז זי געזעסן אין דערהיים,
דעם קינד געזויגן און אַנטוואוינט,
נאָכדעם צו גאָט אים אויפגעבראַכט,
מיט אָקסן־דריי, איין שעפל מעל
און וויין א לאַגל,
געבראַכט אים אין גאָטס הויז קיין שילה,
איין אָקס געשאָכטן, און דעם קינד
געבראַכט צו עלין און געזאָגט:
הער אויס, מיין האר! איך בין אמאָל
פאר דיר אין טעמפל דאָ געשטאַנען,
צו גאָט א תפילה שטיל געמורמלט,
אויף אָט דעם קינד האָב איך געבעטן,
האָט גאָט מיין טיפן וואונטש דערפילט,
און איך האָב אויך מיין וואָרט דערפילט:
מיין קינד אָט דעם געשיינקטן
שיינק איך צו גאָט אַוועק אויף אייביג.
און זי האָט דאָ פאר גאָט געקניט.

*

און חנה האָט צו גאָט געבעטן:
פריידיג איז מיין האַרץ אין גאָט,
הויך מיין האָרן, פריי מיין מויל,
ווייל דיין הילף האָט מיך דערפרייט.
ווער איז הייליג, ווי מיין גאָט?
ווער, ווי ער, איז פעלזנפעסט?
רעדט ניט האָפערדיג הויך־הויך!
ווייל נאָר גאָט פאַרשטייט און ווייס,
ווייל נאָר ער באשטימט די ווערק.

שוואַכע גורטן זיך מיט קראַפט,
זאַטע ווערן קנעכט פאַר ברויט,
הונגעריקע ווערן פריי,
די עקרה ווערט באַפרוכפּערט,
ווערט געבענטשט מיט קינדער זיבן,
און די מאַמע פון פיל קינדער
בלייבט אַן עלנטע פאַרשניטן.
גאָט מאַכט טויט און ברענגט צום לעבן,
וואַרפט אין גרוב און הויבט אַרויף,
גאָט מאַכט אָרים, מאַכט אויך רייך,
ער מאַכט נידעריק און הויך.
הויבט דעם אָרימען פון שטויב,
דעם באַדערפטיקן פון מיסט,
זעצט זיי מיט די פירשטן גלייך,
אויבנאָן אויף כבוד - שטול,
ווייל גאָט האַלט די גרונטפעסטן,
און ער בויט אויף זיי די וועלט,
היט די טריט פון זיינע גלויבערס,
שלעכטע קומען אום אין פינצטער, —
ניט מיט קראַפט איז שטאַרק דער מענטש,
די, וואָס קריגן קעגן גאָט,
וועט ער זיי פון הימל ברעכן,
ווייל ער משפט גאַר די וועלט,
און זיין מלך גיט ער כוח,
און הויבט זיין געזאַלבטנס האָרן.

*

און אלקנה איז אוועק
אין זיין הויז קיין רמה,
און דער ייִנגל האָט געדינט
גאָט פאַר כוהן עלי.
און די זין פון כוהן עלי.
ביידע זינדיקע פאַר גאָט,
האָבן זיך אַזוי באַגאַנגען
מיטן פאָלק אין טעמפּל גאָטס:
ווען ס׳קומט עמיץ עפּעס שעכטן,
קומט צוגיין דעם כוהנס יונג,
ווען די פלייש ווערט נאָך געקאָכט,
און ער האַלט אין רעכטער האַנט
אַ דרייצייַנערדיקן גאָפּל,
שטעכט אין בעקן, צי אין טיגל,
צי אין קעסל, צי אין טאָפּ —
וואָס דער גאָפּל שלעפּט אַרויס,
נעמט ער פאַרן כוהן צו,
אָט אַזוי מיט איטלעכם ייִדן,
וואָס קומט בוקן זיך קיין שילה.
פאַרן רויכערן די חלב
זאָגט דעם כוהנס יונג צום שעכטער:
גיב מיר בראָט - פלייש פאַרן כוהן,
ווייל ער נעמט ניט קיין געקאָכטע,
מוזט אים געבן רויע פלייש.
טאָמער פלעגט דער מאַן אים זאָגן:
„לאָז צוערשט די חלב רויכערן,
נאָכדעם נעם זיך פיל דו ווילסט!”
ענטפערט ער: „ניין, גיב אַצינד;
אויב דו גיסט עס ניט מיט גוטן,
נעם איך צו ביי דיר מיט מאַכט!”
גרויס איז זייער זינד געווען,
ווייל זיי שענדן גאָטס קרבנות.
שמואל האָט געדינט פאַר גאָט,
איז געווען אַ יונג, באַגאַרטלט
מיט אַ לייוועגטענעם פאַרטאָך;
און אַ קליינעם אויבער־מאַנטל
פלעגט זיין מאַמע אים פאַרגרייטן
און אים מיטברענגען קיין שילה,

ווען זי פלעגט יאָר־יערלאַך קומען
מיט איר מאַן, געשאַכט צו שעכטן.
עלי פלעגט אלקנהן בענטשן:
זאָל גאָט דיר נאָך קינדער געבן
פון דער ווייב דערדאָזיגער,
ווייל דו האָסט צו גאָט געגעבן
דעם געשאַנק דעם לעבעדיגן.
און אלקנה מיט זיין ווייב
פלעגן גיין צוריק א היים.
און געדיינקט האָט גאָט אָן חנה
און געגעבן איר נאָך קינדער,
יינגלאַך דריי און מיידלאַך צוויי,
און עס האָדעוועט זיך שמואל
ווי א יונג ביי גאָט אין שילה.

*

און עלי איז שוין אַלט געווען.
האָט ער פאַרנומען אַלע זינד,
וואָס זיינע קינדער זינדיגן
אַנטקעגן די בני ישראל
און ווי זיי ליגן מיט די ווייבער,
וואָס וואַרטן פאַרן אוהל מועד.
האָט ער צו זיי געזאָגט: פאַרוואָס
טוט איר אַזוינע שענדלאַכקייטן?
ניין, זין מיינע, ניט ־ גוטע קלאַנגען
טראָגט דער פאָלק אַרום פון אייך!
ווען איין מענטש זינדיגט קעגן צווייטן,
ווערט ער געמשפּט דורך א ריכטער;
נאָר אויב ער זינדיגט קעגן גאָט,
ווער וועט פאַר אים מתפלל זיין?
אַזוי האָט עלי זיי געזאָגט,
זיי האָבן אָבער ניט געפאָלגט
און דאַמאָלס איז דער דינסט־יונג שמואל
אויסגעוואַקסן גרויס און שיין
ווי פאַר גאָט אַזוי פאַר לייטן.
און ס'איז א מאַן א געטלאַכער
געקומען און געזאָגט צו עלין:
אַזוי זאָגט גאָט: איך האָב אַמאָל
אַנטפּלעקט זיך צו דיין פאָטערס שטאַם,
נאָך אין מצרים, דאָרט ביי פרעהן
פון אַלע שבטים פון ישראל
אים אויסגעקליבן פאַר א כוהן,
ער זאָל פאַר מיר דעם אפוד טראָגן,
ער זאָל צו מיין מזבח אויפגיין
און קטורת רויכערן פאַר מיר,
און כ'האָב דערפאַר דיין פאָטערס שטאַם
געשיינקט ישראלס פייערונגען, —
וואָס שענדט איר מיינע שעכטונגען
און גרויסט זיך איבער מיר אַליין,
צו מאַכן פעט די לייבער זיך
פון אַלע ערשטע, אַלע בעסטע
קרבנות פון מיין פאָלק ישראל?
דערום הערט אויס פון מיר גאָטס וואָרט:
איך האָב געמיינט, דיין פאָטערס שטאַם
וועט ווייטער גיין פאַר מיר ביז אייביג,
אַצינד אָבער, חלילה מיר!
ווייל ווער עס שאַצט מיך, דעם שאַץ איך,
און ווער עס שענדט מיך ווערט געשענדט!
עס וועלן טעג נאָך אָנקומען,
ווען איך פאַרטיליג דיין משפּחה,
עס זאָל ביי איר קיין עלצטער זיין!
עס קומט א שונא אין דיין הויז,
כאָטש גוט וועט זיין דעם פאָלק ישראל,
און ס'וועט שוין קיינמאָל מער ניט זיין
קיין עלצטער פון דיין פאָטערס שטאַם,

און אַלע מענער פון דיין הויז
וועלן יונגע אויסשטאַרבן,
כ'וועל נאָר איבערלאָזן איינעם —
דיך אַליין — ביי מיין מזבח,
זאָלן דיינע אויגן שמאַכטן,
ווייטאָגן זאָל דיין נשמה
און אַ סימן זאָל דיר זיין:
חפני, פינחס, דיינע זין,
שטאַרבן ביידע אין איין טאָג
און איך שטעל מיר אויף אַ כּוהן
אַ געטרייעם ווי איך גלוסט —
ער וועט טאָן נאָר מיין פאַרלאַנג —
בוי איך אים אַ הויז אַ פעסטע.
און ער וועט זיין גאַנצן לעבן
גיין מיט מיר, מיט מיין געזאַלבטן,
און ווער ס'בלייבט פון דיין געזינד,
קומט צו בוקן זיך פאַר אים,
פאַר אַ גראָשן, צי אַ ברויטל,
בוקן זיך און בעטן אים:
נעם מיך אָן צו דיר אין דינסט,
כאָטש אַ ביסן ברויט צו עסן!

*

און שמואל דינט פאַר גאָט, ביי עלין,
און ס'איז געווען גאָטס וואָרט גאָר זעלטן
קיין נבואה ניט פאַרשפּרייט.
אַמאָל ליגט עלי אויף זיין אָרט,
די אויגן שוואַך, ער זעט ניט מער,
ניט אויסגעלאָשן נאָך גאָטס ליכט,
און שמואל ליגט אין היכל גאָטס,
דאָרט וואו דער אָרון איז געשטאַנען,
האָט פלוצים גאָט גערופן אים.
עס ענטפערט שמואל: „איך בין דאָ!"
און לויפט צו עלין, זאָגט צו אים:
„אָט בין איך דאָ; האָסט מיך גערופן?"
זאָגט עלי: „כ'האָב דיך ניט גערופן;
גיי, ליג אַנידער זיך צוריק!"
און שמואל גייט און לייגט זיך דאָרט.
און נאָכאַמאָל רופט גאָט אים: „שמואל!"
שטייט שמואל אויף און לויפט צו עלין
און זאָגט: „כ'בין דאָ; האָסט מיך
גערופן?"
זאָגט עלי: „כ'האָב דיך ניט גערופן;
גיי, ליג אַנידער זיך צוריק!"
ס'האָט שמואל גאָט נאָך ניט געקענט,
ווייל ס'האָט ביז דאַמאָלס נאָך
גאָטס וואָרט
צו שמואלן זיך ניט אַנטפּלעקט.
צום דריטן מאָל רופט גאָט אים:
„שמואל!"
שטייט שמואל אויף און לויפט צו עלין
און זאָגט: „כ'בין דאָ; האָסט מיך
גערופן?"
האָט עלי ערשט פאַרשטאַנען שוין,
אַז גאָטס שטים רופט עס דאָ דעם יונג.
זאָגט ער צו אים: גיי, ליג זיך ווידער,
און הערסטו נאָך אַ רוף, טאָ ענטפער:
„רייד, מיין גאָט, ווייל ס'הערט
דיין קנעכט!"
האָט שמואל זיך צוריק געלייגט,
און גאָט האָט אים, ווי אַלע מאָל,
גערופן ווידער: „שמואל, שמואל!"
און שמואל הערט און ענטפערט אים:
„רייד, מיין גאָט, ווייל ס'הערט
דיין קנעכט!"

זאָגט גאָט צו שמואלן: „הער אויס,
איך וועל א זאַך טאָן אין ישראל,
אַז ווער ס'הערט, קלינגען אים די אויערן.
אין יענעם טאָג ברענג איך אויף עלין
אַלץ, וואָס איך האָב פאָרויסגעזאָגט,
אָנהויבן און אויסלאָזן;
כ'וועל ווייזן אים, ווי איך פאַרמשפּט
זיין הויזגעזינד אויף אייביק, ווייל
געוואוסט האָט ער, אַז זיינע קינדער
שענדן מיך, און ניט געשטערט זיי;
איך שווער דערום, כ'וועל קיינמאָל ניט
די זינד פון זיין געזינד פאַרגעבן!"
ביז פרי איז שמואל נאָך געלעגן,
די טירן פון גאָטס הויז געעפנט;
געשראָקן האָט זיך אָבער שמואל,
די זעאונג עלין צו פאַרטרויען.
און עלי רופט אים: „קינד מיין, שמואל!"
און שמואל ענטפערט אים: „אָט
בין איך!"
און עלי פרעגט אים: „וואָסער וואָרט
איז דיר ביינאַכט געזאָגט געוואָרן?
כ'פאַרשווער דיר, לייקן ניט פון מיר!"

האָט שמואל אַלץ אים אויסדערציילט,
קיין איינציג וואָרט אים ניט פאַרהוילן,
און עלי האָט געזאָגט: „ס'איז גאָט;
וואָס אים געפעלט, דאָס זאָל ער טאָן!"

*

אַזוי איז שמואל אויסגעוואַקסן
און גאָט איז אַלץ מיט אים געווען,
און גאַנץ ישראל האָט געוואוסט
פון דן אַזש ביז באר שבע,
אַז שמואל איז א טרייער נביא,
און גאָט באַוויזט זיך אים אין שילה.

*

און שמואל האָט אַזוי געמשפּט
דעם פאָלק ישראל זיין גאַנץ לעבן,
פלעגט וואַנדערן יאָריין, יאָרויס
אין בית - אל, גלגל און אין מצפה
פלעגט אין די ערטער דאָזיגע
אַלץ די ישראל משפּטן
און אומקערן זיך שפּעטער
צוריק אַהיים קיין רמה,
געמשפּט דאָ זיין פאָלק
און א מזבח אויסגעבויט.

# שאול

א.

זועז שמואל איז געוואָרן אַלט,
האָט ער פאַר ריכטערס אויף ישׂראל
זיינעביידע זין באַשטימט,
יואל און אביה.
עס זיינען אָבער די צוויי זין
אין טאַטנס וועגן ניט געגאַנגען
זיי האָבן ליב געהאַט פאַרגעלטונג,
שוחד נעמען, משפט פעלשן.

---

און די עלצטע פון ישׂראל
האָבן זיך צונויפגעקליבן
און צו שמואלן אוועק
קיין רמה און צו אים געזאָגט:
דו ביסט אַלט און דיינע זין
גייען ניט אין דיינע וועגן,
מאַך זשע איבער אונז אַ מלך
זאָל ער משפטן אונז אַלע,
לאָמיר זיין ווי אַלע פעלקער.
ענטפערט שמואל זיי און זאָגט:
אָט אַזוי וועט זיין דער שטייגער
פונם מלך, וואָס איר ווינטשט זיך:
ער וועט צונעמען די זין
ביי אייך אַלע און זיי לאָזן

לויפן פאַר זיין רייטוואָגן,
און באַשטימען זיי פאַר עלצטע
איבער טויזנט, איבער הונדערט,
איבער פופציג, איבער צענער,
וועלן אַקערן זיין אַקער,
וועלן שניידן אים דעם שניט,
וועלן שמידן אים געווער
און געצייג פאַר רייטוועגענער;
וועט פאַרנעמען אייערע טעכטער,
אים צו פרעגלען, קאָכן, באַקן,
און די פעלדער, און די גערטנער,
און די איילבערטן די בעסטע
וועט ער צונעמען ביי אייך
און פאַר זיינע קנעכט פאַרטיילן,
און די דינסטן, און די קנעכט,
און די יונגען גאָר די בעסטע,
און די אייזלען וועט ער נעמען,
זיינע אַרבעטן צו טאָן,
איטלעכס צענטן פון די שאָף
וועט ער צונעמען ביי אייך
און אַליין ווערט איר אים קנעכט —
שרייען וועט איר פונם מלך
וואָס איר האָט זיך אויסדערוויילט,
אָבער גאָט וועט אייך ניט הערן.

נאָר דער פאָלק האָט ניט געוואָלט
צוהערן צו שמואלס שטים
און די זקנים זאָגן: ניין,
נאָר אַ מלך ווילן מיר האָבן!
לאָמיר זיין ווי אַלע פעלקער,
זאָל אונז משפטן דער מלך
זאָל אונז פירן אין מלחמות!
האָט זיי שמואל אויסגעהערט
און געזאָגט: גוט, גייט אהיים!

---

ב.

און געווען איז אין בנימין
איינער קיש, אַ מאַן אַ העלד,
און געהאַט האָט ער אַ זון,
יונג און שיין, געהייסן שאול,
פונם גאַנצן פאָלק דער שענסטער
העכער מיט אַ קאָפּ פון אַלע.
און ביי קישן זיינען איינמאָל
אייזלען ערגעץ וואו פאַרקראָכן,
זאָגט ער שאולן זיין זון:
נעם זיך איינעם פון די יונגען
און גיי זוך מיר אויף די אייזלען.
גייען זיי אהער, אַהין,
און די אייזלען ניט געפונען
ביז זיי קומען אין לאַנד צוף,
רופט זיך שאול אָן צום יונג:
לאָמיר גיין צוריק אהיים,
ווייל מיין טאַטע וועט פאַרלאָזן
זיינע דאגות פון די אייזלען
און וועט דאגהן וועגן אונז.
זאָגט דער יונג צו שאולן:
לאָמיר גיין אָט דאָ אין שטאָט,
דאָרט איז דאָ אַ מאַן פון גאָט,
און דער מאַן איז גאָר געאַכפּערט,
וואָס ער זאָגט, ווערט אַלץ מקויים,
אפשר וועט דער מאַן אונז זאָגן,
וואו מיר זאָלן ווייטער גיין.
רופט זיך שאול אָן צום יונג:
אויב מיר זאָלן גיין אַהינצו,
וואָס - זשע בריינגען מיר דעם מאַן?
ס'איז דער ברויט אונז אויסגעגאַנגען,
קיין מתנה האָבן מיר ניט,
צו דערלאַנגען אָט דעם מאַן;
צי איז וואָס פאַראַן ביי אונז?
זאָגט דער יונג צו שאולן:
אָט פאַראַן ביי מיר אַ פערטל
זילבער - שקל, וועל איך געבן
עם דעם מאַן פון גאָט, און ער וועט
זאָגן אונז, וואוהין צו גיין.
און פאַרצייטנס ביי ישראל,
אז ס'פלעגט עמיץ וועלן גיין,
פרעגן זיך אַ וואָרט פון גאָט,
פלעגט ער זאָגן: כ'גיי צום זעער;
ווייל וואָס ס'הייסט ביי אונז היינט נביא,
פלעגט זיך דאַמאָלס רופן: זעער.
רופט זיך שאול אָן צום יונג:
מיר געפעלט דיין וואָרט, מיר גייען!
און זיי גייען צו דער שטאָט,
וואו ס'איז דאָ דער מאַן פון גאָט.

---

ג.

ווי זיי קומען פאַרן שטאָט,
זעען זיי ווי מיידן גייען
שעפּן וואַסער מיט די קריג

און זיי פרעגן ביי די מיידן:
צי איז דאָ פאַראַן דער זעער?
און זיי זאָגן: יאָ, פאַראַן.
גיכער גייט אין שטאָט אַריין,
ווייל ער איז ערשט היינט געקומען
אויפן פאָלק - שאַכט ביי דער במה.
ווי איר קומט אין שטאָט אַריין,
וועט איר אָנטרעפן אים באַלד,
איידער ער גייט צו דער במה
ווייל דער פאָלק עסט ניט אָן אים,
ער מאַכט ברכה אויפן שאַכט,
נאָכדעם עסן ערשט די געסט.
גייט־זשע באַלד, וועט איר אים טרעפן.
זיינען זיי אין שטאָט אַריין
און באַגעגנט שמואלן
ווי ער לאָזט זיך צו דער במה.

---

ד.

און גאָט האָט שמואלן פאַרטרויט
מיט אַ טאָג פאַר שאולס קומען:
כ'וועל דיר מאָרגן צושיקן
אַ יונגן מאַן פון לאַנד בנימין
זאָלסטו אים זאַלבן פאַר אַ פירשט,
ער זאָל הערשן אויף ישראל,
אים ראַטעווען פון פלישתימס האַנט
ווייל ס'איז דערגאַנגען שוין צו מיר
דער שאַרפער וויי־געשריי מיין פאָלקס,
האָט שמואל שאולן דערזען,
און גאָט האָט שטיל אים צוגערופן:
אָט איז דער מאַן, וואָס כ'האָב געזאָגט:
אָט דער וועט הערשן אויף מיין פאָלק

דערווייל האָט שאול זיך דערנענטערט
צו שמואלן אַזש ביזן טויער,
און פרעגט: וואו איז די הויז פון זעער?
ענטפערט שמואל: כ'בין דער זעער?
גיי פאַר מיר ביז צו דער במה,
וועט איר עסן היינט מיט מיר;
מאָרגן פרי באַגלייט איך דיר
און זאָג דיר אַלץ, וואָס דו פאַרלאַנגסט.
און זאָלסט ניט זאָרגן פאַר די אייזלען,
וואָס פאַרשוואונדן דריי טעג פריער,
ווייל זיי זיינען שוין געפונען;
און צו וועמען קומט די גאַנצע
פראַכט ישראלס, אויב צו דיר ניט,
צו דיין טאַטנס הויזגעזינד?
ענטפערט שאול אים און זאָגט:
איך בין דאָך פון שטאַם בנימין,
פונם קליינעם שטאַם ישראלס;
מיין משפחה איז די יינגסטע
צווישן אַלע אין בנימין, —
וואָס - זשע זאָגסטו מיר אַזוינס?
שמואל אָבער האָט גענומען
שאולן מיט זיין יונג צוזאַמען,
אין אַ קאַמער זיי געפירט
און געמאַכט פאַר זיי אַ פּלאַץ
אויבנאָן פון אַלע געסט —
דרייסיק מאַן געווען אין צאָל.
רופט זיך שמואל אָן צום קאָכער:
גיב אַהערצו יענעם חלק,
וואָס כ'האָב דאַמאָלס דיר געהייסן,
איבערלאָזן אים ביי זיך,
און דער קאָכער נעמט דעם שיינקל
מיט די גאַנצע פלייש אויף אים,

ליינט פאַר שאולן אַנידער.
און ס'זאָגט שמואל: רוק זיך צו
אָט די פלייש פאַרבליבענע
און פאַר דיר געהיטענע
נאָך פון דאַמאָלס, ווען איך האָב
אויפן שאַבט דעם פאָלק גערופן.
און ס'האָט שאול יענעם טאָג
לעבן שמואלן געגעסן.

---

ה.

שפּעטער האָבן זיי גענידערט
פון דער במה ביז אין שטאָט
און ס'האָט שמואל נאָך גערעדט
אויפן דאַך מיט שאולן,
און אויף מאָרגן אינדערפרי,
מיטן מאָרגנשטערן גלייך,
רופט נאָך שמואל שאולן
אויפן דאַך אַרויף און זאָגט אים:
קום, איך וועל דיך באַלייטן.
און ס'האָט שאול זיך געפעדערט,
און זיי זיינען באַלד אַרויס,
ער מיט שמואלן צוזאַמען,
און אַוועק ביז הינטער שטאָט,
דאַמאָלס רופט זיך שמואל אָן:
זאָג דעם יונג, זאָל ער אַוועקגיין
(איז דער יונג אַוועק) און דו
בלייב דאָ און הער פון מיר גאָטס וואָרט:

---

ו.

און שמואל נעמט אַ קריגל אייל
און גיסט אים אויפן קאָפּ און קושט אים
און זאָגט: אָט האָט דיר גאָט געזאַלבט
צום פירשט איבער זיין אַרב. ווי נאָר
דו גייסט פון מיר אַוועק, טרעפסט אָן
צוויי מענטשן לעבן רחלס קבר,
אין צלצח, אויף בנימינס גרענעץ.
דערציילן זיי דיר, אַז געפונען
שוין די אייזלען, וואָס דו זוכסט,
ס'האָט דיין פאָטער שוין פאַרגעסן
די געשיכטע מיט די אייזלען
און ער זאָרגט און פרעגט אַלץ: וואָס
איז געשען דאָרט מיט מיין זון?
גייסטו אָפּ פון דאָרטן ווייטער,
און דו טרעפסט ביי אלון תבור
מענטשן דריי קיין בית - אל גיין,
איינער טראָגט דריי ציקעלעך,
איינער טראָגט דריי לעבלעך ברויט,
איינער טראָגט אַ לאָגל וויין,
זיי באַגריסן דיך מיט „שלום"
און דערלאַנגען דיר צוויי ברויטלעך,
זאָלסטו נעמען עס ביי זיי.
נאָכדעם קומסטו ביז „גאָטס בערגל",
וואו די פּלישתּים - וועכטערס שטייען,
און ווי דו דערגייסט צום שטאָט,
טרעפסטו אַ קאָמפּאַניע נביאים!
ווי זיי גייען פון דער במה
מיט האַרף און פּויק און פלייט און פידל
און טוען רק נביאות זאָגן,
קומט אויף דיר דער גייסט פון גאָט
און דו זאָגסט מיט זיי נביאות
און דו ווערסט אַן אַנדער מענטש.
און אַז ס'קומען דיר די צייכנס
זאָלסטו אַלץ טאָן, וואָס דו קענסט,
ווייל ס'וועט גאָט שוין זיין מיט דיר.

דאמאָלס קום צו מיר קיין גלגל —
איך וועל קומען דיר אנטקעגן —
עולות ברייננגען, שלמים שעכטן,
וואַרט אויף מיר דאָרט זיבן טעג,
כ'וועל דיר זאָגן וואס צו טאָן.
און ווי ער האָט זיך אָפּגעקערט
פון שמואלן אוועקצוגיין,
איז באַלד זיין האַרץ פאַרקערט געוואָרן,
און אַלע אָנגעזאָגטע צייכנס
זיינען יענעם טאָג געקומען —
און זיי גייען דאָרט קיין גבעה
און אָט אַ קאָמפּאַניע נביאים
קומען אַן אנטקעגן זיי,
און אַ גייסט פון גאָט באַקליידט אים
און ער זאָגט מיט זיי נביאות.
און אַז אַלע, וועלכע קענען
אים פון נעכטן, אייערנעכטן,
זעען, ווי ער זאָגט נביאות
צווישן דער קאָמפּאַניע נביאים,
פרעגט מען איינס דעם אנדערן:
„וואָס איז מיט קישס זון געוואָרן?"
איז אויך שאול ביי די נביאים?
און פון דאָרטן ענטפערט עמיץ:
„וואָרום ווער איז ז ײ ע ר פאָטער?"
און פון דאמאָלס גייט אַ ווערטל:
„איז אויך שאול ביי די נביאים?"

---

ז.

שאול האָט געזאָגט נביאות
און געקומען ביז דער במה
פרעגט ביי שאולן זיין פעטער:
וואו זיינט איר אוועקגעגאַנגען?
שאול זאָגט: די אייזלען זוכן;
און געזען, אז ס'איז ניטאָ
זיינען מיר אוועק צו שמואלן.
פרעגט ביי אים דער פעטער: זאָג נאָר,
וואָס האָט שמואל אייך געזאָגט?
ענטפערט ער: געזאָגט אַ תשובה,
אַז געפונען שוין די אייזלען.
אָבער וועגן דער מלוכה
האָט אים שאול ניט דערציילט.

---

ח.

און שמואל האָט דעם פאָלק פאַרזאַמלט
פאַר גאָט, קיין מצפה, און געזאָגט:
אַזוי זאָגט גאָט ישראלס: כ'האָב
ארויסגעפירט אייך פון מצרים,
געהאָלפן אייך פון די באַדריקערס,
פון אַלע אומגליקן און צרות,
און איר האָט אייער גאָט פאַרמיאוסט,
געזאָגט: „נאָר גיב אַ מלך אונז!"
טאָ שטעלט זיך אַלע אויס פאַר גאָט,
אין שבטים און אויך אין משפחות!
און שמואל האָט פאַרבייגעפירט
די שבטים אַלע פון ישראל —
איז אויסגעפאַלן אויף בנימין.
פאַרבייגעפירט בנימינס שבט
געפאַלן די משפחה מטרי.
ביז ס'איז דער גורל אויסגעפאַלן
אויף שאולן דעם זון פון קיש.
האָט מען געזוכט אים, ניט געפונען,
ביז מ'האָט געפרעגט ביי גאָט:
צי איז נאָך עמיץ דאָ פאַראַן?
האָט גאָט געזאָגט: אָט איז ער דאָרט,

באהאַלט זיך הינטער די געשיר.
איז מען געלאָפן, אים געבראַכט,
אַוועקגעשטעלט אינמיטן פאָלק,
און אָט ער איז געווען פון פאָלק
דעם גאַנצן העכער מיט אַ קאָפּ,
און שמואל האָט געזאָגט צום פאָלק:
האָט איר געזען דעם אויסדערוויילטן?
ס'איז קיינער דאָך צו אים ניט גלייך!
און ס'האָט דער גאַנצער פאָלק געשאַלט
און אויסגעשריען: ס'לעבּ דער מלך!
האָט שמואל פאַרן פאָלק געלייענט
די פאָרשריפטן פון דער מלוכה
און זיי פאַרשריבן אין אַ בוך
און אים אַוועקגעלייגט פאַר גאָט
און נאָכדעם אָפּגעשיקט צום פאָלק
אַיעדערן צו זיך אַהיים,
אויך שאול איז אַוועק קיין גבעה,
מיט אים דער פאָלק דער גלויביגער,
געמיינע יונגען אָבער האָבן
געזאָגט: עט, וואָס וועט ד ע ר
אונז העלפן?
זיי האָבן אים פאַרשעמט און ניט
געבראַכט אַפילו קיין מתּנה;
האָט ער געזען אַלץ און געשוויגן.

---

ט.

און נחש דער עמוני האָט
באַלאַגערט יבש גלעד.
האָט יבש נחשן געזאָגט:
דו שלים מיט אונז אַ בונד —
מיר וועלן דינען דיר געטריי.
און ס'ענטפערט נחש דער עמוני:
אָט ווי איך שלים מיט אייך אַ בונד:
כ'וועל אויסשטעכן איעדערן
פון אייך די רעכטע אויג,
און זאָל עס זיין צו שאַנד און שמאָך
פאַר אַלע בני - ישראל.
זאָגן יבשם עלצטע אים:
דו וואַרט אונז זיבן טעג;
מיר שיקן שלוחים צו ישראל
איבער אַלע גרענעצן
און אויב קיינער העלפט אונז ניט,
קומען מיר אַרויס צו דיר.
און די שלוחים יבש גלעד'ס
קומען אָן קיין גבעת שאול,
גיבּן איבער אָט די ווערטער
אין די אויערן פון פאָלק
און דער פאָלק הויבּט אויף זיין קול
און צעוויינט זיך. און אָט, שאול
קומט פון פעלד נאָך זיינע רינדער,
פרעגט ער: וואָס וויינט דאָרט דער
פאָלק? —
האָט מען אים דערציילט די ווערטער
פון די שלוחים יבש גלעד'ס
און ס'האָט אים גאָטס גייסט באַקליידט,
ווי ער האָט דערהערט די ווערטער,
און זיין צאָרן האָט געגליט.
נעמט ער אַ פּאָר רינדער און
צושניידט זיי און שיקט זיי פאַנאַנדער
אין גאַנצן גרענעץ פון ישראל
און הייסט די שלוחים לאָזן וויסן.
אויב עמיץ וועט ניט וועלן גיין
נאָך שאולן און שמואלן,
וועט אָט אַזוי געטאָן ווערן

מיט זיינע רינדער! און אַ פּחד
איז אויף אַלעמען געפאַלן
און זיי זיינען ווי איין מאַן
ארויס נאָך שאולן אין שלאַכט.
האָט ער זיי אויסמושטירט אין בזק
און געווען איז זייער צאָל
צוויי הונדערט טויזנט פון ישראל
און דרייסיג טויזנט פון יהודה.
און שאול האָט געזאָגט די שלוחים:
גייט זאָגט די לייט פון יבש גלעד:
„מאָרגן, ווען די זון ווערט היים,
קומט די הילף צו אייך!" און ס'זיינען
די שלוחים באַלד אַוועק קיין יבש
און דאָרט די בשורה אָנגעזאָגט.
האָט יבש גלעד זיך דערפרייט
און נחשן געלאָזן זאָגן:
„מיר גייען מאָרגן שוין אַרויס,
טועט איר אונז טאָן וואָס אייך געפעלט".
און שאול האָט צוטיילט דעם פאָלק
אין טיילן דריי, אויף מאָרגן פרי
איז ער אַריין אין עמונס מחנה,
און ביז דער טאָג איז היים געוואָרן
האָט ער צושלאָגן די עמונים.
און די, וואָס זיינען ניט געפאַלן,
האָבן זיך צושפּרייט, צוויאָגט
און ניט געבליבן צוויי צוזאַמען.
און ס'זאָגט דער פאָלק צו שמואלן:
ווער ס'זאָגט: „זאָל שאול קיניגן?!" —
גיט אונז ארויס אָט יענע מענטשן,
מיר ווילן זיי דערהרגענען!
זאָגט שאול: ניין, ס'זאָל היינטיגס טאָג
קיין מענטש ניט ווערן טויט געשלאָגן
ווייל היינטיגס טאָג האָט גאָט געגעבן
אַ הילף אַ גרויסע אין ישראל.

---

### י.

און שמואל האָט צום פאָלק געזאָגט:
קומט אַלע, לאָמיר גיין קיין גלגל
און דאָרט באַנייען די מלוכה!
און ס'איז דער פאָלק אַוועק קיין גלגל
און אויסגערופן שאולן
פאַר מלך איבער גאַנץ ישראל.
זיי האָבן דאָרט געשאָכטן שלמים,
און ס'האָבן שאול און ישראל
זיך נעפרייט אַ גרויסע פרייד.

---

### י"א.

און שמואל זאָגט צו גאַנץ ישראל:
זעט, איך האָב אייך געהאָרכט אין אַלץ,
וואָס איר האָט מיר געהייסן און
איך האָב אַ מלך אייך געגעבן.
איצט גייט דער מלך צווישן אייך,
און איך—איך בין שוין אַלט און גרוי,
מיט אייך זיינען די קינדער מיינע,—
און איך בין דאָך פאַר אייך געגאַנגען
פון יונגערהייד ביז היינטיגס טאָג;
אָט בין איך דאָ, טאָ זאָגט אויף מיר
פאַר גאָט און אויך פאַר זיין געזאַלבטן:
צי האָב איך וועמעס אָקס גענומען,
צי צוגענומען וועמעס אייזל,

צי עמיצן בארויבט, באַדריקט,
ביי עמיצן גענומען כּופר
און אים פאַרזען? אַלץ גיב איך אָפּ!
און ס'האָט דער פאָלק געענטפערט אים:
דו האָסט אונז ניט בארויבט, באַדריקט,
ביי קיינעם גאָרניט צוגענומען!
און שמואל האָט צו זיי געזאָגט:
זאָל גאָט אַן עדות זיין אויף אייך,
אַן עדות היינט — אויך זיין געזאַלבטער,
אַז איר האָט קיין זאַך ניט געפונען
ביי מיר! און ס'זאָגט דער פאָלק: אַן עדות!
זאָגט שמואל: איצט האָט איר אַ מלך
וואָס גאָט האָט איבער אייך באַשטימט;
אויב איר וועט פאָרכטיג זיין פאַר גאָט,
געטריי אים דינען און אים פאָלגן,
וועט איר צוזאַמען מיטן מלך
אין גאָט לאַנג לעבן; וועט איר אָבער
אים ווידערשפּעניגן, וועט ער
אייך מיטן מלך אומבריינגען!
אָט שטעלט זיך איצט און זעט דעם
וואונדער,
וואָס גאָט מאַכט דאָ פאַר אייער בליק:
ס'איז היינט דאָך שניט פון ווייץ אין לאַנד.
אַז איך רוף אָבער באַלד צו גאָט,
גיט ער דאָ דונערן און רעגן,
און זאָלט אירע אַלע זען און וויסן,
אַז גרויס איז אייער זינד פאַר גאָט,
פאַר זיך אַ מלך צו פאַרלאַנגען!
און שמואל האָט צו גאָט גערופן
האָט באַלד געדונערט און גערעגנט.
און ס'האָט דער פאָלק געציטערט שוין
און אַלע זאָגן שמואלן:
בעט גאָט פאַר אונז, לאָמיר ניט שטאַרבן,
ווייל זייער גרויס איז אונזער זינד,
זאָגט שמואל האָט קיין מורא ניט!
געזינדיגט האָט איר זייער שטאַרק,
דינט אָבער גאָט מיט לייב און לעבן,
פאַרלאָזט זיך ניט אויף אייטלקייטן,
גייט ניט נאָך זיי; זיי קענען אייך
ניט העלפן און ניט ראַטעווען.
און גאָט פאַרלאָזט אייך קיינמאָל ניט,
צוליב זיין גרויסן נאָמענס וועגן,
ווייל ער האָט איינמאָל שוין באַוויליגט
אייך פאַר זיין אייביג פאָלק באַשטימען.
אויך איך, חלילה, זינדיג ניט, —
איך וועל פאַר אייך מתפּלל זיין.
און לערנען אייך און ווייזן אייך
די גוטע רעכטפאַרטיגע וועג;
איר זאָלט פאַר גאָט נאָר מורא האָבן
אים דינען אמתדיג - געטריי,
ווייל זעט די גרויסע וואונדער זיינע!
און טוט איר שלעכטס, — וועט איר
צוזאַמען
מיט אייער מלך אומקומען!

———

י"ב

האָט שאול אויסדערוויילט זיך יונגען,
דריי טויזנט מאַן פון בני - ישראל
צוויי טויזנט מאַן מיט אים אין מכמש
און טויזנט ביי זיין זון יונתן,
אין גבעה פון בנימין;
די איבעריגע אָפּגעשיקט

אַ יערדרן אין זיין געצעלט.
האָט יונתן באַלד צושלאָגן
דעם פּלישתּים ־ גאַרניזאָן אין גבעה,
און שאול האָט געבלאָזן שופר
האָבן עס דערהערט די עברים,
אַז שאול האָט געשלאָגן פּלישתּים
און אַז ישראל איז פאַרמיאוסט
געוואָרן ביי די פּלישתּים, און
דער פּאָלק האָט זיך צונויפגעקליבן
נאָך שאולן קיין גלגל.

---

י״ג

און ס'קומען זיך צונויף די פּלישתּים
מלחמה האַלטן מיט ישראל,
געווען אַ טויזנט רייטוועגענער,
זעקס טויזנט רייטער, און דער פּאָלק
ווי זאַמד ביים ברעג פון ים לרוב,
און זיי זיינען אויפגעגאַנגען
און געלאַגערט דאָרט אין מכמש.
און די מענער פון ישראל
זעען, אַז ער איז אין קלעם,
אַז דער פּאָלק ווערט צוגעדריקט,
האָבן עברים זיך פאַררוקט
אין די היילן, צווישן דערנער,
אין די פעלזנס, לעכער, גריבער;
עברים זיינען אויך אַריבער
דורכן ירדן אין לאַנד גד;
שאול שטייט נאָך אַלץ אין גלגל —
ס'ציטערט הינטער אים דער פּאָלק.
האָט ער זיבן טעג געוואַרט,
ווי ס'האָט שמואל אים באַפוילן, —
שמואל קומט אַלץ ניט קיין גלגל;
האָט דער פּאָלק, וואָס הינטער אים,
אָנגעהויבן זיך צושפּרייטן.
און געזאָגט האָט דאַמאָלס שאול:
„ברענגט אהערצו די קרבנות!"
און ער האָט פאַרברענט אַן עולה.
ווי ער האָט פאַרברענט די עולה,
פאַר גאָט און אויך פאַר שמואלן.
איז באַלד שמואל אָנגעקומען;
שאול איז אַרויס אַנטקעגן,
אים צו גריסן; פרעגט אים שמואל:
„וואָס האָסטו געטאָן?" זאָגט שאול:
כ'האָב געזען, אַז הינטער מיר
דער פּאָלק הויבט אָן זיך צו צושפּרייטן,
דו ביסט אַלץ נאָך ניט געקומען,
פּלישתּים זאַמלען זיך אין מכמש;
און איך האָב געזאָגט צו זיך:
איצט באַפאַלן מיך די פּלישתּים
און כ'האָב גאָט נאָך ניט געבעטן!
האָב איך זיך אַליין געשטאַרקט
און האָב אויפגעבראַכט די עולה.
און ס'זאָגט שמואל שאולן:
האָסט אַ נאַרישקייט געטאָן,
ניט געהאָרכט צו גאָטס געבאָט:
אַצינד האָט ער דיין קיניגרייך
געזאָלט באַפעסטיגן אויף אייביג;
אָבער ס'וועט דיין קיניגרייך
מער קיין תקומה שוין ניט האָבן;
גאָט האָט אויסגעפונען זיך
אַ מאַן לויט זיין פאַרלאַנג און האָט אים
צום פירשט באַפוילן אויף ישראל.
און שמואל איז אַוועק פון גלגל.

---

י״ד

און שאול האָט געציילט דעם פאָלק —
געווען ביי אים זעקס הונדערט מאַן.
און ס'האָבן זיך אַרויסגעלאָזט
די שלאָגערס פון דער מחנה פּלישתּים
אויף שאולן אין טיילן דריי.
און ס'איז אין גאַנצער לאַנד ישראל
קיין שלאָסער - מייסטער ניט געווען,
ווייל פּלישתּים האָבן זיך באַוואָרנט,
די עברים זאָלן זיך אַמאָל
ניט מאַכן שווערדן אָדער שפּיזן.
און פּלישתּים פלעגן גיין
אין פּלישתּים - לאַנד צו שלייפן זיך
אַ יעדערער זיין אַקער - אייזן,
זיין שנייד - מעסער, זיין האַק, זיין הובעל,
און בלויז אַ פייל געהאַט צו שאַרפן
די הובעלן, די שנייד - מעסערס,
די מיסט - גאָפּלען, די אָקסן - שטאַכלען.
און אַט אין טאָג פון דער מלחמה
איז ניט געווען קיין שווערד און שפּיז
ביים גאַנצן פאָלק; געווען בלויז צוויי
— ביי שאולן און ביי יונתן.

---

ט״ו.

און יונתן האָט געזאָגט
צום יונג, וואָס טראָגט נאָך אים די וואָפן:
קום, לאָמיר שטיל אַריבערגיין
אין יענער זייט, צום פּלישתּים - לאַגער.
דעם פאָטער האָט ער ניט דערציילט.
און אין דער מחנה איז געווען
אחיה, עלים אייניקל,
דער כּוהן גאָטס און אפוד - טרעגער
און ביים דורכגאַנג, צווישן בריקן,
וואו יונתן האָט געוואָלט
איבערגיין צום פּלישתּים - לאַגער,
שטייען פעלזנס פון צוויי זייטן,
איינער בוצץ, איינער סנה.
זאָגט יונתן צו זיין יונג:
לאָמיר גיין אין פּלישתּים - לאַגער,
אפשר וועט אונז העלפן גאָט
ווייל ניטאָ ביי אים קיין אָפּהאַלט,
העלפן אונז מיט פיל, צי ווייניק.
ענטפערט אים דער וואָפן - טרעגער:
טו אַלץ, ווי דיין האַרץ געלוסט;
גיי, און איך גיי אויך מיט דיר.
זאָגט יונתן אים: מיר גייען
און אַנטפּלעקן זיך פאַר יענע;
אויב זיי זאָגן אונז אַזוי:
„וואַרט, מיר קומען באַלד צו אייך!"
בלייבן מיר און גייען ניט,
אויב זיי זאָגן: „קומט צו אונז!"
גייען מיר צו זיי אַרויף.
דאָס וועט זיין ביי אונז דער צייכן.
האָבן ביידע זיך באַוויזן
פאַרן לאַגער פון די פּלישתּים
און די פּלישתּים זאָגן: אָט
ס'קריכן עברים פון די לעכער,
וואו זיי האָבן זיך פאַררוקט.
און די מענער פונם פאָרפּאָסט
רופן זיך צו ביידן אָן:
קומט נאָר, קומט אהער צו אונז,
וועלן מיר אייך אָנלערנען!
זאָגט יונתן שטיל צום יונג:

קום נאָך מיר! גאָט ענטפערט איבער
די פּלישתּים אין ישׂראלס האַנט!
און יונתן איז געקראָכן
אויף די הענט און אויף די פיס.
און נאָך אים דער וואָפן - טרעגער
און זיי שלאָגן דאָרט די פּלישתּים
צוואַנציק מאַן אין ערשטן קלאַפּ,
אויף אַ האַלבן אַקער פעלד.
איז אַ שרעק אַנטשטאַנען דאָמאָלס
אינם לאַגער און אין פעלד
און אין גאַנצן פּלישתּים - פאָלק
און דער פאָרפּאָסט און די שלאָגערס
אַלע האָבן זיך דערשראָקן
און געציטערט האָט די ערד,
ס'איז געווען אַ שרעק פון גאָט!

---

ט"ז.

און די אויסקוקערס פון שאול,
וואָס אין גבעה פון בנימין
זעען, אַז די פּלישתּים - מאַסן
לויפן דאָרט אַהער - אַהין,
און זיי גייען זיך פאַנאַנדער,
רופט זיך שאול אָן צום פאָלק:
מושטירט און זעט, ווער ס'פעלט ביי אונז!
האָט מען מושטירט און באַלד דערזען,
אַז יונתן פעלט, זון שאולס,
און מיט אים זיין וואָפן - טרעגער.
און ס'זאָגט שאול צו אחיה:
„גיב אַהער דעם ארון גאָטס!"
ווייל דער ארון איז געווען
ביי ישׂראל יענעם טאָג.
און ווי שאול רעדט צום כּוהן,
ווערט אַלץ שטאַרקער דער געטומל
אין דער מחנה פון די פּלישתּים,
רופט זיך שאול אָן צום כּוהן:
„ציִ צוריק דיין האַנט!" און שאול
רופט צונויף דעם גאַנצן פאָלק
און זיי קומען ביזן לאַגער
און ס'איז איינעמס שווערד אין צווייטן —
דער געטומל זייער גרויס.
און אין מחנה פון די פּלישתּים
זיינען עברים אויך געווען
נאָך פון נעכטן, אייערנעכטן,
אין מלחמה מיטגעגאַנגען;
זיינען זיי אַצינד געווען
מיט ישׂראל און מיט שאול.
אויך די מענער פון ישׂראל
וואָס פאַררוקט אין באַרג אפרים,
האָבן איצט דערהערט, אַז פּלישתּים
זיינען אַלע זיך צולאָפן,
זיינען זיי אַרויסגעקראָכן
און זיי נאָכגעיאָגט אין שלאַכט.
און די מענער פון ישׂראל
האָבן זיך דעם טאָג פאַרמאַטערט;
שאול האָט דעם פאָלק פאַרשוואָרן:
„זאָל פאַרשאָלטן זיין דער מאַן,
וואָס וועט עסן ברויט ביז אָוונט!
ביז כ'וועל אָפּרעכענען זיך
מיטן שונא אונזערן!"
האָט דער פאָלק קיין ברויט פאַרזוכט.
ס'איז די שלאַכט אין וואַלד אַריין,
דאָרט האָט האָניק זיך געגאָסן, —
קיינער גרייכט די האַנט צום מויל,
מחמת מורא פאַר דער שבועה.

בלויז יונתן, שאולס זון,
האָט די שבועה ניט געהערט,
שטרעקט ער אויס דעם שפּיץ פון שטעקן,
טונקט אים איין אין פלוס פון האָניג
און דערלאַנגט זיין האַנט צום מויל,
ווערט אים ליכטיג אין די אויגן.
רופט זיך אָן אַ מאַן פון פאָלק:
ס'האָט דיין פאָטער דאָך באַשוואוירן,
„זאָל פאַרשאָלטן זיין דער מאַן,
וואָס וועט עסן ברויט דעם טאָג!"
און דער פאָלק איז דאָך פאַרחלשט!
זאָגט יונתן אים: מיין פאָטער
האָט דעם גאַנצן פאָלק פאַרדאָרבן;
זעט איר דאָך, ווי ס'איז מיר ליכטיג
אין די אויגן, ווייל פאַרזוכט
האָב איך בלויז די ביסל האָניג!
און וואָלט היינט דער פאָלק געגעסן
פונם רויב פון זיינע פיינט,
וואָלט דאָך גרעסער נאָך געוועזן
אונזער קלאַפּ איצט אין די פלישתּים!

---

י"ז

האָט דער פאָלק געשלאָגן פלישתּים
און געוואָרן שטאַרק פאַרחלשט;
האָבן אַלע זיך געוואָרפן
אויפן רויב, געכאַפּט שאָף רינדער
און געקוילעט אויף דער ערד
און געגעסן מיט די בלוט.
האָט מען שאולן דערציילט,
אַז דער פאָלק עסט מיט די בלוט.
שרייט ער אויס: איר האָט געזינדיגט!
קייקלט צו אַ גרויסן שטיין
און דערלאַנגט אַהער צו מיר
איטלעכער זיין אָקס זיין שעפּס,
וועט איר שעכטן דאָ און עסן
און ניט זינדיגן צו גאָט,
עסנדיג די פלייש מיט בלוט!
האָט דער פאָלק אַ גאַנצע נאַכט
שאָף און רינדער אים געבראַכט
און געשאָכטן אויפן שטיין.
אָט אַזוי האָט שאול דאַמאָלס
אַ מזבח אויפגעבויט.

---

י"ח.

און נאָכדעם זאָגט ער צום פאָלק:
לאָמיר לויפן נאָך די פלישתּים
היינט ביינאַכט און זיי צושלאָגן
ביז פאַר טאָג, אַז ס'זאָל ביי זיי
קיין לעבעדיגער ניט פאַרבלייבן!
זאָגט דער פאָלק: „טו ווי דו ווילסט"!
און דער כּוהן האָט געזאָגט:
„לאָמיר אָנפרעגן ביי גאָט"!
און ס'האָט שאול גאָט געפרעגט:
זאָל איך לויפן נאָך די פלישתּים?
גיסטו זיי אין האַנט ישראלס?
האָט אים גאָט גאָרניט געענטפערט.
און ס'האָט שאול אויסגערופן:
קומט אַהער די הויפּטלייט אַלע!
לאָמיר וויסן, לאָמיר זען,
וואָס איז אָקאָרשט אונזער זינד?
כ'שווער ביי גאָט, וואָס העלפט ישראל,
אויב די שולד איז אין יונתן,
מוז ער שטאַרבן אויפן שטעל!
קיינער ענטפערט אים פון פאָלק.

און ס'זאָגט שאול צו ישראל:
שטעלט זיך אַלע אין איין זייט
און איך מיט מיין זון יונתן
וועלן שטיין אין צווייטער זייט!
זאָגט דער פאָלק: טו ווי דו ווילסט!
שאול זאָגט צו גאָט ישראלס:
„גיב אַרויס דעם גאַנצן אמת"!
איז געפאַלן אויף זיי ביידן
און דער פאָלק איז פריי אַרויס.
און ס'זאָגט שאול: „וואַרפט דעם גורל,
צווישן מיר און מיין יונתן"!
איז געפאַלן אויף יונתן.
רופט זיך שאול אָן צום זון:
זאָג מיר, וואָס האָסטו געטאָן?
ענטפערט ער: איך האָב פאַרזוכט
מיטן עק פון שטעקן מיינעם
בלויז אַ קליינע ביסל האָניג —
איך בין גרייט דערפאַר צו שטאַרבן!
זאָגט אים שאול: כ'שווער ביי גאָט,
אַז דו מוזט, יונתן, שטאַרבן!
נאָר דער פאָלק האָט אויסגערופן:
צי זאָל שטאַרבן גאָר יונתן,
וועלכער האָט געבראַכט ישראל
אָט די גרויסע הילף? חלילה!
אַלע שווערן מיר ביי גאָט,
אויב עס וועט אַ האָר איצט פאַלן
פון זיין קאָפּ! — און ס'האָט דער פאָלק
אויסגעלייזט אים פונם טויט.

---

י"ט

און ס'האָט שאול אָפּגעטראָטן
ניט געיאָגט שוין מער די פלישתים,
און באַצוואונגען די מלוכה
אויף ישראל און געשטריטן
אַרום זיך מיט אַלע שונאים,
מואב, עמון, אדום, צובה
און אויך מיט די פלישתים ווידער;
וואו געקערט און וואו געווענדט זיך,
האָט ער אַלעמען געשלאָגן.
האָט צונויפגעזאַמלט חיל
און געשלאָגן אויך עמלק
און געראַטעוועט ישראל
פון די רויבערס און באַדריקערס.
שטאַרקער אָבער איז געווען
די מלחמה קעגן פלישתים
אַלע טעג פון שאולס הערשאַפט.
און אויב שאול האָט געזען
ערגעץ וואו אַ שטאַרקן מאַן
און אַ יונג אַ העלדישן —
האָט ער אים צו זיך גענומען.

---

כ'

האָט שמואל שאולן געזאָגט:
גאָט האָט מיך אַמאָל געשיקט
דיך צו זאַלבן פאַר אַ קיניג
אויף זיין פאָלק ישראל;
הער - זשע איצט אַ וואָרט פון גאָט.
איך געדיינק, ווי ס'האָט עמלק
שלעכטס געטאָן ישראלן,
שטרויכלונגען געלייגט אין וועג,
פון מצרים גייענדיג.
גיי - זשע שלאָג עמלקן
און פאַרוויסט זיין גאַנצע האָב
האָב אויף אים ניט קיין רחמנות,

שלאָג צום טויט פון מאַן ביז פרוי,
קינד און זויג־קינד, אָקס און שעפּס,
פונם קעמל ביזן אייזל.
שאול האָט דעם פאָלק פאַרזאַמלט
און מיט שעפּסלעך געציילט:
פוסגייערס צוויי הונדערט טויזנט
און צענטויזנט פון יהודה,
און געקומען ביז עמלק
און געשלאָגן אים אין טאָל.
שאול שיקט דעם קיני זאָגן:
ניי ארויס פון עמלקי
איך זאָל דיך מיט אים ניט טויטן,
האָסט אַמאָל דאָך גנאָד געטאָן
מיט די קינדער פון ישראל,
פון מצרים גייענדיג.
און דער קיני איז אוועק
פון עמלק. און ס'האָט שאול
דעם עמלק שטאַרק געשלאָגן,
מיטן שווערד דעם פאָלק פאַרטיליגנט
און אגג, עמלקס קיניג,
לעבעדיגערהייד געכאַפּט.
און ס'האָט שאול מיטן פאָלק
זיך דערבאַרימט אויף אגגן,
אויף די בעסטע שאָף און רינדער,
אויף די פעטסטע בעק און לעמער,
ניט פאַרטיליגט זיי אינגאַנצן,
בלויז די שוואַכע פונם צוג,
די צוקראָכענע און קראַנקע,
יענע האָבן זיי פאַרטיליגט.

---

כ"א

האָט גאָט שמואלן געזאָגט:
כ'האָב חרטה שוין אצינד,
וואָס כ'האָב שאולן געקרוינט
פאַר אַ מלך אויף ישראל;
ווייל ער איז פון מיר אוועק
און מיין אָנזאָג ניט געפאָלגט.
האָט עס שמואלן פאַרדראָסן
און ער האָט צו גאָט גערופן
יענע גאַנצע נאַכט; געפעדערט
זיך גאַנץ פרי און איז אַרויס
שאולן באַגעגענען
און געטראָפן אים אין גלגל.
זאָגט אים שאול: זיי געבענטשט!
כ'האָב דעם אָנזאָג גאָטס דערפילט.
פרעגט אים שמואל: און וואָס הער איך
דאָרט אַ קול פון שעפּסעלעך
און אַ קול פון רינדער דאָרט?
ענטפערט שאול: פון עמלק
האָט מען זיי אַהער געבראַכט,
ווייל דער פאָלק האָט זיך דערבאַרימט
אויף די בעסטע שאָף און רינדער
זיי צו שעכטן פאַר דיין גאָט,
אַלע איבעריגע אָבער
האָב איך און דער פאָלק פאַרטיליגט.
און ס'זאָגט שמואל שאולן:
וואַרט אַ ווייל, וועל איך דיר זאָגן,
וואָס ס'האָט גאָט ביינאַכט געזאָגט מיר.
ענטפערט שאול אים: דערצייל!
זאָגט אים שמואל: הער מיך צו!
אויב ביסט קליין אין דיינע אויגן,
ביסטו אָבער דאָך דער עלצטער
פון די שבטים אין ישראל,
און ס'האָט גאָט דאָך דיך געזאַלבט

פאַר אַ מלך אויף ישׂראל.
און ער האָט געשיקט דיר זאָגן:
ביי פאַרטיליק דעם עמלק,
קעמף מיט אים ביז צו פאַרניכטונג!
וואָס - זשע האָסטו ניט געפאָלגט
זיך געלאָזן אויפן רויב
און געזינדיגט קעגן גאָט?
און ס'זאָגט שאול שמואלן:
כ'האָב דאָך צוגעהערט גאָטס שטים,
בין געגאַנגען אין זיין וועג,
האָב עמלקן פאַרטיליגט
און געבראַכט אגג, דעם מלך;
בלויז דער פאָלק האָט פונם רויב
זיך גענומען שאָף און רינדער,
פון די בעסטע פונם חרם,
זיי צו שעכטן פאַר דיין גאָט!
אָבער שמואל ענטפערט אים:
צי פאַרלאַנגט גאָט די קרבנות,
ווי ער וויל, מ'זאָל אים פאָלגן?
הערן איז פון שעכטונג בעסער
פאָלגן — פון די פעטסטע לעמער,
וואָרום ווי די זינד פון כּישוף
איז די ווידערשפעניגקייט
און די טראָציגקייט — ווי געטשעמס!
דו האָסט גאָטס געבאָט פאַרמיאוסט,
ביסטו מיאוס אים געוואָרן,
וועסט קיין מלך מער ניט זיין!

---

כ"ב.

און ס'זאָגט שאול שמואלן:
כ'האָב געזינדיגט קעגן גאָט,
גיט צו פאָלגן אים און דיר;
מחמת מורא פאַרן פאָלק.
האָב איך זיין פאַרלאַנג דערפילט.
זיי - זשע מוחל מיר די זינד.
קער זיך אום צוריק מיט מיר,
וועל איך בוקן זיך צו גאָט.
ענטפערט שמואל שאולן:
כ'וועל צוריק מיט דיר ניט גיין,
ווייל האָסט גאָטס געבאָט פאַרמיאוסט
האָט אויך גאָט פאַרמיאוסט דיך,
וועסט קיין מלך מער ניט זיין!
און זיך אָפּגעקערט צו גיין.
שאול האָט אים אָנגעכאַפּט
פאַרן פאָלע פון זיין מאַנטל,
האָט די פאָלע זיך צוריסן.
און ס'האָט שמואל אים געזאָגט:
אָפּגעריסן האָט פון דיר גאָט
איצט די קיניגרייך ישׂראלס
און אוועקגעגעבן איר
צו דיין פריינט דעם בעסערן.
זאָגט אים שאול: כ'האָב געזינדיגט,
גיב זשע כאָטש איצינד מיר כבוד
פאַר די עלצטע פון ישׂראל,
פאַרן גאַנצן פאָלק ישׂראל,
קער זיך אום צוריק מיט מיר,
כ'וועל זיך בוקן פאַר דיין גאָט!
דאַמאָלס איז געגאַנגען שמואל
הינטער שאולן צוריק,
האָט ער זיך געבוקט פאַר גאָט.
שמואל זאָגט: דערלאַנג אהער מיר
דעם אגג, עמלקס קיניג.
האָט אגג זיך אים דערנענטערט
שטאָלץ פאַררופן און געזאָגט:

יאָ, דער טויט איז שלעכט און ביטער!
און ס'האָט שמואל אים געזאָגט:
ווי דיין שווערד האָט ביי די ווייבער
אָפּגערויבט די ליבע קינדער,
אַט אַזוי וועט אויך דיין מאַמע
איצט בארויבט זיין פון איר זון!
און ס'האָט שמואל באַלד צוריסן
דעם אגג פאַר גאָט אין גלגל.
שמואל איז אַוועק קיין רמה,
שאול — אין זיין הויז קיין גבעה
און ס'האָט שמואל ביז זיין טויט שוין
קיינמאָל שאולן געזען.

---

## כ״ג

זאָגט גאָט שמואלן: ווי לאַנג נאָך
קלאָגסטו אַלץ אויף שאולן?
און ביי מיר איז ער שוין מיאוס
צו זיין קיניג אויף ישראל!
גיי, פיל אָן מיט אייל דיין האָרן,
וועל איך שיקן דיר צו ישין,
קיין בית - לחם, ווייל איך זע מיר
צווישן זיינע זין אַ קיניג.
שמואל זאָגט: ווי קען איך גיין?
שאול הערט, וועט ער מיך טויטן!
זאָגט אים גאָט: אַ יונגע קעלבל
נעם מיט זיך, וועסטו דאָרט זאָגן,
אַז דו קומסט פאַר גאָט צו שעכטן,
און פאַרבעט צום שאַכט אויך ישין,
זאָג איך דאָרט דיר, וואָס צו טאָן,
וועמען מיר צום קיניג זאַלבן.
שמואל האָט געטאָן אַזוי,
אָנגעקומען קיין בית - לחם,
און די עלצטע פון דער שטאָט
זיינען אים אַרויס אַנטקעגן
און געפרעגט: דו קומסט מיט שלום?
זאָגט ער: שלום! כ'בין געקומען
דאָ פאַר גאָט קרבנות שעכטן,
הייליגט זיך און קומט צום שאַכט!
ער האָט אויך געהייליגט ישין
און די זין, צום שאַכט גערופן,
און אַז זיי זיינען געקומען,
און ער זעט אליאבן,
טראַכט ער: „אָט איז גאָטס געזאַלבטער"
אָבער גאָט האָט אים געזאָגט:
קוק ניט אויף געשטאַלט און וואוקס,
ער געפעלט מיר ניט, ווייל איך קוק
ניט אַזוי, ווי מענטשן זעען:
מענטשן זעען פאַר די אויגן,
אָבער גאָט קוקט טיף אין האַרצן.
רופט ער אבינדבן,
אָבער שמואל זאָגט: אויך דעם
האָט ניט אויסגעקליבן גאָט.
און אַזוי האָט ישי אַלע
זיינע זיבן זין געבראַכט,
דורכגעפירט פאַר שמואלן,
שמואל אָבער זאָגט צו ישין:
גאָט האָט זיי ניט אויסדערוויילט!
און ער פרעגט נאָכדעם ביי ישין:
זיינען דאָס שוין אַלע יונגען?
ענטפערט ער: פאַראַן נאָך איינער,
איז אַ פּאַסטוך ביי די שאָף.
זאָגט אים שמואל: שיק און ברענג אים,
ווייל מיר גייען ניט צום טיש,
ביז אויך יענער קומט אַהערצו.

ישי האָט געשיקט אים רופן,
איז אַ רויטינקער געווען,
שיינע אויגן, גוטער אויסזען,
און ס'זאָגט גאָט צו שמואל:
שמעל זיך, זאַלב אים, ווייל דאָס איז ער!
שמואל נעמט דעם האָרן אייל,
זאַלבט אים צווישן זיינע ברידער,
און פון יענעם טאָג איז דוד
פון גאָטס גייסט געווען באַהערשט —
שמואל איז אַוועק קיין רמה.

---

כ"ד

האָט דער גייסט פון גאָט פאַרלאָזן
שאולן אין יענער צייט,
פלעגט אַ בייזער גייסט אים שרעקן.
זאָגן שאולס קנעכט צו אים:
ס'פּייניגט דיך אַ בייזער גייסט,
הייס - זשע אויסזוכן אַ מאַן,
וואָס קען שפּילן אויפן האַרף;
קומט אויף דיר דער בייזער גייסט,
שפּילט ער דיר און ס'ווערט דיר בעסער.
ענטפערט שאול זיינע קנעכט:
גייט און זעט אַ גוטן שפּילער
און ברייגנט אים צו מיר אַהערצו!
ענטפערט איינער פון די יונגען:
כ'האָב געזען אַ זון פון ישין,
פון בית - לחם, קען ער שפּילן,
איז אַ העלד אויך פון מלחמה,
און אַ קלוגער, און אַ שיינער,
און גאָטס גייסט איז איבער אים.
שאול האָט געשיקט צו ישין
שלוחים און געבעטן: שיק
מיר דיין דוד פון די שאָף,
ישי נעמט אַן אייזל ברויט,
אַ לאָגל וויין, אַ ציקעלע,
שיקט דורך דודן צו שאול.
און אַז דוד איז געקומען,
זיך פאַר שאולן געשטעלט,
האָט אים שאול ליב געקריגן,
האָט באַשטימט פאַר וואָפן - טרעגער,
און ער שיקט צו ישין זאָגן:
זאָל דיין דוד שטיין פאַר מיר —
ער האָט גנאָד ביי מיר געפונען.
און פון דאַמאָלס אָן, ווען שאול,
ווערט באַהערשט פון בייזן גייסט,
שפּילט אים דוד אויף זיין האַרף,
ווערט אים גרינגער, ווערט אים בעסער,
גייט אַוועק דער בייזער גייסט.

---

כ"ה

און עס קומען מחנות פּלישתּים
אויף מלחמה מיט יהודה
צווישן שוכה און עזקה.
שאול קומט מיט זיינע מחנות
שפּרייט זיך אויס אין טאָל פון ליפּעס
שטייען פּלישתּים אויף אַ באַרג,
אויף אַ צווייטן באַרג — ישראל,
און די נידער צווישן זיי.
גייט אַרויס אַ מאַן אַ קעמפער
פון די פּלישתּים - מחנות — גלית,
הויך זעקס איילן און אַ שפּאַן,
אויפן קאָפּ אַ העלם פון קופער,
אויפן לייב אַ שופּן - פּאַנצער,
וועגט פינף טויזנט קופער - טאָלער,

אויף די פיס אַ קופּער - בלעך,
אויפֿן זייט אַ קופּער - שפּיז,
און די הענטל פֿון זיין שפּיז
גרויס און גראָב — אַ וועבער־קלאָץ,
און די קלינגל פֿון זיין שפּיז
וועגט זעקס הונדערט טאָלער אייזן,
און פֿאַר אים — אַ שילד - טרעגער,
און ער שטעלט זיך און רופֿט אויס
צו די רייען פֿון ישראל.
וואָס דאַרפֿט איר מלחמה האַלטן?
אָט בין איך, דער פּלישתּי, איינער,
און איר זיינט דאָך שאולס קנעכט,
קלייבט זיך אויס אַ מאַן פֿון אייך,
און זאָל ער צו מיר אַראָפּגיין,
אויב ער וועט מיך בייקומען,
נעמט איר אַלע אונז פֿאַר קנעכט;
אויב איך וועל אים בייקומען
וועט איר ווערן קנעכט ביי אונז
און איר וועט אונז מוזן דינען.
און דער פּלישתּי זאָגט: איך האָב דאָך
היינט געשענדט ישראלס רייען;
גיט - זשע מיר אַרויס אַ מאַן,
זאָל ער גיין אין קאַמף מיט מיר!
און ס'הערט שאול און ישראל
אָט די ווערטער פֿונם פּלישתּי
און זיי ציטערן און פֿאַרכטן.

---

כ"ו

און דער ישי פֿון בית־לחם
איז שוין דאַמאָלס אַלט געווען
און געהאַט האָט ער אַכט זין
און פֿון זיי דער יינגסטער — דוד.

זיינען דריי פֿון זיינע זין
דאָ געווען אין דער מלחמה
און דער יינגסטער ברודער, דוד,
פֿלעגט פֿון שאולן אַוועקגיין
אין דערהיים די שאָף צו פּאַשען.
און דער פּלישתּי פֿלעגט אַרויסגיין
אינדערפֿרי און אויך פֿאַרנאַכט
און זיך שטעלן — פֿערציק טעג.
און ס'זאָגט ישי דודן:
נעם נאָר מיט פֿאַר דיינע ברידער
זאַנגען טרוקענע אַ מעסטל
און צען ברויטלעך אָטאָ־די
און טראָג זיי אַוועק אין לאַגער
און צען מילך - קעזן אָט יענע
טראָג אַוועק דעם האַר פֿון טויזנט,
פֿרעג די ברידער וואָס זיי מאַכן
און אַ צייכן נעם פֿון זיי!
האָט זיך דוד פֿרי געפֿעדערט,
ביי די שאָף געלאָזט אַ ויעכטער
און גענומען די מתּנות
און אַוועק צו דער מלחמה
און אַריין אין קרייז פֿון חיל,
וואָס האָט ליאַרעמדיג געשאַלט;
האָט די זאַכן אָפּגעגעבן
אין דער האַנט פֿון כּלים - היטער
און געלאָפֿן אין דער ריי
און באַגריסט זיך מיט די ברידער.
ווי ער רעדט אַזוי מיט זיי,
איז דער פּלישתּים - קעמפֿער, גלית,
פֿון דער פּלישתּים - ריי אַרויס
און גערעדט אַליץ זיינע ווערטער
און ס'האָט דוד עס געהערט.

און די בני ישראל אַלע,
ווי זיי זעען יענעם מאַן,
לויפן באַלד אַוועק אין שרעק
און זיי ריידן צווישן זיך:
זעט איר דאָרט דעם מאַן, וואָס גייט?
הערט איר, ווי ער שענדט און לעסטערט?
ווער פון אונז עס שלאָגט אים טויט,
וועט אים אָפּגילטן דער קיניג,
וועט אים אויך זיין טאָכטער געבן
און זיין טאַטנס הויז באַפרייען.
רופט זיך דוד אָן צו יענע,
וועלכע שטייען אַרום אים:
וואָס, זאָגט איר, וועט קריגן יענער,
וועלכער שלאָגט צום טויט דעם פּלישתּי
און שאַפט אָפּ די שאַנד פון יידן?
וואָרום ווער איז ער, דער פּלישתּי,
אָט דער ערל, וועלכער לעסטערט,
שענדט גאָטס רייען פון ישראל!
און דער פאָלק האָט אים דערציילט:
דאָס און דאָס וועט קריגן יענער,
וועלכער וועט אים שלאָגן טויט.
האָט געהערט אליאב, דודס
גרויסער ברודער, ווי זיי ריידן,
ווערט ער בייז אויף דודן
און ער רופט זיך אָן צו אים:
וואָס ביסטו אַהער געקומען?
און אויף וועמען האָסטו דאָרטן
אונזער ביסל שאָף פאַרלאָזן
אין דער מדבר? יע, איך קען שוין
דיין צולאָזנקייט און בייזקייט!
ביסט געקומען זען די שלאַכט!
אָבער דוד ענטפערט אים:

„וואָס האָב איך געטאָן אַצינד?
כ'האָב דאָך בלויז אַ וואָרט גערעדט!”
און זיך אָפּגעקערט פון אים
צו אַן אַנדערן געווענדט זיך,
נאָכאַמאָל געפרעגט דאָסזעלביגס
און גערעדט דיזעלבע ווערטער.

---

## כ״ז

און אַזוי האָט מען דערציילט
דודס ווערטער שאולן,
רופט ער דודן צו זיך,
און ס'זאָגט דוד אויך צום קיניג:
קיינער זאָל ניט זיין געפאַלן,
איך, דיין קנעכט, בין גרייט אַראָפּגיין
און זיך שלאָגן מיטן פּלישתּי.
ענטפערט שאול דודן:
וועסט ניט קענען גיין צום פּלישתּי
און מיט אים מלחמה האַלטן
ווייל דו ביסט דאָך נאָך אַ ייִנגל
ער איז אָבער פון זיין יוגנט -
אָן אַ קעמפער אַ געניטער.
דוד אָבער זאָגט דעם קיניג
ס'איז דיין קנעכט געווען אַ פאַסטוך
ביי זיין פאָטער אין די שאָף,
קומט אַמאָל אַ לייב, אַ בער,
טראָגט אַוועק אַ שעפּס פון סטאַדע,
לויף איך באַלד נאָך אים און שלאָג אים,
רייס אַרויס ביי אים פון מויל
שטעלט ער זיך אַנטקעגן מיר,
כאַפּ איך אָן אים פאַרן באָרד
און איך שלאָג אים און איך טויט אים;
אָט אַזוי האָט שוין דיין קנעכט

אויך אַ לייב, אַ בער געשלאָגן;
זאָל דער פּלישתּי, אָט דער ערל,
וועלכער לעסטערט דאָ גאָטס רייען,
זיין ביי מיר ווי איינס פון יענע;
און דער גאָט, וואָס האָט געהאָלפן
מיך פון לייב און אויך פון בער,
וועט מיר העלפן אויך פון אים.
ענטפערט שאול דודן:
גיי, און גאָט זאָל זיין מיט דיר!

---

## כ״ח

און ס׳האָט שאול דודן
אָנגעקליידט מלחמה - קליידער,
אויפן קאָפּ אַ העלם פון קופּער
אויפן לייב אַ קופּער - פּאַנצער.
דוד האָט נאָך אויף די קליידער
אָנגעגורט זיך אויך אַ שווערד
און געפּרובט זיך לאָזן גיין,
אָבער ניט געניט געווען
זאָגט ער שאולן: איך קען ניט
גיין אַזוי, ווייל ניט געוואוינט!
און ער וואַרפט אַראָפּ די קליידער,
נעמט זיין שטעקל זיך אין האַנט,
און פון טאָל פינף גלאַטע שטיינדלעך
לייגט ער זיך אין טאַש אַריין,
און אַזוי, אין פּאַסטוך - קליידער,
מיטן שליידער - שטאָק אין האַנט,
לאָזט ער זיך אַראָפּ צום פּלישתּי.
און דער פּלישתּי גייט אַלץ נענטער
און דער שילד - טרעגער פאַר אים,
האָט ער דודן דערזען,
און ער האָט געלאַכט, געשפּעט
פונם יינגעלע דעם רויטן
מיט דער שיינינקער געשטאַלט.
צי בין איך אַ הונט, וואָס דו
קומסט צו מיר מיט שטעקלעך גאָר?
און דער פּלישתּי האָט געשאָלטן
דודן און אויך זיין גאָט.
זאָגט דער פּלישתּי דודן:
קום אַהער, וועל איך דיין לייב
איבערענטפערן צום פרעסן
פאַר די פויגלען פונם הימל
און די חיות פונם פעלד.
רופט זיך דוד אָן צום פּלישתּי:
דו קומסט איצט צו מיר אַרויס
מיטן שווערד און שפּיז און פּיקע
און איך קום צו דיר אַרויס
מיטן נאָמען פון גאָט צבאות
פונם גאָט פון אָט די רייען
וואָס דו האָסט געשענדט, געלעסטערט.
היינטיקס טאָג וועט גאָט ישראלס
דיך אין מיין האַנט איבערגעבן,
וועל איך שלאָגן דיך צום טויט,
אָפּשניידן פון דיר דיין קאָפּ
און די קערפּערס פון די פּלישתּים
וועל איך איבערגעבן היינט
צו די עופות פונם הימל
און די חיות פונם פעלד,
און ס׳וועט וויסן גאָר די לאַנד,
אַז ישראל האָט אַ גאָט.
און ס׳וועט וויסן אָט דער חיל
אַז ניט שווערדן, שפּיזן העלפן,
נאָר די הילף איז בלויז ביי גאָט,

און ער גיט אייך אונז אין האנט!
און אזוי ווי ס'האט דער פלישתי
זיך צו דודן דערנענטערט,
האט זיך דוד אויך געאיילט
און געלאפן צו דער ריי,
צו באגעגענען דעם פלישתי,
אויסגעשטרעקט די האנט צום טאש,
און ארויסגעכאפט א שטיינדל
און געשליידערט אים אין שטערן;
איז דער שטיין אריין אין שטערן
און דער פלישתי איז געפאלן,
דוד האט באזיגט דעם פלישתי
מיטן שליידער און דעם שטיינדל,
ניט געהאט קיין שווערד אין האנט,
און איז באלד אראפגעלאפן
און ביים פלישתי זיך געשטעלט,
צוגענומען יענעמס שווערד
און פון שייד ארויסגעצויגן
און דערשלאגן אים צום טויט
און זיין קאפ אראפגעשניטן,
און געזען האבן די פלישתים,
אז ס'איז טויט שוין זייער העלד
זיינען זיי זיך באלד צולאפן,
און ישראל און יהודה
האבן ליארעמדיג געשאלט
און די פלישתים נאכגעיאגט
ביזן טאל פון שערי - עקרון
און די פלישתים פאלן טויטע
אויפן וועג און אין די טאלן.

כ"ט

און אז שאול האט געזען, ווי
דוד גייט אנטקעגן פלישתי,
פרעגט ער אבנרן דעם עלצטן:
וועמעס זון איז אט דער ייִנגל?
אבנר זאגט: כ'שווער ביי דיין לעבן,
קיניג מיינער, אויב איך ווייס עס!
זאגט אים שאול: גיי און פרעג,
וועמעס זון איז אט דער יונג?
און ווען דוד איז געגאנגען,
נאכן שלאגן טויט דעם פלישתי,
און געהאט זיין קאפ אין האנט,
פרעגט אים שאול: וועמעס ביסטו?
ענטפערט דוד: כ'בין א זון
פון דיין קנעכט ישי, פון בית - לחם.
ווי ס'האט דוד אויסגעלאזט
ריידן מיטן קיניג שאול,
האט יונתן ליב געקריגן
דודן ווי זיין גאנץ לעבן,
און מיט אים א בונד געשלאסן,
אויסגעטאן זיין אויבער - מאנטל
און אים דודן געגעבן,
אויך די שלאכט - קליידער, דעם **שווערד**
און דעם בויגן און דעם גארטל
דודן אלץ אפגעגעבן,
ווייל ער האט אים ליב געקריגן.
און אין יענעם טאג האט שאול
דודן זיך צוגענומען,
ניט געלאזט שוין גיין אהיים.
און וואו שאול פלעגט אים שיקן,
פלעגט ער גיין און פלעגט באגליקן
האט אים שאול אויפגענומען
איבער די מלחמה - לייט,
איז עס אלעמען געפעלן,

אי דעם פאָלק, אי שאולס קנעכט.

---

ל׳

און אין יענעם טאָג, ווען דוד
האָט דעם פּלישתּי טויט געשלאָגן,
און מ׳איז צוריקגעגאַנגען,
זיינען פון די שטעט ישראלס
ווייבער זיי אַרויס אַנטקעגן
מיט געזאַנגען און מיט טענץ
און מיט פּייקלעך, פרייד און צימבּלען,
און די שפּילנדיגע ווייבער
פלעגן אויסשאַלן און זינגען:
„שאול שלאָגט אין טויזנטער,
דוד — אין די צענער טויזנט!"
האָט עס שאולן געבּרענט
און פאַרדראָסן זייער שטאַרק
און ער זאָגט: די ווייבער גיבּן
דודן די צענער טויזנט
און מיר נאָר די טויזנטער —
איצט פעלט אים בּלויז די מלוכה!
און פון יענעם טאָג האָט שאול
פיינט געקריגן דודן.

---

ל״א

און אויף מאָרגן איז אַ בייזער
גייסט אויף שאולן אַריבּער,
האָט אין שטוב געזאָגט נבואות;
דוד שפּילט אים, ווי טאָג־טעגלעך —
שאול האַלט די שפּיז אין האַנט,
און ער האָט דעם שפּיז געוואָרפן
און געטראַכט: איך וואַרף און וואַנט
און וועל טרעפן דודן!...

אָבער צוויי מאָל האָט אַלץ דוד
אָפּגעקערט זיך אָן אַ זייט.
און ס׳האָט שאול זיך דערשראָקן,
ווייל מיט דודן איז גאָט
און פון אים איז ער אַוועק.
און ס׳האָט שאול דודן
אָפּגעשאַפט פון שטיין פאַר אים
און באַשטימט אים פאַר אַן עלצטן
איבּער טויזנט; פלעגט שוין דוד
אָפּט אַרומגיין פאַרן פאָלק,
און ער איז אין אַלע וועגן
קלוג געווען, און שאול זעט, אַז
ער איז קלוג אין אַלע וועגן,
האָט ער שטאַרק געפאָרכט פאַר אים.
גאַנץ ישראל און יהודה
האָבּן שטאַרק ליבּ דודן,
ווייל ער גייט אַרום פאַר זיי.

---

ל״ב

און ס׳זאָגט שאול דודן:
אָט האָב איך אַ גרויסע טאָכטער,
מרב, נעם איר פאַר אַ ווייב,
נאָר זאָלסט זיין ביי מיר אַ העלד
און פאַר מיר גיין אין מלחמות.
(שאול האָט דערבּיי געטראַכט:
זאָל מיין האַנט ניט זיין אויף אים,
זאָלן אים די פּלישתּים טויטן).
דוד אָבער ענטפערט אים:
ווער בּין איך און וואָס מיין לעבּן,
די משפּחה פון מיין טאַטן?
איך זאָל זיין דעם קיניגס איידים?
און אַזוי איז שאולס טאָכטער

ניט געוואָרן דודס ווייב,
נאָר עדריאלס פון מחולה.
אָבער מיכל, שאולס טאָכטער,
האָט געליבט שטאַרק דודן,
האָט מען שאולן דערציילט,
און עס איז אים וואוילגעפעלן,
טראַכטנדיק: כ'וועל איר אים געבן,
זאָל זי זיין פאַר אים אַ שטרויכל,
זאָלן אים די פּלישתּים טויטן.
האָט ער דודן געזאָגט:
מיט דער צווייטער קענסטו היינט
זיך מתחתּן זיין מיט מיר,
און ער האָט די קנעכט באַפוילן:
רעדט מיט דודן גאַנץ שטיל:
זע, דער קיניג וויל דיך זייער
און די קנעכט האָבן דיך ליב, —
ווער - זשע איצט דעם קיניגס איידים!
האָבן שאולס קנעכט גערעדט
יענע רייד מיט דודן.
אָבער דוד ענטפערט זיי:
צי איז עס אַ קליינינקייט,
זיך פאַרבינדן מיטן קיניג?
כ'בין דאָך אַזוי קליין און אָרים!
האָבן שאולס קנעכט דערציילט אים,
וואָס ס'האָט דוד זיי געענטפערט,
זאָגט זיי שאול: זאָגט אַזוי אים:
קיין געשאַנק וויל ניט דער קיניג,
נאָר בלויז הונדערט פּלישתּים - ערלות,
בלויז נקמה אָן די פיינט!
(שאול האָט דערמיט געטראַכט,
איבערגעבן אים די פּלישתּים).
און די קנעכט דערציילן אים עס
און עס איז אים וואוילגעפעלן
איז ער אויפגעשטאַנען באַלד,
מיטגענומען זיינע לייט,
און געטויט צוויי הונדערט פּלישתּים
און די ערלות אָפּגעשניטן
און דעם קיניג זיי דערלאַנגט
און ס'האָט שאול אים געגעבן
פאַר אַ ווייב זיין טאָכטער מיכל.
און ווען שאול האָט געזען,
אַז אין אַלץ איז ער מצליח
און זיין מיכל האָט אים ליב,
האָט ער נאָכמער זיך געשראָקן,
פיינט געקריגן דודן.
און די האַרן פון די פּלישתּים
זיינען נאָך אין שלאַכט אַרויס,
דוד אָבער פלעגט באַגליקט
שטענדיק מער פון שאולס קנעכט,
איז זיין נאָמען ליב געוואָרן.

---

## ל"ג

שאול פלעגט בסדר ריידן
מיט יונתן און די קנעכט,
טויט צו שלאָגן דודן,
נאָר יונתן האָט געליבט
דודן און האָט דערציילט אים,
אַז דער פאָטער וויל אים טויטן
אים געהייסן זיך באַהאַלטן
און צו שאולן געזאָגט:
זאָל דער קיניג ניט זיין זינדיק
קעגן דודן זיין קנעכט
ווייל ער איז קיין זינד באַגאַנגען
און האָט דיר נאָר גוטס געטאָן

האָט זיין לעבן איינגעשטעלט
און דעם פּלישתּי טויטגעשלאָגן
און געבראַכט אַ הילף ישׂראל,
האָסט געזען און זיך געפרייט
ווי ־ זשע קענסטו איצט אים טויטן,
זינדיגן מיט ריינע בלוט?
שאול האָט זיך צוגעהערט
צו די ווערטער פון יונתן
און געשוואָרן ביי גאָטס לעבן,
אַז ער וועט ניט טויטן אים.
האָט יונתן אים גערופן,
אים דערציילט דעם גאַנצן שמועס,
ווידער אים געבראַכט צום קיניג,
איז ער דאָרט געווען ווי פריער.

---

## ל״ד

און ס'איז אַלץ געווען מלחמה,
דוד איז אַרויס אין פעלד,
מיט די פּלישתּים שטאַרק געקעמפט,
זיי נעקלאַפּט אַ שווערן קלאַפּ,
זיינען זיי פאַר אים אַנטלאָפן.
ווידער האָט אַ בייזער גייסט
שווער באַהערשט דעם קיניג שאול,
ווען ער איז אין שטוב געזעסן
און ער האָט זיין שפּיז געהאַלטן
און געהאָרכט, ווי דוד שפּילט אים.
שאול האָט זיין שפּיז געשליידערט,
טרעפן דודן געוואָלט,
דוד האָט זיך אָפּגערוקט,
איז די שפּיז אין וואַנט געפאַלן
— דוד איז ביינאַכט אַנטלאָפן.
שאול האָט געשיקט אים היטן
לעבן שטוב די גאַנצע נאַכט
און פאַרטאָג אים שלאָגן טויט.
האָט אים מיכל אָנגעזאָגט:
וועסטו ניט ביינאַכט אַנטלויפן,
ווערסטו מאָרגן טויטגעשלאָגן.
און זי האָט אים דורכן פענצטער
אויף אַ שטריק אַראָפּגעלאָזט,
איז ער באַלד פון דאָרט אַנטרונען,
מיכל אָבער האָט אין בעט
אויסגעלייגט אַ מענטשיש בילד,
און אַ בינטל ציגן ־ האָר
ווי אַ קישן אים צוקאָפּנס
מיט אַ מאַנטל צוגעדעקט.
און אַז שאול האָט געשיקט
זיינע שלוחים אים צו נעמען
ענטפערט מיכל: ער איז קראַנק.
שאול שיקט די שלוחים ווידער,
אָנצוקוקן דודן,
און זיי אָנגעזאָגט: איר ברייננט אים
מיט דער בעט, וועל איך אים טויטן.
און זיי קומען און זיי זעען,
ס'ליגט אין בעט אַ מענטשיש בילד
און צוקאָפּנס ציגן ־ האָר.
שאול פרעגט זיין טאָכטער מיכל:
וואָרום האָסטו מיך גענאַרט
און מיין פיינט געלאָזט אַנטרינען?
ענטפערט מיכל שאולן:
ער האָט מיר געזאָגט: באַפריי מיך
און אַז ניט, וועל איך דיר טויטן!

---

## ל״ה

דוד איז פון דאָרט אַנטלאָפן

און צו שמואלן געקומען
און אים אויסדערציילט איינגאַנצן,
וואָס ס'האָט שאול אים געטאָן.
זיינען ביידע אָפּגעגאַנגען
און אין ניות זיך באַזעצט.
האָט מען שאולן דערציילט:
דוד זיצט אין ניות - רמה.
האָט ער שלוחים באַלד געשיקט
דודן פון דאָרט צו ברענגען.
האָבן זיי דערזען נביאים
זאָגן נביאות אין חברותא
און אויך שמואל שטייט ביי זיי
איז גאָטס גייסט ארויף אויף זיי
און זיי זאָגן אויך נביאות.
האָט מען שאולן דערציילט,
שיקט ער שלוחים אַנדערע
און זיי זאָגן אויך נביאות,
און ער שיקט אויך שלוחים דריטע
און אויך יענע זאָגן נביאות
איז ער שוין אַליין געגאַנגען
און געקומען ביזן ברונים
וואָס אין שכו, לעבן רמה,
און זיך דאָרטן נאָכגעפרעגט,
וואו ס'איז שמואל און אויך דוד?
זאָגט מען אים: אין ניות - רמה.
איז ער אויך אַוועק אַהינצו
האָט אים אויך באַהערשט גאָטס גייסט
און ער האָט געזאָגט נביאות,
גייענדיג, ביז ניות - רמה,
האָט זיין קלייד אַראָפּגעוואָרפן,
און אַ נאַקעטער געלעגן,
און נביאות אַלץ געזאָגט
דאָרט פאַר שמואלן דעם נביא
יענעם טאָג און יענע נאַכט
אָט דעריבער זאָגט דער פאָלק:
איז אויך שאול ביי די נביאים?

---

## ל"ן

דוד איז דערווייל אַנטלאָפן
פון שטאָט ניות, וואָס אין רמה,
און געקומען צו יונתן
און געפרעגט: וואָס איז מיין זינד,
וואָס דיין פאָטער וויל מיך טויטן?
זאָגט יונתן אים: חלילה,
וועסט ניט שטאַרבן, ווייל מיין פאָטער
טוט דאָך קיין זאַך ניט אָן מיר,
וואָלט ער ד אָ ס פון מיר פאַרהוילן?
אָבער דוד ענטפערט אים:
ס'איז דיין פאָטער גוט באַקאַנט,
אַז כ'האָב חן ביי דיר געפונען,
וויל ער דיך ניט קימערן,
אָבער כ'שווער ביים לעבן דיינעם,
אַז ס'איז איין טריט בלויז אַצינד
צווישן מיר און צווישן טויט.
זאָגט יונתן דודן:
זאָג - זשע דו מיר, אויב אַזוי,
וואָס פאַרלאַנגסטו, וועל איך טאָן.
ענטפערט דוד צו יונתן:
אָט איז מאָרגן דאָך ראש חודש
דאַרף איך עסן מיטן קיניג;
שיק זשע מיך אַוועק פונדאַנען,
כ'וועל באַהאַלטן זיך אין פעלד,
צוויי טעג, ביזן דריטן אָוונט,
אויב דיין פאָטער וועט מיר זוכן

זאָלסטו זאָגן אים אַזוי:
דוד האָט זיך אָפּגעבעטן
צוצולויפן קיין בית - לחם,
ווייל ס'איז דאָרט ביי זיין משפחה
אַ יאָר - יערלעכער געשאַכט.
וועט ער ענטפערן: נו, גוט! —
וועט זיין שלום צו דיין קנעכט;
וועט ער אָבער צערענען,
זאָלסטו וויסן, אַז ביי אים
איז מיין סוף באַשלאָסן שוין
טו - זשע מיר אַט דעם גענאָד! —
האָסט דאָך פריינטשאַפט מיר געשוואָרן,
בין איך זינדיג, טויט מיך דו,
נאָר צום פאָטער ברייננ מיר ניט!
זאָגט יונתן אים: חלילה!
וועל איך וויסן, אַז מיין פאָטער
האָט באַשלאָסן שלעכטס טאָן דיר,
וועל איך זיכער דיר דערציילן.
פרעגט אים דוד: ווער דערציילט מיר,
אויב דיין פאָטער בייזערט זיך?
זאָגט יונתן: קום אין פעלד

---

## ל״ז

זיינען זיי אין פעלד אַרויס,
און יונתן זאָגט אים דאָרט:
כ'שווער ביי גאָט, אַז איך וועל פאָרשן
איבערמאָרגן ביי מיין פאָטער:
איז ער גוט צו דודן,
שיק איך באַלד דיר אָנזאָגן,
וויל ער ברייננען אויף דיר שלעכטס,
וועל איך אויך דיר באַלד פאַרטרויען
און דיך אָפּשיקן פונדאַנען
דו זאָלסט גיין געזונטערהייד.
און זאָל גאָט מיט דיר אַזוי זיין
פונקט ווי פריער מיט מיין פאָטער
און אַז גאָט וועט דיינע פיינט
אַלע שוין פאַרטיליגן —
אויב איך וועל נאָך דאַמאָלס לעבן —
זאָלסטו אויך מיט מיר טאָן חסד,
און דיין בונד אויך ניט צורייסן
מיט מיין הויזגעזינד אויף אייביג.
דאַמאָלס האָבן זיי געשוואָרן
ביידע, דוד און יונתן,
טרייע ליבשאַפט זיך אויף אייביג,

---

## ל״ח

און יונתן זאָגט אים: מאָרגן,
אום ראש חודש, וועסטו פעלן
ביי מיין פאָטער אַרום טיש
זאָלסט באַהאַלטן זיך ווייט - ווייט,
זיצן לעבן אזל־שטיין,
און איך וועל דריי פיילן וואַרפן,
כלומרשט שיסן אין אַ ציל,
און מיין יינגל וועל איך שיקן,
ער זאָל אויפזוכן די פיילן.
אויב איך וועל דעם יינגל זאָגן.
„זע, די פיילן זיינען נענטער!"
זאָלסטו וויסן, אַז ס'איז שלום,
ס'וועט דיר קיין זאַך ניט געשען.
אָבער אויב איך זאָג דעם יינגל:
„זע, די פיילן זיינען ווייטער!"
זאָלסטו וויסן, אַז ס'איז שלעכט,
אַז דו מוזט פונדאַנען לויפן.
און דער וואָרט, וואָס איך און דו

האָבן אָפּגערעדט אַצינד, —
גאָט זאָל זיין דערצו אַן עדות
צווישן מיר און דיר אויף אייביק.

## ל״ט

און ס׳האָט דוד זיך באַהאַלטן
דאָרט אין פעלד. געווען ראש חודש,
און דער קיניג זעצט זיך עסן,
זיצט ער אויבנאָן, ביים וואַנט,
ווי זיין שטייגער אַלע מאָל,
אבנר זיצט ביי שאולס זייט,
און יונתן שטייט דערלעבן,
אָבער דודס אָרט בלייבט ליידיג.
שאול זעט און רעדט קיין וואָרט ניט,
ווייל ער מיינט, אַז ס׳איז אַ צופאַל,
אפשר איז ער ניט גערייניגט.
אויפן צווייטן טאָג פון חודש —
דודס אָרט שטייט ווידער ליידיג!
פרעגט שוין שאול ביי יונתן:
זאָג, פאַרוואָס קומט ניט בן - ישי
נעכטן און אויך היינט צום עסן?
און יונתן ענטפערט אים:
דוד האָט זיך אָפּגעבעטן
צוצולויפן קיין בית - לחם
און געזאָגט מיר: לאָז מיך גיין,
ווייל מיין ברודער האָט באַפוילן
מיר, אַז ס׳איז אין מיין משפחה
אַ יאָר - יערלעכער געשאַכט,
זיי - זשע גנעדיג, לאָז מיך גיין,
וועל איך אָנקוקן די ברידער!
אָט דעריבער איז בן - ישי
ניט געקומען צו דיין טיש.

שאול אָבער האָט געצערנט
אויף יונתן און געזאָגט אים:
זון פון ווידערשפעניגקייט!
צי איך ווייס ניט, אַז דו האָסט שוין
אויסדערוויילט אָט דעם בן - ישי,
צו דיין שאַנד, דיין מאַמעס שאַנד?!
וואָרום כּל - זמן דער בן - ישי
וועט נאָך לעבן אויף דער וועלט,
וועסטו דאָך קיין קיום האָבן,
דו און אויך דיין קיניגרייך!
שיק - זשע שוין און ברענג אַהער אים
ווייל ער האָט פאַרדינט דעם טויט!
פרעגט יונתן שאולן:
וואָס האָט דוד איצט געטאָן?
פאַרוואָס קומט אים שלאָגן טויט?
שאול האָט געכאַפּט זיין שפּיז
און געוואָרפן, אים צו טויטן.
האָט יונתן שוין געוואוסט,
אַז דער פאָטער האָט באַשלאָסן
אומצוברענגען דודן.
איז יונתן אויפגעשטאַנען
צאָרנדיג פון טאַטנס טיש
און דעם מאָלצייט ניט גענעסן,
ווייל פאַרשעמט האָט אים דער פאָטער
און אויף דודן טוט ווי אים.

## מ׳

און אויף מאָרגן אינדערפרי,
אין דער אָפּגערעדטער צייט,
לאָזט יונתן זיך אין פעלד
און נעמט מיט אַ קליינעם יינגל.
און ער זאָגט צום יינגל: לויף

און געפין מיר דאָרט די פייַלן
וואָס איך וואַרף. דער ייִנגל לויפט
און יונתן וואַרפט אַריבער
וואַרפט אַ פייל און רופט צום ייִנגל:
„זע, די פייל איז דאָרט דאָך ווייטער!"
און גערופן נאָכן ייִנגל:
„לויף און איל זיך, בלייב ניט שטיין!".
האָט יונתנס יונג די פיילן
אויפגעקליבן און געקומען —
ניט געוואוסט פון קיין שום זאַך
ווייל יונתן בלויז און דוד
האָבן אָפּגערעדט פאַר זיך.
און יונתן האָט דעם ייִנגל
אָפּגעגעבן זיינע טאַשן
און געזאָגט אים: לויף אין שטאָט!
איז דער יונג אַוועק אין שטאָט
דוד ווידער איז אַרויס
באַלד פון זיין באַהעלטעניש
צו יונתן זיך דערנענטערט
אויפן פּנים טיף געפאַלן
און דריי מאָל פאַר אים געבוקט זיך;
און געקושט זיך און געוויינט
האָבן די חברים ביידע,
דוד אָבער מער און שטאַרקער,
זאָגט יונתן דודן:
גיי אין פרידן, אין דער שבועה,
וואָס מיר האָבן זיך געשוואָרן;
זאָל - זשע גאָט זיין צווישן אונז,
צווישן מיר און דיר און אונזער
ביידנס נאָכקום, ביז אויף אייביג.
באַלד איז דוד אויפגעשטאַנען
און אַוועק, און אויך יונתן
איז אַוועק צוריק אין שטאָט.

---

## מ"א

און דוד איז אַוועק קיין נוב,
אַריין צום כהן אחימלך;
און אחימלך האָט געציטערט,
ווען ער האָט דודן באַגעגנט
און אים געפרעגט: פאַרוואָס אַליין?
פאַרוואָס ניטאָ קיין מאַן מיט דיר?
זאָגט דוד אחימלכן.
באַפוילן האָט דער קיניג מיר
אַ סוד, אַז קיינער זאָל גיט וויסן;
האָב איך די יונגען אָנגעזאָגט,
מיך אָפּצוואַרטן דאָרט און דאָרט;
איז אויב דו האָסט עפּעס ביי זיך,
אַ ברויטלעך פינף, צי וואָס עס איז,
דערלאַנג אַהערצו, וועל איך גיין.
און אחימלך ענטפערט אים:
ניטאָ קיין ברויט קיין וואָכעדיגס,
נאָר הייליג ברויט איז יע פאַראַן;
אויב ס'האָבן בלויז די יונגען דיינע
פון פרויען אָפּגעהיטן זיך.
זאָגט דוד אים: מיר זיינען שוין
דריי טעג פון פרויען אָפּגעזונדערט,
און אויך די טאַשן ביי די יונגען
דריי טעג פון אַלץ שוין אויסגערייניגט,
פון וואָכעדיגס און אויך פון הייליגס,
האָט אחימלך אים דערלאַנגט
די אָנבליק - ברויט די הייליגע,
פון שולחן ערשט אַראָפּגענומען,
כדי צו לייגן פרישע ברויט.
און ס'איז דערביי געווען אַ מאַן

פון שאולס קנעכט, דער הויפּט־פּאַסטוך,
געהייסן דואג דער אדומי,
וואָס האָט ביים כּוהן זיך פאַרהאַלטן,
און האָט געהערט אַלץ און געזען
זאָגט דוד אחימלכן:
און אפשר האָסטו אונטער־ן האַנט
אַ שפּיז, אַ שווערד? ווייל מיין געווער
האָב איך מיט זיך ניט מיטגענומען,
ווייל ס'האָט דער קיניג מיך געאיילט,
זאָגט אים דער כּוהן: ס'איז פאַראַן
די שווערד פון גליתן דעם פּלישתּי,
וואָס דו האָסט אים געשלאָגן טויט!
זי ליגט פאַרוויקלט אין אַ קלייד
דאָרט הינטערן אפוד, גיי און נעם,
קיין אַנדערע איז ניט פאַראַן!
זאָגט דוד אחימלכן:
ניטאָ קיין בעסערס; גיב אַהער!

---

## מ"ב

און דוד איז אַנטלאָפן ווייטער
קיין גת, צום קיניג אָכישן,
און ס'זאָגן אָכישס קנעכט צו אים:
אָט דער איז דאָך דער קיניג דוד!
מ'האָט דאָך אים געשאַלט מיט טענץ:
שאול שלאָגט אין טויזנטער
און דוד שלאָגט אין צענער טויזנט!
און ווי ס'האָט דוד עס ־ערהערט,
האָט ער אין האַרצן זיך דערשראָקן
און האָט זיין שכל באַלד פאַרשטעלט,
פאַר זיי געמאַכט זיך ווי משוגע,
געצייכנט אויף די טויער ־ טירלעך,
געמאַכט זיך גאַווערן אויפן גאַס.

און אכיש זאָגט צו זיינע קנעכט:
איר זעט דאָך: אַ משוגענער!
צו וואָס האָט איר אים מיר געבראַכט?
צי ס'פעלט מיר משוגעים נאָך,
וואָס האָט איר אָט אָ דעם געבראַכט?
משוגע מאַכן זיך ביי מיר?
אָט דער זאָל קומען אין מיין הויז?

---

## מ"ג

און דוד איז פון דאָרט אַוועק,
אַנטרונען צו דער הייל עדולם;
דערהערן עס די ברידער זיינע
און אויך די גאַנצע הויזגעזינד,
זיינען זיי צו אים געקומען.
און ס'האָבן זיך צו אים פאַרקליבן
געדריקטע און פאַרשולדיגטע
און וועמעס האַרץ פאַרביטערט איז
צוזאַמען פירהונדערט פאַרשוין —
און ער ווערט איבער זיי אַ האַר.
אַוועק פון דאָרט קיין מצפה ־ מואב,
געשיקט דעם מלך מואב זאָגן:
דערלויב מיין טאַטן און מיין מאַמען
אַרומצוגיין און זיין ביי אייך
ביז איך וויים, וואָס מיט מיר וועט זיין.
האָט ער זיי דאָרט אַוועקגעפירט,
געלאָזט ביים מלך מואב זיצן,
ווי לאַנג ער בלייבט אַליין אין פעסטונג.
זאָגט גד דער נביא דודן:
דו זאָלסט ניט מער אין פעסטונג בלייבן,
נאָר גיי און קום אין לאַנד יהודה.
און דוד איז פון דאָרט אַוועק,
און איז געקומען אין וואַלד חרת

## מ״ד

און שאול האָט דערהערט אַ קלאַנג,
אַז דוד גייט מיט אַ קאָמפּאַניע,
און ער אַליין זיצט אויפֿן בערגל,
אין רמה, אונטערן לינדן - בוים,
זיין שפּיז אין האַנט, און אַרום אים
שטייען אַלע זיינע קנעכט.
און שאול זאָגט צו זיינע קנעכט:
הערט אויס, איר זיין בנימינס אַלע!
צי וועט בן - ישי טאַקי געבן
איך אַלע פעלדער, וויינגערטנער?
צי וועט ער מאַכן אייך פֿאַר הארן
אויף טויזנטער און הונדערטער?
פֿאַרוואָס האָט איר אַ בונט געמאַכט
אויף מיר, און איר דערציילט מיר ניט,
אַז מיין זון מיט אָט דעם בן - ישי
צוזאַמען האָבן זיך פֿאַרבונדן?
און קיינעם אַרט גאָרניט פֿאַר מיר,
און קיינער וויל מיר ניט אַנטפּלעקן,
אַז ס'האָט מיין זון אַוועקגעשטעלט
מיין קנעכט צום לאָקערן אויף מיר!
און ס'ענטפֿערט דואג דער אדומי,
וואָס שטייט דאָרט צווישן שאולס קנעכט:
איך האָב געזען, ווי דער בן - ישי
איז אָנגעקומען אין שטאָט נוב,
צו אחימלך, זון אחיטובס,
האָט יענער אים ביי גאָט געפֿרעגט,
אים מיטגעגעבן שפּייז און אויך
די שווערד פֿון גליתן דעם פּלישתּי.
און ס'האָט דער קיניג באַלד געשיקט
דעם כּוהן אחימלך רופֿן
און אויך זיין גאַנצע הויזגעזינד
די כּוהנים פֿון דער שטאָט נוב,
און שאול זאָגט: הער, זון אחיטובס!
זאָגט יענער: אָט בין איך, מיין האַר!
זאָגט שאול אים: פֿאַרוואָס האָסטו
געמאַכט אַ בונט מיט דעם בן - ישי,
געגעבן ברויט אים און אַ שווערד,
און אויך געפֿרעגט פֿאַר אים ביי גאָט,
אים פֿאַר אַ לאָקערער געשטעלט
אַנטקעגן מיר, ווי היינטיגס טאָג?!
האָט אחימלך אים געענטפֿערט:
און ווער איז צווישן דיינע קנעכט
אַזוי געטריי, ווי דוד, דיר?
און ער איז דאָך דעם קיניגס איידים,
אין דיין הויז דער געאַכפּערטסטער,
און שטענדיק גרייט צו דיין באַפֿעל!
צי איז עס היינט דער ערשטער מאָל,
אַז איך זאָל פֿרעגן גאָט פֿאַר אים?
ניין, קיניג, מאַך ניט שולדיק אונז,
ווייל ס'איז קיין זאַך באַקאַנט געווען
ניט מיר און ניט מיין הויזגעזינד!
זאָגט שאול אחימלכן:
„מוזט שטאַרבן מיט דיין הויזגעזינד!״
און האָט באַפֿוילן באַלד די לויפֿערס,
וואָס שטייען אַרום אים: פֿאַרנעמט
און שלאָגט צום טויט גאָטס כּוהנים,
ווייל אַלע האָבן זיי געוואוסט,
אַז דוד איז פֿון מיר אַנטלאָפֿן
און האָבן מיר ניט אויסגעזאָגט
און שטילערהייד נאָך אים געשטיצט.
עס האָבן אָבער ניט געוואָלט
דעם קיניגס קנעכט זיי שלאָגן טויט,

אויף כּוהנים די הענט אויסשטרעקן,
און ס'זאָגט דער קיניג דואגן:
„גיי דו און שלאָג די כּוהנים!"
און דואג דער אדומי האָט
די כּוהנים געשלאָגן טויט
אין איין טאָג פינפאונאכציג מאַן,
וואָס טראָגן לייוונטענע אפודס.
און ער האָט מיטן שווערד אויך נוֹב,
די שטאָט פון כּוהנים, צושלאָגן,
פון מאַן און פרוי, ביז ווינ־און זויג־קינד,
ביז אָקס און אייזל און אויך שעפּס.

---

### מ"ה

און ס'איז אַנטרונען בלויז איין זון
פון אחימלך בן אחיטוב ,
אביתר איז געווען זיין נאָמען —
איז ער צו דודן געקומען
און אים דערציילט, אַז שאול האָט
גאָטס כּוהנים דערהרגעט אַלע.
זאָגט דוד צו אביתרן:
געוואוסט האָב איך דאָך דאַמאָלס נאָך,
אַז יענער דואג דער אדומי,
וועט אַלץ דערציילן שאולן!
אָ, איך בין שולדיג אינם טויט
פון אייער כּוהנים ־ פאַמיליע!
זיין דו בּיי מיר און דאגה ניט,
ווייל דער, וואָס זוכט מיך, זוכט אויך דיך
דו וועסט געהיטן זיין בּיי מיר.

---

### מ"ו

און דוד האָט געהערט דערציילן,
אַז פּלישתּים קעמפן קעגן קעילה
און רויבן דאָרט די שייערן.
האָט דוד אָנגעפרעגט בּיי גאָט:
צי זאָל איך גיין די פּלישתּים שלאָגן?
זאָגט גאָט אים: גיי און שלאָג די פּלישתּים,
איך גיב זיי איבּער אין דיין האַנט.
און דוד איז מיט זיינע לייט
אוועק קיין קעילה און געקעמפט
אנטקעגן פּלישתּים, זייער פי
אוועקגעפירט און זיי דערלאַנגט
אַ שווערן קלאַפּ, און הילף געבראַכט
די קעילה ־ לייט. דערוויסט זיך שאול,
אַז דוד איז אַצינד אין קעילה,
טראַכט ער בּיי זיך: אָט איצט האָט גאָט
אים מיר אין האַנט אריינגעגעבּן,
ווייל ער איז אין אַ שטאָט פאַרשלאָסן,
מיט ווענט און טירן און מיט ריגלען.
און שאול האָט צונויפגעקליבּן
דעם פאָלק צו גיין אַנטקעגן קעילה,
בּאַלאַגערן אויף דודן
און זיינע לייט, צו פאַנגען זיי.
און דוד האָט פאַרשטאַנען בּאַלד,
אַז שאול פּלאַנט אויף אים אַן אומגליק
זאָגט ער אביתרן דעם כּוהן:
„דערלאַנג דעם אפוד!" און ער פרעגט:
דו גאָט ישׂראלס, לאָז מיר וויסן,
וועט שאול גיין די שטאָט פאַרדאַרבּן?
דער ענטפער קומט: „יע, ער וועט גיין!"
פרעגט דוד נאָך: צי וועלן מיך
די קעילה ־ לייט אים איבּערגעבּן?
דער ענטפער קומט: „זיי גיבּן איבּער!"
איז דוד אויפגעשטאַנען בּאַלד
מיט זיינע לייט, זעקס הונדערט מאַן,

און איז מיט זיי אַוועק פון קעילה,
געגאַנגען וואו עס לאָזט זיך גיין!
און שאול האָט געהערט דערציילן,
אַז דוד איז אַוועק פון קעילה,
האָט ער זיך אויך צוריקגעצויגן.

---

מ״ז.

און דוד קומט אין מדבר זיף
און זיצט באַפעסטיגט דאָרט אין באַרג;
האָט שאול אים אַרומגעזוכט
די גאַנצע צייט און ניט געפונען.
און ס׳איז יונתן, שאולס זון,
אַוועק צו דודן אין וואַלד
און אים געמוטיגט און געזאָגט:
„ניט פאָרכט, דער קיניג פאַנגט דיך ניט,
און דו וועסט זיין ישראלס קיניג,
און איך וועל זיין דיין וויצע - קיניג —
מיין פאָטער שאול ווייס עס אויך!״
זיי האָבן דאָרט אַ בונד געשלאָסן,
און דוד בלייבט אין וועלדל זיצן,
יונתן גייט אַוועק אַהיים.

---

מ״ח.

און ס׳זיינען לייט פון זיף געקומען
צו שאולן אין גבעה זאָגן:
אַט זיצט דאָ דוד לעבן אונז
באַהאַלטן אין אַ באַרג אין וועלדל;
איז אויב דו ווילסט, קום שוין צו אונז,
מיר גיבן אים אין האַנט דיר איבער!
זאָגט שאול: זייט געבענטשט פון גאָט,
ווייל איר דערבאַרימט זיך אויף מיר;
גייט ווידער און פאַסט ריכטיג אויף,
וואו נאָר ער שטעלט זיין פוס אַוועק,
ווייל איך הער זאָגן, אַז ער שווינדלט,
זעט די באַהעלטענישן אַלע
וואו ער פאַרשטעקט זיך מיט זיין חיל
און קומט, דערציילט עס מיר גענוי,
און איז ער נאָר אין לאַנד פאַראַן,
וועל איך אים זוכן און געפינען!
און ס׳לאָזן זיך די לייט קיין זיף
און דוד זיצט דאָרט רעכטס אין מדבר
און שאול גייט מיט זיינע לייט
אים נאָכיאָגן אין מדבר מעון.
און ביידע זיינען זיי געגאַנגען,
שאול גייט פון איין זייט באַרג,
דוד פון דער צווייטער זייט,
דער לויפט אַוועק און דער יאָגט נאָך
און פּלוצים קומט צו שאולן
אַ שליח אָנצוזאָגן: קום,
ווייל פלישתּים האָבן זיך פאַרשפּרייט.
האָט שאול דודן פאַרלאָזן
און איז אַוועק אַנטקעגן פלישתּים.
דערפאַר האָט מען דעם אָרט גערופן:
דער פעלזן פון צוטיילונגען.

---

מ״ט.

און דוד איז פון דאָרט אַוועק
באַזעצט זיך אין עין - גדי פעסטונג.
האָט מען עס שאולן דערציילט
נעמט ער דריי טויזנט יונגעלייט
און גייט אים זוכן אין די פעלזנס,
און דוד זיצט מיט זיינע לייט
דאָרט אין אַ הייל באַהאַלטן טיף
און שאול גייט פאַרביי דער הייל.

און גייט אריין זיך אָפּצורעקן.
און ס'זאָגן דודס לייט צו אים:
אָט איז געקומען יענער טאָג,
וואָס גאָט האָט דיר אַמאָל געזאָגט,
אַז ער גיט איבער דיר דיין פיינט,
צו טאָן מיט אים אַלץ, וואָס דו ווילסט!
איז דוד אויפגעשטאַנען שטיל,
דערנענטערט זיך צו שאולן
און זיין עק קלייד אַראָפּגעשניטן.
און באַלד האָט אים די האַרץ געקלאַפּט
הלמאי ער האָט ביי שאולן
דעם עק פון קלייד אַראָפּגעשניטן
און זיינע לייט האָט ער געזאָגט:
זאָל איך באַהיט זיין, אויפצוהויבן
מיין האַנט אויף גאָטס געזאַלבטן דאָ!
און האָט מיט זיינע רייד געשטערט זיי
און ניט געלאָזן טויטן אים.

---

נ'.

און שאול איז אַרויס פון הייל
און ווייטער זיך געלאָזט אין וועג.
נאָכדעם איז דוד באַלד אַרויס
פון הייל און שאולן גערופן:
מיין האַר און קיניג, הער מיך צו!
האָט שאול זיך אַרומגעקוקט
און דוד קניט פאַר אים צו ד'ערד
און שרייט צו אים: וואָס הערסטו צו
די איינגערעדענישן פון מענטשן,
אַז דוד זוכט דיר שלעכט צו טאָן?
אָט זע אַליין, אַז היינטיגס טאָג
האָט גאָט דיך אין מיין האַנט געגעבן
דאָ, אין דער הייל, צו טויטן דיך,
און איך האָב זיך אויף דיר דערבאַרימט
ניט אויסגעשטרעקט מיין האַנט אויף דיר,
ווייל דו ביסט דאָך פון גאָט געזאַלבט!
און פאָטער, קוק זיך צו, אָט איז
ביי מיר אין האַנט דער עק פון קלייד,
וואָס כ'האָב ביי דיר אַראָפּגעשניטן
און דיר ניט אָנגערירט אַצינד, —
טאָ ווייס און זע, אַז כ'טראַכט קיין בייז,
האָב קיינמאָל קעגן דיר געזינדיגט,
און דו יאָגסט מיך אומזיסט אַרום!
זאָל גאָט זיין צווישן אונז דער ריכטער,
זאָל ער פאַר מיר זיך אָננעמען,
מיין האַנט זאָל דיך ניט אָנרירן;
ווי זאָגט אַ משל פון פאַרצייטן:
פון בייזוויליגע קומט די בייזקייט.
נאָך וועמען איז אַרויס
דער קיניג פון ישראל?
נאָך וועמען יאָגסטו זיך?
צי נאָך אַ טויטן הונט,
צי נאָך אַ פלוי אַ קליינס?
זאָל גאָט דער דיין זיין,
פאַר מיר זיך אָננעמען!
ווי דוד האָט פאַרענדיגט ריידן,
האָט שאול דודן געזאָגט:
,,צי איז עס דיין שטים, קינד מיינס דוד?

---

נ"א.

און שאול האָט זיך הויך צעוויינט
און ווייטער דודן געזאָגט:
דו ביסט גערעכט אַנטקעגן מיר
ווייל דו האָסט מיר רק גוטס געטאָן;

און איך האָב דיר מיט בייז באַצאָלט
האָסט היינט מיר נאָכאַמאָל געוויזן,
זוי דו באַגייסט זיך גוט מיט מיר,
אַז איך בין אין דיין האַנט געווען
און דו האָסט מיר ניט טויט געשלאָגן.
אַז עמיץ טרעפט זיין פיינט אין וועג,
צי שיקט ער אים מיט גוטן אָפּ?
זאָל גאָט באַצאָלן דיר מיט גוטס
פאַר אַלץ, וואָס דו האָסט מיר געטאָן;
אַצינד ווייס איך, אַז דו וועסט קיניג,
טאָ שווער זשע מיר ביי גאָט אַצינד,
אַז וועסט ניט אומברענגען מיין נאָכקום,
מיין נאָמען ניט פאַרטיליקן!
האָט דוד צוגעשוואָרן אים
און שאול איז אַוועק אַהיים,
און דוד איז אַוועק אין פעסטונג.

---

נ״ב.

און ווידער קומען לייט פון זיף
צו שאולן קיין גבעה זאָגן,
אַז דוד ליגט באַהאַלטן דאָרט
אין חכילה בערגל פאַרן מדבר.
איז שאול באַלד אַוועק קיין זיף,
מיט אים דריי טויזנט יונגעלייט,
און זיך צולייגט ביים חכילה בערגל,
און דוד זיצט דאָרט פאַרן מדבר
און הערט, אַז שאול קומט נאָך אים.
שיקט דוד אויסשפּירערס אַהינצו,
און ווערט געוואָר, אַז שאול קומט.
הויבט ער זיך אויף און גייט צום אָרט,
וואו שאול לאַגערט מיט זיין חייל,
און אבנר, זון נרס, קאָמאַנדיר.
און דוד זעט ווי שאול ליגט
אין קרייז, און אַרום אים דער פאָלק,
און דוד פרעגט ביי זיינע נאָנטע:
ווער גייט מיט מיר צו שאולן?
זאָגט אים אבישי, צרויה'ס זון,
דער ברודער יואבס: „כ'גיי מיט דיר!"
און ביידע גייען זיי ביינאַכט:
אָט שאול ליגט און שלאָפט אין קרייז,
זיין שפּיז אין דרערד אַריינגעשטעקט,
און אבנר מיטן גאַנצן פאָלק
צולייגט אַרום דעם קיניג שאול.
און ס'זאָגט אבישי דודן:
קום זע, אַצינד האָט גאָט דיר גלייך
אין האַנט דיין שונא אָפּגעגעבן;
איך שלאָג אים מיטן שפּיז אין ד'רערד
בלויז איינמאָל, און מער דאַרף איך ניט.
זאָגט דוד צו אבישי: ניין,
ניט טויט אים! ווער עס הויבט זיין האַנט
אויף גאָטס געזאַלבטן, ווערט באַשטראָפט!
איך שווער ביי גאָט! זאָל גאָט אים טויטן,
צי ס'קומט זיין טאָג, שטאַרבט ער אַליין,
צי אין מלחמה קומט ער אום, —
איך אָבער שטרעק ניט אויס מיין האַנט
דעם גאָט - געזאַלבטן אומצוברענגען!
דו נעם די שפּיז דאָרט פון צוקאָפּנס,
דעם וואַסער - קרוג, און לאָמיר גיין.
און דוד האָט אַזוי געטאָן:
דעם שפּיז און אויך דעם וואַסער - קרוג
אַוועקגענומען פון צוקאָפּנס
ביי שאולן און גלייך אַוועק,

און קיינער זעט ניט, קיינער ווייס ניט,
קיינער וואַכט ניט אויף פון שלאָף,
ווייל ס'איז אויף זיי גאָטס שלאָף געפאַלן.

---

נ"ג.

און דוד איז פון דאָרט אַוועק,
געשטעלט זיך אויפן באַרג פון ווייטנס,
און צווישן זיי אַ גרויסער פּלאַץ,
און דוד רופט צום פאָלק אַריבער
און שרייט צו אבנרן, זון נרס:
„דו ענטפער מיר"! רופט אבנר אויס:
ווער ביסטו, וואָס דו רופסט צום קיניג?
און דוד רופט צו אבנרן:
ביסט דאָך אַ העלד! ווער נאָך ווי דו?
פאַרוואָס - זשע האָסטו ניט דיין האַר,
דעם קיניג, אָפּגעהיט אַצינד,
ווען ס'איז אַ מאַן פון פאָלק געקומען
דיין האַר דעם קיניג אומצובריינגען?
איך שווער ביי גאָט, איר פירט ניט גוט,
איר אַלע האָט דעם טויט פאַרדינט,
ווייל גאָטס געזאַלבטן ניט געהיט.
נאַ, זע! וואו איז דעם קיניגס שפּיז,
דער וואַסער - קרוג פון זיין צוקאָפּנס?
האָט שאול דודס קול דערקענט
און רופט: צי איז עס דיין קול, דוד?
זאָגט דוד: מיין קול, האַר און קיניג!
וואָס יאָגסטו דאָ זיך נאָך דיין קנעכט?
וואָס האָב איך דיר פאַר שלעכטס געטאָן?
הער צו, מיין האַר! אויב גאָט האָט דיך
איצט אָנגערעדט אַנטקעגן מיר,
וועל איך אַ שפּייז-געשאַנק אים ברייננגען.
אויב מענטשן — זאָלן זיי פאַרפלוכט זיין,
וואָס האָבן היינט פאַרטריבן מיך
פון זיין באַהעפטעט אין ארב פון גאָט,
און האָבן מיך געצוואונגען גיין
און בוקן זיך צו פרעמדע געטער!
אַצינד לאָז ניט מיין בלוט פאַרגיסן,
אויף דרערד, אָט דאָ אַנטקעגן גאָט!
ווייל ס'איז דער קיניג פון ישראל
אַרויס זיך יאָגן נאָך אַ פלוי,
אָט ווי די יעגערס יאָגן נאָך
אַ קוראָפּאַטקע אין די בערג! —
און שאול ענטפערט: איך בין זינדיג,
קום, דוד, זון מיינער, צוריק!
איך וועל דיר מער קיין שלעכטס ניט טאָן!
דו ביסט מיר טייער היינטיגס טאָג!
גענוג האָב איך זיך שוין באַנאַרישט,
גענוג שוין טעותן געהאַט!
און דוד זאָגט. אָט איז דער שפּיז,
זאָל גיין אַ יונג און נעמען אים!
און גאָט זאָל איטלעכן באַצאָלן
פאַר זיין גערעכטיגקייט און טריישאַפט!
און שאול ענטפערט דודן:
געבענטשט זיי, דוד, זון מיינער!
אַלץ וועסטו טאָן, אַלץ אויספירן!
און דוד איז אַוועק זיין וועג,
און שאול — צו זיין היים צוריק —

---

נ"ד.

און דוד טראַכט ביי זיך אין הארצן:
אַצינד וועל איך דאָך אין איין טאָג
אין שאולס האַנט שוין אומקומען!
ניטאָ פאַר מיר קיין בעסערס, נאָר
איך זאָל אַנטרינען צו די פלישתים,
וועט שאול אויפהערן מיך זוכן

אין גאַנצן גרענעץ פון ישראל,
און איך ווער פון זיין האַנט באַפרייט.
און דוד איז אוועק, צוזאַמען
מיט זיינע לייט, זעקס הונדערט מאַן,
קיין גת, צום קיניג אכישן.
און אַז ס'האָט שאול זיך דערוואוסט,
אַז דוד איז קיין גת אַנטלאָפן,
האָט ער אים מער שוין ניט געזוכט.

---

נ״ה.

און דוד זאָגט צו אכישן:
לאָמיר ביי דיר געפינען גנאָד
און היים מיר אָפּטיילן אַ פּלאַץ
אין איינע פון די פעלד־שטעטלעך,
און דאָרט וועל איך באַזעצן זיך;
למאי זאָל זיצן דאָ דיין קנעכט
מיט דיר אין קיניגלעכער שטאָט?
האָט אכיש דאַמאָלס אים געגעבן
די שטעטל צקלג: און דעריבער
איז צקלג שוין ביז היינטיגס טאָג
דער אייגנטום פון מלכי־יהודה.

---

נ״ו.

און דאַמאָלס האָבן אויפגעזאַמלט
די פלישתים זייערע חיילות
מלחמה האַלטן מיט ישראל.
און שמואל איז געשטאָרבן שוין
האָט גאַנץ ישראל אים באַקלאָגט,
באַגראָבן אים אין זיין שטאָט רמה.
און שאול האָט אויך אָפּגעשאַפט
פון לאַנד די אובות און ידעונים.
און ס'האָבן פלישתים זיך פאַרזאַמלט,
געקומען, זיך פאַרשפּרייט אין שונם,
און שאול קומט מיט גאַנץ ישראל,
פאַרשפּרייט זיין לאַגער אין גלבוע.
און שאול זעט דעם פלישתים־לאַגער,
דערשרעקט ער זיך און ציטערט שטאַרק,
ער פרעגט ביי גאָט, באַקומט קיין ענטפער,
ער פרעגט ביי חלומות און ביי אורים,
ער פרעגט ביי נביאים — אַלץ אומזיסט.
און שאול זאָגט צו זיינע קנעכט:
זוכט אויס פאַר מיר אַ כּישוף־פרוי
גיי איך צו איר און פרעג ביי איר.
און ס'זאָגן אים די קנעכט: פאַראַן
אַ מכשפה אין עין־דור.
האָט שאול זיך פאַרשטעלט, פאַרקליידט,
און איז אַוועק מיט מענער צוויי,
געקומען צו דער פרוי ביינאַכט
געזאָגט: „מאַך כּישוף מיר מיט אוב,
ברייננג אויף מיר וועמען כ'וועל דיר זאָגן"
זאָגט אים די פרוי: דו ווייסט דאָך וואויל,
אַז אָפּגעשאַפט האָט קיניג שאול
פון לאַנד די אובות און ידעונים, —
פאַרוואָס־זשע קומסטו דאָ אַצינד
צו שטרויכלען מיר און מיך צו טויטן?
האָט שאול איר ביי גאָט געשוואוירן,
אַז ס'וועט איר קיין שלעכטס ניט געשען.
און ס'פרעגט די פרוי ביי שאולן:
זאָג, וועמען ווילסטו אויפברייננגען?
זאָגט ער: „ברייננג אויף מיר שמואלן!"
און ווי די פרוי זעט שמואלן,
הויבט זי אָן שרייען אויפן קול
און זאָגט: „וואָס האָסטו מיך גענאַרט?
דו ביסט דאָך שאול!" זאָגט דער קיניג:

האָב ניט קיין פאָרכט! וואָס זעסטו דאָרט?
און ס'זאָגט די פרוי צו שאולן:
איך זע, אַ גאָט שטייגט אויף פון דר'ערד!
פרעגט ער: און ווי איז זיין געשטאַלט?
זאָגט זי: ס'גייט אויף אַן אַלטער מאַן,
איז איינגעוויקלט אין אַ מאַנטל.
פאַרשטייט שוין שאול, אַז ס'איז שמואל
און בוקט זיך צווײמאָל צו דער ערד
און קניט פאַר אים. און שמואל זאָגט:
וואָס האָסטו מיך באַאומרואיגט,
אַרויפצוברייננגען מיך אַצינד?
זאָגט שאול: ס'איז מיר זייער ענג,
די פלישתּים קעמפן קעגן מיר,
און גאָט איז פון מיר אָפּגעטראָטן,
און ענטפערט מיר ניט דורך נביאים
און דורך חלומות; רוף איך דיך,
דו זאָלסט מיר זאָגן, וואָס צו טאָן!
זאָגט שמואל אים: וואָס פרעגסטו מיך,
אויב גאָט איז שוין פון דיר אַוועק
און איז געוואָרן דיר אַ פיינט?
און גאָט האָט דיר דאָך שוין געטאָן,
ווי ער האָט דיר דורך מיר געזאָגט,
אַוועקגעריסן די מלוכה
פון דיינע הענט און אָפּגעגעבן
איר צו דיין חבר דודן.
און ער וועט אויך דעם פאָלק ישראל
אין האַנט פון פלישתּים איבערגעבן,
און מאָרגן וועסטו זיין ביי מיר
צוזאַמען מיט די קינדער דיינע
און מיטן לאַגער פון ישראל!
און שאול איז געפאַלן באַלד
און אויסגעצויגן זיך אויף דר'ערד
אוים מורא פאַר די ווערטער שמואלס,
האָט אויך קיין כּוח ניט געהאַט,
ווייל ניט געגעסן שוין ק"ין ברויט
אַ גאַנצן טאָג און אויך די נאַכט.
האָט זיך די פרוי צו אים דערנענטערט;
געזען, אַז ער איז שטאַרק דערשראָקן,
האָט זי געזאָגט צו שאולן:
אָט האָט דיין דינסט דיר צוגעהערט,
איר אייגן לעבן איינגעשטעלט
און דיין געבאָט צו איר געפאָלגט, —
פאָלג דו אַצינד דיין דינסטס געבעט
כ'וועל דיר דערלאַנגען ברויט אַ שטיקל,
וועסט עסן און באַקומען כּוח
צו גיין דיין וועג צוריק פונדאַנען.
האָט ער געזאָגט: ניין, כ'וועל ניט עסן!
נאָר ס'האָבן אים די קנעכט געבעטן
און אויך די פרוי האָט שטאַרק געבעטן,
האָט ער געפאָלגט זיי, אויפגעשטאַנען
פון דר'ערד און אויפן בעט געזעצט זיך.
און ס'האָט די פרוי געהאַט אין הויז
אַ שטאָפּ־קאַלב, האָט זי איר געשאָכטן
גענומען מעל און אויסגעקנאָטן
און קוכנס טרוקענע געבאַקן,
דערלאַנגט עס שאולן מיט די קנעכט,
און זיי האָבן עס אויפגעגעסן
און אין דער נאַכט אַוועקגעגאַנגען.

---

נ"ז.

און פלישתּים קעמפן מיט ישראל
אַנטלויפט ישראל פאַר די פלישתּים
און טויטע פאַלן אויף **גלבוע**,
און פלישתּים האָבן זיך געיאָגט

נאָך שאולן און זיינע זין,
געשלאָגן טויט יונתנען
און נאָך צוויי ברידער, שאולס זין,
און ס'איז די שלאַכט שוין שווער געוואָרן
אויך קעגן שאולן אַליין
עס האָבן אים געיאָגט, באַגעגנט
אַ מחנה פּלישתּים בויגן - שיסערס,
האָט ער געציטערט פאַר די שיסערס
און האָט געזאָגט זיין וואָפן - טרעגער:
דו ציִ אַרויס דיין שווערד און שטעך מיך,
ווייל טאָמער קומען די ערלים
און וועלן מיך דערשטעכן, דאָ
און אויך פון מיר נאָך אָפּשפּאָטן!
דער וואָפן - טרעגער אָבער האָט
געפּאָרכט צו פאָלגן זיין באַפעל
און שאול נעמט אַליין זיין שווערד
און פאַלט אויף איר אַרויף און שטאַרבט
און אַז דער וואָפן - טרעגער זעט,
אַז זיין האַר שאול איז געשטאָרבן
פאַלט ער אויך אויף זיין שווערד אַרויף
און שטאַרבט מיט שאולן צוזאַמען.
און אַז ישראל האָט געזען,
אַז ס'איז געשטאָרבן קיניג שאול
און אויך יונתן מיט די ברידער,
איז זיך דער פאָלק פון פעלד צולאָפן
און ס'האָבן אויך די בני ישראל
די שטעט פאַרלאָזן און אַנטלאָפן
און ס'זיינען פּלישתּים אָנגעקומען
און זיך אין יענע שטעט באַזעצט.
און אַז אויף מאָרגן זיינען פּלישתּים
געקומען אָפּציִען די טויטע
און האָבן שאולן געפונען!
מיט זיינע זין אויפן גלבוע,
האָט מען דעם קאָפּ אים אָפּגעשניטן,
די קליידער אים אַראָפּגעצויגן,
צושיקט אַרום אין לאַנד פון פּלישתּים
דעם פאָלק די בשורה אָנצוזאָגן
און שאולס וואָפן האָבן זיי
באַהאַלטן אין עשתּרות - טעמפּל
און אויפן מויער פון בית שן
זיין טויטן קערפּער אויפגעהאָנגען.
און אַז עס איז אין יבש גלעד
די טרויעריגע נייעס געקומען,
וואָס פּלישתּים האָבן שאולן
געטאָן, און ס'זיינען אַלע העלדן
פון יבש גלעד אויפגעשטאַנען,
די גאַנצע יענע נאַכט געגאַנגען,
אַראָפּגענומען שאולס קערפּער
און אויך די קערפּערס פון די זין
אַוועקגעפירט קיין יבש גלעד
און דאָרט פאַרברענט, און נאָר די ביינער
באַגראָבן אונטערן בוים אין יבש
און נאָכדעם זיבן טעג געפאַסט.

---

נ״ח.

און דוד האָט אַ טרויער - ליד
געקלאָגט אויף שאול און יונתן,
פאַרשריבן אינם בוך „הישר“:
דו צירונג פון ישראל,
ווי זיינען העלדן טויטגעפאַלן
אויף דיינע הויכקייטן!
דערציילט עס ניט אין גת,
זאָגט עס ניט אָן אין גאַסן אשקלונס!
ווייל ס'פרייען זיך די טעכטער פּלישתּים

ווייל ס'יובלעז די ערלימס טעכטער!
גלבוע ־ בערג !
קיין טוי קיין רעגן
זאָל אויף איך ניט קומען!
און ס'זאָל אויף איך
קיין פרוכפערדיגע פעלד ניט זיין!
ווייל דאָרט איז העלדן ־ שילד
געשענדט געוואָרן
און שאולס שילד —
ווי ניט מיט אייל באַשמירט
פאַר בלוט פון טויטגעשלאָגענע,
פאַר מאַרך פון קעמפערס העלדישע
איז בויגן פון יונתן
ניט אָפּגעטראָטן קיינמאָל
און ניט דער שווערד פון שאול
צוריקגעקומען ליידיג!
אָ, שאול און יונתן!
געליבט און זיס ביים לעבן
און אויך ביים טויט ניט אָפּגעשיידט!
פון אָדלערס גרינגער,

פון לייבן שטאַרקער! —
איר טעכטער פון ישראל,
קלאָגט אויף שאולן!
וואָס פלעגט באַקליידן אייך
אין פורפור און אין קאָסטבאַרקייטן!
וואָס פלעגט מיט צירונג גילדענע
באַפוצן אייך די קליידער!
געפאַלן העלדיש איצט אין שלאַכט!
יונתן — טויט אויף דיינע הויכקייטן!
איך בין צוווייטאָגט,
אָ, יונתן, ברודער מיינער!
ווי זיס ביסטו געווען מיר!
ווי וואונדערלעך דיין ליבשאַפט —
נאָכמער פון פרויען ־ ליבשאַפט!
ווי זיינען העלדן דאָ געפאַלן
און זייער וואָפן אומגעקומען!

---

און דוד האָט באַפוילן דאַמאָלס
צו לערנען שיסן די בני יהודה.

# דוד

נאָכדעם ווי שאול איז געשטאָרבן,
איז דוד דאַמאָלס נאָך געזעסן
צוויי טעג אין פּלישתּים - שטעטל צקלג.
דעם דריטן טאָג קומט אָן אַ יונג
פון מחנה מיט צופּליקטע קליידער
און ערד אויף קאָפּ, און איז געפאַלן,
געבוקט זיך דודן צו דר'ערד.
פרעגט דוד אים: פונוואַנען קומסטו?
זאָגט ער: אַנטרונען פון דער מחנה.
פרעגט דוד. „וואָס איז דאָרט געשען?
דערציייל מיר!" — יענער ענטפערט:
„אַנטלאָפן איז דאָס פאָלק פון שלאַכט,
אַ סך פון פאָלק געפאַלן טויטע,
אויך שאול און יונתן — טויט!"
און דוד פרעגט נאָך דעם דערציילער:
„ווי ווייסטו, אַז זיי זיינען טויט"?
זאָגט אים דער יונג: „כ'בין אַנגעקומען
דאָרט אויבן, אויפן באַרג גלבוע
און האָב געזען, ווי שאול שטייט
אָנגעשפּאַרטער אויף זיין שפּיז
און רייטערס אויף די וועגענער
פון שונא האָבן אים דעריאָגט,
האָט ער זיך אויסגעדרייט, דערזען,
גערופן מיך; זאָג איך: „כ'בין דאָ"!
„ווער ביסטו?"—„איך בין פון עמלק!"
טאָ קום אהער און שלאָג מיך טויט;
דער קראַמף האָט מיר געכאַפּט, און קוים
נאָך האַלט אין מיר זיך די נשמה.
האָב איך געשטעלט זיך איבער אים
און אים דערשלאָגן, ווייל געוואוסט,
אַז ער וועט סיי־ווי שוין ניט לעבן.
נאָכדעם זיין קרוין פון קאָפּ גענומען
און אויך דעם גאָלד - רונג פון זיין אָרים
און צו מיין האַר אהער געבראַכט".
האָט דוד באַלד די קליידער זיינע
צוריסן, און אויך זיינע לייט —
געקלאָגט, געוויינט, געפאַסט ביז אָוונט
אויף שאול און זיין זון יונתן
און אויפן גאַנצן פאָלק פון גאָט,
וואָס זיינען דורכן שווערד געפאַלן.
און דוד האָט דעם יונג געפרעגט.
„פונוואַנען ביסטו?" ענטפערט יענער:
„אַ גר'ם אַ זון, פון פאָלק עמלק".
און דוד פרעגט: „ווי האָסטו ניט
קיין פאָרכט געהאַט, דיין האַנט צו שטרעקן
און שלאָגן טויט דעם גאָט־געזאַלבטן?"
און ער רופט איינעם פון די יונגען
און זאָגט צו אים: גיי שלאָג אים טויט!
און יענער האָט אים טויטגעשלאָגן.
זאָגט דוד: „ביסט אַליין זיך שולדיג,
ווייל ס'האָט דיין מויל אַרויסגערעדט:
איך האָב געטויט דעם גאָט־געזאַלבטן!"

און דוד האָט געפרעגט בײַ גאָט:
צי זאָל איך אויפגיין קיין יהודה?
זאָגט גאָט: גיי אויף! פרעגט ער: וואוהין?
גאָט ענטפערט אים: גיי אויף קיין חברון!
און דוד איז אהין אַוועק
נעבראַכט מיט זיך די ווייבער צוויי,
און אויך די מענער וואָס מיט אים
אַ יעדערער מיט זיין געזינד —
באַזעצט זיך אין די שטעט פון חברון
און ס'זיינען באַלד די לייט יהודהס
געקומען, דודן געזאַלבט
צום קיניג איבער הויז יהודה.
און אבנר, שאולס הויפט פון חיל,
האָט שאולס זון, איש בושתן,
אַוועקגעפירט אין שטאָט מחנים
און אים געמאַכט דאָרט פאַר אַ קיניג
אויף גלעד, אשור און יזרעאל
און אויף אפרים און בנימין
און אויפן גאַנצן פאָלק ישראל, —
מיט דודן בלייבט נאָר יהודה.
אַזוי האָט דוד זיבן יאָר
און זעקס חדשים דאָרט, אין חברון,
געקיניגט איבער הויז יהודה.
איינמאָל האָט אבנר זיך געלאָזט
צוזאַמען מיט איש - בושת'ס קנעכט
צו גיין קיין גבעון פון מחנים
און יואב, דודס הויפט פון חיל,
האָט זיך געלאָזט מיט דודס קנעכט,
געגאַנגען אויך אין זעלבן וועג,
באַגעגנט זיך ביי גבעונס טייכל
געזעצט זיך די פון איין זייט טייכל
און יענע פון דער צווייטער זייט.

און אבנר זאָגט צו יואבן:
אָט זאָלן זיך די יונגען שטעלן
און דאָ אַ שטיף טאָן פאַר אונז ביידן.
זאָגט יואב: זאָלן זיי זיך שטעלן!
און ס'זיינען באַלד אַרויס אין פראָנט
צוועלף יונגען פון איש בושת'ס קנעכט,
און יונגען צוועלף פון דודס קנעכט,
אַ נעם געטאָן זיך פאַר די קעפּ,
גערוקט די שווערדן אין די זייטן
און זיינען אַלע דאָרט געפאַלן.
און ס'איז די שלאַכט געוואָרן שווער
אין יענעם טאָג פאַר אבנרן,
און ער איז מיט איש בושת'ס קנעכט
דורך יואבן צוקלאַפּט געוואָרן.
און ס'איז געווען אַ ברודער יואבס,
עשהאל, פלינק אויף זיינע פיס,
פלעגט לויפן ווי אַ הירש אין פעלד
איז ער נאָך אבנרן געלאָפן;
ניט אָפּגעטראָטן רעכטס און לינקס
און אבנר קערט זיך אום אויף הינטן
און פרעגט אים: דאָס ביסטו, עשהאל?
זאָגט ער: יע, איך, זאָגט אבנר אים:
דו קער זיך אָפּ אויף רעכטס, צי לינקס,
און כאַפּ אַ יונג און נעם זיין קלייד!
עשהאל אָבער לויפט אַלץ ווייטער
און טרעט ניט אָפּ אַהער - אַהין.
זאָגט אבנר אים: טרעט אָפּ פון מיר;
צו וואָס זאָל איך דיר שלאָגן טויט?
ווי וועל איך שפּעטער קענען ווייזן
מיין פּנים פאַר דיין ברודער יואב?
עשהאל אָבער טרעט ניט אָפּ.
האָט אבנר מיטן האָלץ פון שפּיז

געשלאָגן אים אין פינפטן ריפּ,
און ס'איז דער שפּיז אַרויסגעקראָכן,
און ער איז טויט געפאַלן דאָרט,
און ווער ס'איז דאָרט פאַרבייגעגאַנגען
האָט אָפּגעשטעלט זיך זען דעם טויטן.
און יואב מיטן צווייטן ברודער,
אבישי, האָט זיך נאָכגעיאָגט
נאָך אבנרן דעם גאַנצן טאָג
און ס'האָבן זיך צונויפגעקליבן
נאָך אבנרן די זין בנימינס
געהאַלטן פעסט זיך אין אַ בונד
און זיך געשטעלט אויף שפּיץ פון באַרג.
און אבנר רופט צו יואבן:
„צי וועט דער שווערד אויף אייביק פרעסן?
דו ווייסט דאָך, ווי דער סוף איז ביטער;
פאַרוואָס זאָלסטו דעם פאָלק ניט הייסן,
צוריקציִען זיך פון די ברידער?
זאָגט יואב אים: איך שווער בײַ גאָט,
ווען דו וואָלסט דאָס ניט גערייצט,
וואָלט מען שוין לאַנג צוגאַנגען זיך.
און יואב האָט געבלאָזן שופר,
האָט זיך דער פאָלק באַלד אָפּגעשטעלט
ניט מער נעיאָגט זיך נאָך ישראל,
ניט מער געפירט די שלאַכט מיט אים.
און אבנר איז אין סטעפּ אַוועק,
געגאַנגען דאָרט אַ גאַנצע נאַכט,
ביז אָנגעקומען קיין מחנים.
און יואב איז פון אים אַוועק,
זיין פאָלק פאַרזאַמלט און געציילט,
און אָט עס פעלט פון דודס קנעכט
בלויז ניינצן מאַן און אויך עשהאל,
און פון בנימין — אבנרס לייט —
פעלט דריי הונדערט און זעכציק מאַן.
עשהאלן האָט מען באַגראָבן
אין פאָטערס קבֿר, אין בית - לחם,
און יואב גייט מיט זיינע לייט
די גאַנצע נאַכט און קומט קיין חברון.

---

האָט די מלחמה לאַנג געדויערט
בײַ דודן מיט שאולס הויז,
און דוד ווערט אַלץ שטאַרקער, שטאַרקער
און שאולס הויז אַלץ שוואַכער, שוואַכער
און אבנר האָט, אין דער מלחמה,
זיך אַלץ געשטאַרקט אין שאולס הויז.
און שאול האָט געהאַט אַ קעבסווייב,
געהייסן: רצפּה, טאָכטער איה'ס.
איינמאָל זאָגט אבנרן איש בושת:
פאַרוואָס האָסטו מיין טאַטנס קעבסווייב
זיך צוגענומען? אבנרן
האָט עס פאַרדראָסן און ער פרעגט:
„בין איך אַ הונט - קאָפּ פון יהודה?
ווי לאַנג, אַז איך האָב גנאָד געטאָן
מיט שאולס הויז און זיין פאַמיליע,
איך ניט געלאָזט אין דודס האַנט, —
דערמאָנסטו מיר די פרוי אַצינד?
איך שווער בײַ גאָט, אַז אַלץ וואָס ער
האָט צוגעשוואָרן, וועל איך טאָן:
אַוועקנעמען בײַ דיר די מלוכה
און אויפשטעלן דעם טראָן פון דוד
אויף גאַנץ ישראל און יהודה,
און אבנר האָט צו דודן
געשיקט שלוחים פרעגן אים:
צו וועמען דאַרף די לאַנד געהערן?
שלים אָפּ אַ בונד מיט מיר. וועל איך

די קיניגרייך דיר איבערגעבן."
זאָגט דוד: גוט, איך שליס אַ בונד,
נאָר איין פאַרלאַנג האָב איך פון דיר,
דו זאָלסט ניט ווייזן זיך פאַר מיר,
ביז ברענגסט מיר מיכל שאולס טאָכטער.
און צו איש־בושתן שיקט דוד
שלוחים, אים אַזוי צו זאָגן:
גיב אָפּ מיר מיכלן מיין ווייב,
וואָס איך האָב דאַמאָלס מיר פאַרקנסט
פאַר הונדערט ערלות פון די פּלישתּים.
האָט איר איש־בושת אָפּגענומען
פון מאַן פלטיאל, זון פון ליש,
און ס'איז איר מאַן איר נאָכגעגאַנגען,
געגאַנגען און געוויינט נאָך איר,
ביז אָנגעקומען קיין בחורים,
האָט דאַמאָלס אבנר אים געזאָגט.
„גיי שוין צוריק!" — איז ער אַוועק.

---

און אבנר האָט געשיקט אַן אָנזאָג
צו אַלע עלטסטע פון ישראל:
„איר האָט דאָך שוין פון לאַנג געוואָלט,
אַז דוד זאָל זיין אייער קיניג;
איצט טוט, ווייל גאָט הייסט דודן
אַרויסהעלפן זיין פאָלק פון פּלישתּים
און אויך פון אַלע זיינע פיינט".
נאָכדעם האָט אבנר אויך גערעדט
דאָסזעלביגס מיט בנימינען.
און שפּעטער האָט ער צוואַנציק מאַן
מיט זיך גענומען און אַוועק
קיין חברון, דודן צו זאָגן,
אַז גאַנץ ישראל און בנימין
איז ער געפעלן פאַר אַ קיניג.
האָט דוד זיי געמאַכט אַ מאָלצייט,
נאָכדעם זיי אָפּגעשיקט אין פרידן
און אָט איז יואב אָנגעקומען
מיט דודס קנעכט פון אַ געשלעג
און האָבן רויב מיט זיך געבראַכט.
האָט מען דערציילט פאַר יואבן,
אַז אבנר איז געווען ביים קיניג.
איז יואב באַלד אַוועק צום קיניג,
געפרעגט אים: וואָס האָסטו געטאָן?
אַז אבנר איז צו דיר געקומען,
פאַרוואָס האָסטו אים פריי געלאָזן?
צי ווייסטו ניט, אַז אבנר קומט
בלויז דיר פאַרנאַרן און דערגיין
די איינגאַנגען און אויסגאַנגען
און וויסן אַלע דיינע פּלענער?!
אַרויס פון דודן, האָט יואב
געשיקט נאָך אבנרן, אים ברענגען,
— און דוד האָט עס ניט געוואוסט.
און ווי נאָר אבנר איז געקומען,
האָט יואב אים געפירט אין טויער,
גערעדט מיט אים דאָרט שטילערהייד
און אים אין פינפטן ריפּ געשלאָגן,
ביז טויט, נקמה פאַר די בלוט
עשהאל'ס, יואבס יינגסטן ברודערס.
און אַז ס'האָט דוד דאָס דערהערט
האָט ער געזאָגט: מיר זיינען ריין,
סיי איך און סיי מיין קיניגרייך,
פון אבנרס בלוט פאַרגאָסענע;
זיי זאָלן פאַלן אויפן קאָפּ
פון יואב און זיין הויזגעזינד
און זאָל ניט פעלן אין זיין הויז
קיין פליסיגער און קרעציגער

און ברויטלאָזער און קוליע - גייער
און אויך פון שווערד געפאַלענער.
און דוד זאָגט צו יואבן
און אויך צום גאַנצן פאָלק ביי אים:
,,צורייסט די קליידער, גורט אָן זעק
און קלאָגט אַ קלאָג נאָך אבנרן"
און ס'איז דער קיניג נאָכגעגאַנגען
נאָך אבנרס מיטה און געוויינט
און ווען מ'האָט באַגראָבן אים
האָט מיטגעוויינט דער גאַנצער פאָלק.
און דוד האָט אַזוי געקלאָגט:
,,צי איז דער טויט פון אבנרן
,,אַ טויט פון נידערטרעכטיגע!
,,געבונדן זיינען ניט די הענט,
,,אין קייטן זיינען ניט די פיס —
,,געפאַלן פון פאַרברעכערס האַנט!"
און ווידער האָט דער פאָלק געוויינט.
און אַז געקומען זיינען מענטשן
דעם קיניגס האַרץ צו אונטערלענען,
האָט ער געזאָגט: איך שווער ביי גאָט,
אויב איך וועל עפּעס טועם זיין
דעם גאַנצן טאָג ביז זון - פאַרגאַנג.
און דאָס איז גוט געווען ביים פאָלק
און אַלע האָבן שוין געוואוסט,
אַז דוד האָט עס ניט באַפוילן,
צו טויטן אבנרן, זון נר'ס.

---

און דוד זאָגט צו זיינע קנעכט:
,,איר ווייסט דאָך, אַז אַ גרויסער פירשט
איז היינט געפאַלן אין ישראל,
און איך בין יונג, געזאַלבט צום קיניג
און יענע לייט, די זין פון צרויה,
זיי זיינען מעכטיגער פון מיר
זאָל גאָט אַליין פאַרגעלטן נאָר
דעם בייזווילינן פאַר זיין בייזקייט".

---

און ווי ס'האָט שאולס זון געהערט,
אַז אבנר איז שוין טויט אין חברון,
איז ער געוואָרן אָפּהענטיג
און גאַנץ ישראל אויך צעשראָקן.
און ס'זיינען ביי איש - בושתן
געווען צוויי עלצטע פון קאָמפּאַניעס,
צוויי זין פון רימון, פון בארות'
איינער רכב, איינער בענה,
אַמאָל בייטאָג, ווען ס'ברענט די היץ,
האָט שאולס זון גערוט זיין רו.
און ביידע ברידער זיינען דאַמאָלס
אריין אין שטוב ווי ווייץ - קויפערס,
אים טויטגעשלאָגן, און זיין קאָפּ
אראָפּגעשניטן, מיטגענומען,
אַנטרונען און געלאָזט זיך גיין
אין וויסטעניש די גאַנצע נאַכט,
פאַרטאָג קיין חברון אָנגעקומען
און דודן די קאָפּ דערלאַנגט
און אים געזאָגט: אָט איז די קאָפּ
פון שאולס זון דיין גרעסטן פיינט,
וואָס האָט געפּלאַנט דיין לעבן נעמען,
האָט גאָט געגעבן דיר נקמה
פון שאולן און זיינע קינדער.
און דוד האָט געענטפערט זיי:
איך שווער ביי גאָט, וואָס האָט אַמאָל
מיך אויסגעלייזט פון איטלעכס צרה,
אַז דער, וואָס האָט מיר אָנגעזאָגט:
,,דער קיניג שאול לעבט שוין ניט"
און האָט געמיינט, אַז ס'איז אַ בשורה

האָב איך, אָנשטאָט אים צו באַלוינען,
געכאַפּט אים און באַלד טויט געשלאָגן;
אַצינד, ווען ס'האָבן בייזע לייט
אַ מענטשן אַן אומשולדיקן
אויף זיין געלעגער טויטגעשלאָגן,
זאָל איך זיין בלוט ניט פאָדערן,
און אייך ניט אָפּראַמען פון דר'ערד?"
און באַלד באַפוילן זיינע יונגען
און יענע האָבן זיי געהרגעט
און אָפּגעשניטן הענט און פיס
און אויפגעהאַנגען זיי ביים טייך.
נאָכדעם איש־בושת'ס קאָפּ גענומען
און איר אַוועקגעפירט, באַגראָבן
אין אבנרס קבר דאָרט אין חברון.

---

און אַלע עלצטע פון ישראל
פאַרזאַמלען זיך ביי דודן
אין חברון און זיי זאָגן אים:
מיר זיינען דאָך דיין ביין און פלייש;
אויך נעכטן און אויך אייערנעכטן,
ווען קיניג שאול האָט געלעבט,
ביסטו געווען ישראלס פירער,
און איצט האָט גאָט צו דיר געזאָגט,
זאָלסט זיין דער פאַסטוך ביי ישראל,
דער פירשט און פירער פונם פאָלק.
זיי האָבן דודן געזאַלבט
צום קיניג אויפן פאָלק ישראל.

---

דער קיניג האָט מיט זיינע לייט
געלאָזט זיך גיין קיין ירושלים,
אַנטקעגן דעם יבוסי־פאָלק,
וואָס האָט פון לאַנג באַוואוינט די לאַנד.

האָט מען געזאָגט צו דודן:
וועסט ניט אַריינקומען אַהער,
ביז דו שאַפסט אָפּ די קאַליקעס,
די בלינדע און די הינקעדיגע!
געמיינט: וועסט ניט אַריינקומען! —
האָט דוד דאַמאָלס איינגענומען
די פעסטונג ציון, די שטאָט דודס,
און האָט געזאָגט דעמזעלבן טאָג:
„שלאָגט דעם יבוסי, קלאַפּט די פעסטונג,
די בלינדע און די הינקעדיגע.
פון דאַמאָלס זאָגט אַ פאָלק־ווערטל:
„דער בלינדער און דער הינקעדיגער
זאָל ניט אַריינקומען אין שטוב".
און דוד זיצט אין פעסטונג ציון
און רופט איר אָן: די שטאָט פון דוד
און בויט אַרום דעם הויכן וואַל
און ווערט אַלץ גרעסער, שטאַרקער.
און חירם, קיניג צורס, שיקט אים
שלוחים, פירן צעדערבוימער,
און בוי־מייסטערס און מויערערס
און זיי האָבן פאַר דודן
אַ שיינעם פּאַלאַץ אויפגעבויט
האָט דוד דאַמאָלס שוין געוואוסט
אַז גאָט האָט אים געמאַכט פאַר קיניג
און האָט זיין קיניגרייך דערהויבן.

---

אַז ס'האָבן פּלישתּים זיך דערוואוסט,
אַז דוד איז געזאַלבט צום קיניג
אויף גאַנץ ישראל, זיינען זיי
געקומען זוכן דודן,
און דוד איז אַריין אין פעסטונג

און פּלישתּים זײַנען אָנגעקומען
און זיך פאַרשפּרייט אין טאָל רפאים.
פרעגט דוד גאָט: צי זאָל איך גיין
אַנטקעגן פּלישתּים אין מלחמה?
צי גיסטו מיר זיי אָפּ אין האַנט?
זאָגט גאָט: גיי אויף, ווייל איך גיב אָפּ
די פּלישתּים דיר אין האַנט אַריין.
און דוד שלאָגט זיי אין בעל - פּרצים,
צושפּאַלט זיי ווי אַ וואַסער - בראָך
און זיי פאַרלאָזן דאָרט די געטשעם
צולויפן זיך אין אַלע זייטן
און דוד נעמט מיט זײַנע לײַט
די געטשעם פון מלחמה - פּלאַץ.
און ווידער קומען אָן די פּלישתּים,
פאַרשפּרייטן זיך אין טאָל רפאים
פרעגט דוד ווידער אָן בײַ גאָט
און ווידער קומט אַן ענטפער:
ניט גיי! פאַרנעם זיך הינטער זיי
און קום אַרויס פון צווישן בוימער,
און אַז וועסט הערן אַ גערויש
פון בוימער - שפּיצן, ווי פון טריט,
לויף באַלד אויף זיי, ווייל דאָס גייט גאָט
פאַר דיר צו שלאָגן אין די פּלישתּים.
און דוד האָט אַזוי געטאָן
און האָט צוקלאַפּט די פּלישתּים - מחנה.

---

און דוד איז מיט זײַנע לײַט,
אַלץ אויסדערוויילטע, דרײַסיג טויזנט,
געגאַנגען אויפברײַנגען גאָטס אָרון
פון אבינדבס הויז אין גבעה.
געבראַכט מיט זיך אַ נײַעם וואָגן,
אַרויפגעלייגט אויף אים דעם אָרון,
און עוזא, אבינדבס זון,
פירט דעם וואָגן מיטן אָרון
זײַן ברודער, אחיו, גייט פאָרויס,
נאָכדעם גייט דוד און ישׂראל
און שפּילן אויף די שפּיל - כּלים
פון בוקס - האָלץ, אויף די פידעלעך
און האַרף און פּויק און גלאָק און צימבל.
געקומען ביזן שייער נכונס.

---

האָט עוזא אויסגעשטרעקט זײַן האַנט,
געוואָלט דעם אָרון אונטערהאַלטן,
ווייל ס'האָבן זיך צורוקט די רינדער.
האָט גאָט געצערנט שטאַרק אויף עוזאן
און באַלד אים טויטגעשלאָגן דאָרט,
ווייל ער האָט אָנגערירט דעם אָרון.
און דודן האָט עס פאַרדראָסן
און ער האָט יענעם אָרט גערופן
דער בראָך פון עוזא (פּרץ עוזא)
האָט דוד דאַמאָלס זיך דערשראָקן
און ער האָט זיך אַליין געפרעגט:
„ווי קען צו מיר גאָטס אָרון קומען?"
און ניט געבראַכט אים אין שטאָט דודס,
נאָר אָפּגעפירט צו עובד אדום,
דעם גיתּי; איז געווען דער אָרון
בײַ עובד אדום דרײַ חדשים.
האָט מען דערציילט דעם קיניג דוד,
אַז עובד אדום איז געבענטשט
מיט אַלדאָס גוטס צוליבן אָרון;
האָט דוד שוין אַרויסגעפירט
פון עובד - אדומס שטוב גאָטס אָרון
מיט פייערלעכקייט און מיט פרייד,
מיט שאַלן און מיט שופר - קלאַנג,

די ארון - טרעגערס שפרייזן גלייך,
ביי אלע זעקס טריט שטעלט מען זיך,
מ'שעכט אַן אָקס, אַ פעטע קאַלב,
און דוד שפרינגט און טאַנצט פאַר גאָט,
באַגאַרטלט מיט אַ ליינען - אפוד.
און מיכל, שאולס טאָכטער, זיצט
ביים פענצטער, קוקט אַרויס און זעט,
ווי דוד שפרינגט און טאַנצט פאַר גאָט,
האָט זי אין האַרצן אים פאַראַכט.
אַזוי האָט מען געבראַכט דעם ארון
אַוועקגעשטעלט אים אין געצעלט,
וואָס דוד האָט פאַר אים געשטעלט,
און ער האָט אויפגעבראַכט קרבנות,
דעם פאָלק געבענטשט אין נאָמען גאָטס
און האָט געשטעלט פאַר איטלעכן
אַ חלה - ברויט און פלייש מיט וויין,
און ס'איז דער פאָלק אַהיימגעגאַנגען,
און דוד גייט, זיין הויז באַגריסן.
און מיכל, שאולס טאָכטער, איז
אַרויס אַנטקעגן דודן,
געזאָגט: „ווי איז געשעצט געוואָרן
דער קיניג פון ישראל היינט,
אַנטפלעקט זיך פאַר די דינסט - מוידן,
ווי איינער פון די נידעריגסטע!"
און דוד זאָגט צו מיכלן:
פאַר גאָט, וואָס האָט מיר אויסדערוויילט
פון טאַטן דיינעם און זיין הויז,
צו מאַכן מיך פאַר פירשט - געביטער
אויף פאָלק פון גאָט, דעם פאָלק ישראל,
פאַר אָט דעם גאָט האָב איך געשפילט;
און וועל איך זיך נאָך גרינגער מאַכן,
ביי זיך אַליין נאָך נידעריגער —
ביי אָט די דינסטן, וואָס דו זאָגסט,
וועל איך נאָך אַלץ אין כבוד זיין!
און מיכל, שאולס טאָכטער, האָט
אין לעבן שוין קיין קינד געהאַט.

---

דער קיניג זיצט ביי זיך אין פּאַלאַץ,
אין רו פון אַלע פיינט אַרום.
זאָגט ער צום נביא נתן: זע,
איך זיץ אין הויז פון צעדערן
און דאָרט, דער ארון, הינטער פאָרהאַנג!
זאָגט נתן אים אין גאָטס באַפעל:
דו ווילסט פאַר מיר אַ טעמפל בויען?
זינט כ'האָב ישראלן געבראַכט
פון לאַנד מצרים און ביז היינט,
האָב איך געוואַנדערט אין געצעלטן, —
צי האָב איך ווען אַ וואָרט גערעדט
צו איינעם פון ישראלס שבטים:
בויט אויס פאַר מיר אַ צעדער - הויז!
און דיר האָב איך פון שטאַל גענומען,
פון הינטער שאָף געבראַכט אַהערצו
צו זיין אַ פירשט ביים פאָלק ישראל,
געוועזן מיט דיר אין אַלע גיינג,
פאַרטיליגט דיינע פיינט פאַר דיר,
געשאַפן דיר אַ גרויסן נאָמען
ווי פון די גרעסטע אין דער וועלט,
איך מאַך אויך פאַר מיין פאָלק אַן אָרט,
איך פלאַנץ אים איין און ער בלייבט פעסט,
און ווערט ניט אויפגעטרייסלט קיינמאָל,
און קיינמאָל וועלן שלעכטע לייט
אים פייניגן, ווי ביז אַהער,
און אָט אַז דו וועסט אַלט ווערן,
וועסט ליגן מיט די עלטערן,

און קומען וועט דיין זון נאָך דיר
און איך באַפעסטיג זיין מלוכה —
זעט ער פאַר מיר אַ טעמפּל בויען,
איך וועל אים ווי אַ פאָטער זיין,
און ער וועט זיין מיר, ווי אַ זון,
און אויב ער גייט אין קרומען וועג
שטראָף איך אים מיט אַ מענטשן - רוט,
מיט פּלאָגן פון די מענטשן - קינדער,
מיין חסד אָבער ווערט פון אים
ניט אָפּגעטאָן, ווי כ'האָב אַמאָל
באַזייטיגט שאולן פאַר דיר,
דיין הויז און קיניגרייך בלייבט טריי,
דיין טראָן בלייבט פעסט אין אייביגקייט.
די אַלע ווערטער און די זעאונג
האָט נתן דודן געזאָגט.
האָט קיניג דוד זיך געזעצט
פאַר גאָט און אים אַזוי געזאָגט:
ווער בין איך, גאָט, און וואָס מיין הויז,
וואָס דו האָסט מיר געבראַכט אַהערצו?
איז דאָס נאָך קליין אין דיינע אויגן,
האָסטו אויף ווייטער צייט גערעדט,
געלערזאַמקייט פאַר דיין קנעכטס הויז!
וואָס קען נאָך דוד זאָגן דיר?
צוליב דיין וואָרט און לויט דיין ווילן
האָסטו געבראַכט מיר אָט די גרויסקייט
ווייל גרויס ביסטו אַליין, מיין גאָט,
ניטאָ ווי דו, ניטאָ חוץ דיר,
און ווער איז ווי דיין פאָלק ישראל
אויף גאַנצער ערד איין איינציג פאָלק,
וואָס גאָט האָט אויסגעלייזט פאַר זיך,
אים אויסגעלייזט פון לאַנד מצרים,
פון יענע פעלקער און די געטער,
צו זיין ביי אים אַ פאָלק אויף אייביג.
און ער זאָל זיין ביי זיי אַ גאָט;
אַצינד האָסטו מיר צוגעזאָגט
אַז דו וועסט בויען מיר אַ הויז —
דו ביסט דער גאָט, דיין וואָרט איז וואָר,
טאָ זאָל דיין נאָמען אייביג גרויס זיין,
און דודס הויז זאָל פעסט זיין אייביג,
און פון דיין ברכה זאָל געבענטשט זיין
די הויז פון דודן דיין קנעכט,
געבענטשט אויף צייטן אייביגע!

---

און שפּעטער האָט דוד
געשלאָגן די פּלישתים
און זיי אונטערטעניגט;
געשלאָגן אויך מואב,
האָט מואב געדינט אים,
געבראַכט אים געשאַנקען.
צוקלאַפּט הדרעזר,
דעם קיניג פון צובה,
די רייטערס באַצוואונגען,
די פוסלערס צושמעטערט,
און אַז ס'איז דמשק
געקומען צו הילף,
האָט דוד דעם חייל
צושלאָגן, צוטריבן,
און האָט אין דמשק
געשטעלט גאַרניזאָנען,
געבראַכט האָט אויך דוד
פון שטעט הדרעזורס
די גאָלדענע שילדן
און קופּער אַ סך.
און תועי, דער קיניג

חמת׳ס, איז געשטאַנען
מיט צובה אין שלאַכט;
געהערט, אַז ס׳האָט דוד
צוקלאַפּט צובה׳ס חיל,
האָט תּועי געשיקט
דורך יורם זיין זון
מתּנות צו דודן
גאָלד, זילבער און קופּער
און דוד האָט אַלע
מתּנות געשיקטע
געהייליגט צו גאָט
צוזאַמען מיט יענע
גאָלד, זילבער און קופּער,
פון שלאַכט - פעלד געבראַכטע.
אַזוי אויך באַצוואונגען
די פעלקער אַרום,
ארם און אויך מואב
און עמון און פלישתּים,
עמלק און אדום, —
גענומען דעם רויב,
צו גאָט אים געשיינקט.
האָט גאָט אים געהאָלפן,
וואו ער איז געגאַנגען,
און ער האָט געקיניגט
אויף גאַנץ פאָלק ישראל,
געמשפּט מיט רעכט.
איז יואב, זון צרויה׳ס,
געווען אויף זיין חיל,
יהושפט — אַ קאַנצלער
און שריה — אַ שרייבער.
אחימלך און צדוק
געווען זיינע כּוהנים,
בניהו — אַ הויפּטמאַן
אויף כּרתי און פּלתי,
און די זין דודס
געווען זיינען כּוהנים.

---

און דוד פרעגט: צי איז נאָך ווער
פון שאולס הויזגעזינד פאַרבליבן,
וועל איך מיט אים אַ חסד טאָן
צוליב יונתנען מיין פריינט.
און ס׳איז געווען אַ קנעכט ביי שאול,
און ציבא איז געווען זיין נאָמען,
האָט ער געזאָגט דעם קיניג דוד:
פאַראַן אַ זון נאָך פון יונתן
אַ הינקעדיגער אויף די פיס
און מפיבושת איז זיין נאָמען.
פרעגט אים דער קיניג: וואו איז ער?
זאָגט ער: ביי מכיר אין לודבר.
(פינף יאָר איז אַלט געווען דאָס קינד,
ווען ס׳איז די טרויער - ניים געקומען
פון שאולס און יונתנס טויט;
האָט די דערציערין געכאַפּט אים,
מיט אים אַנטלאָפן איילנדיג,
און אין געלאָף איז ער געפאַלן
און האָט צובראָכן זיך די פיס).
איז ער געקומען פון לודבר
און האָט פאַר דודן געקניט.
זאָגט דוד אים: האָב ניט קיין מורא,
איך טו דיר גנאָד צוליב דיין טאַטן,
איך גיב דיר שאולס אַלע פעלדער
און דו וועסט עסן אויף מיין טיש.
האָט ער געבוקט זיך און געזאָגט:
וואָס איז דיין קנעכט, וואָס דו דערזעסט

א טויטן הונט, ווי איך אַצינד?
דער קיניג רופט דעם דינער ציבא
און זאָגט: אַלץ, וואָס ס'געהערט צו שאול
און צו זיין הויזגעזינד, האָב איך
אָוועקגעגעבן דיין האַרס זון
און דו באַאַרבעט אים די ערד
מיט דיינע זין און דיינע קנעכט
און ער וועט האָבן ברויט צום עסן,
און עסן זאָל ער אויף מיין טיש!
און דער קנעכט ציבא האָט געהאַט
פופצן זין און צוואַנציק קנעכט,
האָט ער געזאָגט צום קיניג דוד:
„אַלץ, וואָס דער קיניג וועט באַפעלן,
וועט דיין קנעכט טאָן; נאָר מפיבושת
עסט ביי מיין טיש דאָך ווי א פרינץ!"
און מפיבושת האָט געהאַט
אַ קליינעם זון — זיין נאָמען: מיכא.
און ציבא'ס גאַנצע הויז - באַזעצונג
האָט מפיבושתן געדינט,
און ער זיצט אין ירושלים
און עסט ביים טיש פון קיניג דוד.

---

און ס'איז געשטאָרבן עמונס קיניג,
קומט זיין זון חנון אויפן טראָן.
זאָגט דוד: „איך וועל טאָן אַ חסד
מיט מיין פריינטס זון", און האָט געשיקט
אים טרייסטן נאָכן פאָטערס טויט.
און ווי די שלוחים דודס קומען,
קיין עמון, זאָגן חנונס האַרן:
צי מיינסטו, אַז פון כבוד בלויז
האָט דוד טרייסטן דיך געשיקט?
ניין, ער וויל אויספאָרשן די לאַנד,
איר אויסשפּיאָנירן און צושטערן,
האָט ער די קנעכט אַהער געשיקט.
האָט חנון דודס קנעכט גענומען
און אָפּגעגאָלט זיי האַלבע בערד
און אָפּגעשניטן האַלבע קליידער
ביז אונטערלייב — און אָפּגעשיקט זיי.
האָט מען עס דודן דערציילט,
ווייל ס'האָבן זיך די לייט געשעמט;
האָט ער געשיקט צו זיי אַנטקעגן,
געזאָגט: בלייבט זיצן אין יריחו,
ביז ס'וועלן אָפּוואַקסן די בערד,
און דאַמאָלס קערט זיך אום צוריק.
און ס'האָט דער עמון - פאָלק געזען,
אַז דוד האָט אים פיינט געקריגן,
האָט ער געדונגען אין ארם
סאָלדאַטן איבער דרייסיק טויזנט
צו גיין אין שלאַכט אַנטקעגן דוד.
און ווי ס'האָט דוד עס דערהערט,
האָט ער גערופן יואבן
און די גבורים, וואָס ביי אים,
און זיי אַרויסגעשיקט אין שלאַכט.
און עמון איז אַרויס צום טויער,
און די געדונגענע — אין פעלד.
און יואב זעט, אַז ס'איז די שלאַכט
ביי אים פון פאָרנט און פון הינטן,
האָט ער זיין חיל אויך צוטיילט,
דעם צווייטן טייל—אין האַנט אבישי'ס
און האָט אים אָנגעזאָגט אַזוי:
אויב ס'וועט ארם פון מיר זיין שטאַרקער,
וועסטו מיט דיין חיל העלפן מיר;
און אויב פון דיר איז עמון שטאַרקער,
וועל איך מיט מיין חיל העלפן דיר.

זיי שטאַרק, לאָמיר זיך ביידע שטאַרקן
פאַר אונזער פאָלק, פאַר אונזער לאַנד,
און גאָט זאָל טאָן וואָס אים געפעלט!
און יואב איז אַרויס אין שלאַכט.
איז באַלד אַרם פאַר אים אַנטרונען,
און עמון איז צולאָפן זיך.
און ווידער איז אַרם אַרויס,
און ווידער איז אַ שלאַכט געווען
און דוד האָט צוקלאַפּט אַרם
ביז זיבנהונדערט רייטוועגן
און גאַנצע פערציק טויזנט רייטערס,
געטויט אויך שובכן דעם הויפּטמאַן.
און אַז די קיניגן אַרום,
די אַלע קנעכט פון הדרעזר
זיינען אין פעלד געקלאַפּט געוואָרן,
האָט זיי אַ פאָרכט אַרומגעכאַפּט,
צו קעמפן מיט ישראלן
און זיי האָבן מיט דודן
געמאַכט אַ שלום, אים צו דינען.

---

אַמאָל, ווען יואב מיט די קנעכט
איז אויפן פעלד געווען אין שלאַכט, —
און דוד זיצט אין ירושלים, —
איז דוד אין דער אָוונט - צייט
פון זיין געלעגער אויפגעשטאַנען
און אויפן דאַך פון קיניגס הויז
אַרומגעגאַנגען הין און הער.
דערזעט ער אויף אַ צווייטן דאַך
אַ פרוי אַ שיינע וואַשט איר לייב.
שיקט דוד פרעגן אויף דער פרוי,
דערציילט מען אים: דאָס איז בת־שבע,
די ווייב אוריה'ס, וואָס פון חת.
האָט ער געשיקט צו זיך איר נעמען,
האָט זי ביי אים די נאַכט גענעכטיגט,
און אינדערפרי אַהיים געגאַנגען.
נאָכדעם האָט זי געשיקט אים זאָגן,
אַז זי איז טראָגעדיק געוואָרן.
האָט דוד יואבן געהייסן,
ער זאָל צו אים אוריה'ן שיקן,
און אַז אוריה איז געקומען,
האָט דוד נאָכגעפרעגט ביי אים
אויף יואבן און אויפן פאָלק
און אויפן גאַנג פון דער מלחמה
און נאָכדעם זאָגט ער צו אוריהן:
„איצט גיי אַהיים און וואַש די פיס!"
און ווי אוריה איז אַרויס
האָט מען געטראָגן אים געשאַנקען,
אוריה אָבער איז געשלאָפן
די גאַנצע נאַכט ביים קיניגס טיר
מיט אַלע דינערס פון זיין האַר,
און ניט אַהיים צו זיך געגאַנגען.
האָט מען עס דודן דערציילט,
און דוד האָט געפרעגט אוריהן:
דו ביסט דאָך פונם וועג געקומען,
וואָס ביסטו ניט אַהיים געגאַנגען?
און ס'האָט אוריה אים געענטפערט:
אין פעלד, אין ביידלעך, זיצן אַלע
ישראלס זין און אויך דער ארון
און יואב מיט די קנעכט מיין האַרס
צוואָרפן ליגן אויפן פעלד,
זאָל איך אַהיים גיין, עסן, טרינקען,
און שלאָפן ביי מיין ווייב? איך שווער
ביים לעבן דיינעם, מיין האַר קיניג,
אויב איך וועל טאָן עס היינטיגס טאָג;

זאָגט דוד אים: זײַ הײַנט בײַ מיר,
און מאָרגן שיק איך דיך אַוועק.
איז ער געזעסן נאָך צוויי טעג.
האָט דוד אים צו זיך גערופן,
געגעבן עסן אים און טרינקען,
ער האָט אויך אָנגעשכורט אים,
בײַנאַכט אָבער איז ער געשלאָפן
אויף זײַן געלעגער מיט די קנעכט
און ניט אַוועק צו זיך אין שטוב.
און אויפן דריטן טאָג האָט דוד
אַ בריוו צו יואבן געשריבן
און אָפּגעשיקט אים דורך אוריה.
געשריבן האָט ער אָט אַזוי:
שטעלט באַלד אוריה׳ן אױפן אָרט,
וואו די מלחמה איז גאָר שטאַרק,
און איר זאָלט אָפּטרעטן פון אים
און ער זאָל טויט געשלאָגן ווערן.
און יואב האָט די שטאָט באַלאַגערט,
האָט ער געשטעלט אוריהן דאָרט,
וואו ס׳שטייען יונגען העלדישע,
און יענע זײַנען פון דער שטאָט
אַרויס, מיט יואבן געקעמפט,
און ס׳זײַנען דודס קנעכט געפאַלן
און ס׳איז געשטאָרבן אויך אוריה.
און יואב האָט צו דודן
געשיקט די שלאַכט צו שילדערן
און האָט דעם שליח אָנגעזאָגט:
אַז דו וועסט אויסלאָזן דערציילן
און ס׳וועט דער קיניג צערענען,
און וועט אויך פרעגן: „הלמאי
האָט איר גענענט גאַנץ האַרט צום שטאָט?
צי האָט איר ניט פאַרשטאַנען, אַז
מ׳וועט אַראָפּשיסן פון מויער?״
זאָלסטו דערציילן ווײַטער: „אויך
דײַן קנעכט אוריה איז געשטאָרבן״.
דער שליח איז אַוועקגעגאַנגען
און האָט אַלץ דודן דערציילט
און צוגעגעבן: אויך דײַן קנעכט
אוריה איז געשטאָרבן.
זאָגט דוד אים: זאָג יואבן
עס זאָל די זאַך אים ניט פאַרדריסן,
ווײַל נאָך אַזויפיל און אַזויפיל
מוז דאָך דער שווערד פאַרדאַרבן,
פאַרשטאַרק די שלאַכט נאָך קעגן שטאָט
וועסטו איר נעמען!—אַזוי טרייסט אים.
און ווי בת־שבע האָט געהערט,
אַז ס׳איז איר מאַן אוריה טויט,
האָט זי געטרויערט נאָך איר מאַן,
און ווען דער טרויער איז פאַרביי,
האָט דוד איר צו זיך גענומען
און זי האָט אים אַ זון געבוירן.

---

און ס׳איז דער נביא נתן
צו דודן געקומען,
געזאָגט אים אין גאָטס נאָמען:
געווען אַמאָל אין שטאָט
צוויי מענטשן, איינער רײַך,
אַן אָרימאַן דער צווייטער.
דער רײַכער האָט פאַרמאָגט
שאָף, רינדער גאָר אַ סך,
דער אָרימער האָט גאָרניט
בלויז איין קליין שעפעלע,
וואָס ער האָט איר געקויפט,
געהאָדעוועט בײַ זיך,

איז זי בײַ אים געוואָקסן,
צוזאַמען מיט די קינדער
געגעסן פון זײַן ברויט,
געטרונקען פון זײַן בעכער,
געשלאָפן אין זײַן שויס
געווען ווי זײַנס אַ טאָכטער.
און איינמאָל קומט צום רײַכן
אַן אורח אויף אַ טאָג
איז אים אַ שאָד געווען
זײַן שאָף און רינד צו נעמען,
האָט ער די שעפּעלע
פון אָרימאַן געבראַכט זיך
און צוגעגרייט פון איר
אַ מאָלצײַט פאַרן אורח.
און דוד האָט געצערנט
אויף יענעם רײַכן מאַן
און האָט געזאָגט צום נביא:
אַזוי ווי גאָט לעבט, שווער איך,
אַז ער פאַרדינט דעם טויט!
און פאַר דער שעפּעלע
זאָל ער באַצאָלן פירמאָל!

זאָגט נתן דודן:
דו ביסט אַליין דער מאַן!
אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
איך האָב דאָך דיר געזאַלבט
צום קיניג אויף ישראל
געראַטעוועט פון שאולן
געגעבן דיר זײַן הויז,
און אויך די ווײַבער זײַנע
געגעבן אין דײַן שויס,
געגעבן אין דײַן האַנט
ישראל און יהודה.

און אויב ס'איז אַלץ דיר קנאַפּ
קען איך דיר נאָך פאַרמערן, —
פאַרוואָס האָסטו געשענדט,
פאַרשוועכט דעם וואָרט פון גאָט?
אוריה'ס ווײַב גערויבט
און אים מיט שווערד געטויט?
טאָ זאָל דער שווערד אויף אייביג
ניט מײַדן פון דײַן שטוב;
עס קומט אויף דיר אַ פּײַנט
אַ נאָנטער פון דײַן הויז;
נעמט צו בײַ דיר די ווײַבער,
באַשלאָפט זיי פאַר דער זון;
ווײַל דו האָסט דײַנס געטאָן
אין שטילקייט, אין פאַרבאָרג,
און איך טו פאַר דער זון
און פאַרן גאַנצן פאָלק.
זאָגט דוד נתנען:
„איך האָב צו גאָט געזינדיגט!"
און נתן זאָגט: דערפאַר
האָט גאָט דײַן זינד פאַרווישט,
דו וועסט פאַר איר ניט שטאַרבן;
נאָר דו האָסט גאָט געשענדט,
דעריבער מוז דאָס קינד,

וואָס זי געבוירט דיר, שטאַרבן.
און ס'איז אַזוי געשען.
ווי נאָר אוריה'ס ווײַב
האָט אים אַ קינד געבוירן,
איז ער געוואָרן שלאַף.
האָט דוד גאָט געבעטן,
געפּײַניגט זיך, געפאַסט,
געשלאָפן אויף דער ערד,
און ווען די עלצטע האָבן

אים אויפשטעלן געוואָלט,
איז ער ניט אויפגעשטאַנען,
קיין ברויט מיט זיי געגעסן.
צום טאָג צום זיבעטן,
איז ס'עופהלע געשטאָרבן.
און ס'האָבן דודס קנעכט
אים ניט געוואָלט דערציילן,
אַז ס'עופהלע איז טויט,
ווייל זיי האָבן געזאָגט:
ווען ס'האָט דאָס קינד געלעבט נאָך
האָט ער אונז ניט געפאָלגט
און אויפשטיין ניט געוואָלט,
ווי ווען מיר אים זאָגן:
„דאָס עופהלע איז טויט!"
ער וועט דאָך בייז טאָן זיך.
און דוד האָט געזען,
אַז ס'שושקען זיך די קנעכט,
האָט ער געפרעגט ביי זיי:
„געשטאָרבן"?—„יע געשטאָרבן!"
דערהערט, האָט ער די רגע
פון דרערד זיך אויפגעהויבן
געוואַשן זיך, געשמירט,
די קליידער אויסגעביטן,
געקומען אין גאָטס הויז,
געבוקט זיך דאָרט פאַר גאָט,
נאָכדעם אין שטוב געקומען,
געבעטן ברויט, געגעסן.
און ס'פרעגן אים די קנעכט:
ווי ביסטו זיך באַגאַנגען?
אַז ס'האָט דאָס קינד געלעבט,
האָסטו געפאַסט, געוויינט,
און אַז דאָס קינד איז טויט
האָסטו זיך אויפגעשטעלט
און האָסט דיין ברויט געגעסן?
און דוד ענטפערט זיי:
אַז ס'האָט דאָס קינד געלעבט,
האָב איך געפאַסט, געוויינט,
געהאָפט אויף גאָטס רחמנות,
ער זאָל אים לעבן לאָזן;
אַצינד אַז ס'קינד איז טויט
וואָס האָב איך נאָך צו פאַסטן?
צי ברייננג איך אים צוריק?
ניין, איך וועל גיין צו אים
און ער קומט ניט צו מיר!
און דוד האָט בת־שבען
געטרייסט, צו איר געקומען,
האָט זי אַ זון געבוירן,
אים אָנגערופן: שלמה.
האָט גאָט אים ליב געהאַט
און נתן איז געקומען,
אַ נאָמען אים געגעבן:
ידידיה — גאָטס געליבטער.

---

און אָט וואָס ס'איז נאָכדעם געשען:
עס האָט אבשלום, דודס זון,
געהאַט אַ שיינע שוועסטער, תמר;
האָט זיך פאַרליבט אין איר אַ צווייטער־
זון דודס, מיטן נאָמען אמנון.
ער איז פון ליבשאַפט קראַנק געוואָרן,
עס איז אים אָבער שווער געווען
צו טאָן זיין שוועסטער עפּעס שלעכטס.
און אמנון האָט געהאַט אַ חבר, —
אַ זון פון שמעה, דודס ברודער, —
יונדב, גאָר אַ קלוגער יונג.

האָט ער דערזען, אַז אמנון ווערט
פון טאָג צו טאָג אַלץ מאָגערער,
האָט ער געפרעגט: וואָס איז מיט דיר?
דערצייל דיין לייד מיר קיניג - זון!
זאָגט אמנון אים: איך בין פאַרליבט
אין תּמרן, אבשלומס שוועסטער!
זאָגט אים יונדב: מאַך זיך קראַנק,
ווערסטו זיך לייגן אויף דיין בעט,
דיין פאָטער קומט באַזוכן דיך,
זאָגסטו אים: זאָל נאָר תּמר קומען
און זאָל מיר צוגרייטן אַ שפּייז
וועל איך עס עסן פון איר־ האַנט,
און אמנון האָט אַזוי געטאָן,
געמאַכט זיך קראַנק און זיך געלייגט
און אַז זיין פאָטער איז געקומען
זאָגט אמנון אים: זאָל תּמר קומען
און זאָל מיר צוגרייטן אַ שפּייז
וועל איך עס עסן פון איר האַנט.
האָט דוד תּמרן געשיקט
איז זי געקומען צו איר ברודער,
ווען ער איז אויפן בעט געלעגן,
גענומען טייג, געקנאָטן שפּייז
און אויסגעבאַקן קיכעלעך
און אין דער פאַן פאַר אים געשטעלט.
און ווי זי האָט עס אים דערלאַנגט,
און קיינער איז דאָרט ניט געווען,
האָט ער געכאַפּט איר און געפּייניקט,
און באַלד נאָכדעם איר פיינט געקריגן
און איר געזאָגט: „שטיי אויף און גיי!”
האָט זי געזאָגט: פאַרשעם מיך ניט
און טרייב מיך ניט אַרויס פון דיר!
האָט ער זיין דינער - יונג גערופן,
געהייסן איר אַרויסוואַרפן
און הינטער איר די טיר פאַרשליסן,
האָט זי איר קאָפּ מיט אַש פאַרשאָטן,
איר זיידן העמדעלע צוריסן,
געלייגט די הענט זיך אויפן קאָפּ,
אַזוי געגאַנגען און געשריען.
און ס'האָט געזאָגט צו איר אבשלום:
צי אמנון איז מיט דיר געווען?
דו שווייַג אַצינד, דיין ברודער איז ער;
מאַך ניט קיין וועזן פון דער זאַך!
און תּמר איז געבליבן זיצן
אַן עלנטע אין ברודערס הויז.
און דוד האָט עס אַלץ געהערט,
און ס'האָט געברענט אין אים דער צאָרן.
אבשלום האָט מיט אמנונען
קיין וואָרט גערעדט, ניט גוט, ניט שלעכט.
אין צוויי יאָר שפּעטער האָט אבשלום
געמאַכט אַ שער - מאַלצייט ביי זיך
האָט ער געבעטן אויפן מאַלצייט
דעם קיניג מיט די קנעכט צוזאַמען.
זאָגט דוד אים: צו וואָס, מיין זון,
באַשווערן דיר מיט געסט אַ סך?
אבשלום ענטפערט: אויב אַזוי,
זאָל גיין מיט אונז מיין ברודער אמנון!
האָט ער דעם קיניג שטאַרק געבעטן,
ביז ער האָט אמנונען געשיקט
צוזאַמען מיט די זין פון קיניג.
און ס'האָט אבשלום אָנגעזאָגט
די יונגען זיינע: ווי איר זעט,
אַז אמנון איז שוין אָנגעשיכורט,
וועל איך אייך זאָגן: „שלאָגט אים טויט!”
זאָלט איר אים טויטשלאָגן אָן פאַרכט!

איך היים אייך, זייט שטאַרק און העלדיש
די יונגען האָבן אים געפאָלגט
און אמנונען געשלאָגן טויט
און ס'האָבן אַלע זין פון קיניג
געזעצט זיך אויף די אייזעלעך
אַוועקגעריטן און אַנטלאָפן.
און אַז דער קיניג האָט געהערט,
אַז אמנון איז געשלאָגן טויט,
האָט ער צוריסן זיינע קליידער,
געלייגט זיך אויף דער ערד אין טרויער,
און ס'זיינען אויך די קנעכט אַרום
געשטאַנען מיט צופליקטע קליידער.
באַלד זיינען אויך דעם קיניגס זין
געקומען און אַלץ אויסדערציילט,
האָט דער געוויין נאָכמער געשטאַרקט זיך,
און ס'האָבן אַלע קנעכט געטרויערט.
אבשלום אָבער איז אַנטלאָפן,
אַוועק צו תּלמי, קיניג גשורס
און דאָרט פאַרבליבן דריי יאָר צייט.
האָט קיניג דוד זיך פאַרבענקט, —
געוואָלט אַרויסגיין צו אבשלום —
געטרייסט זיך שוין אויף אמנונס טויט.

---

און יואב האָט פאַרשטאַנען, אַז
דער קיניג בענקט שטאַרק נאָך אבשלום,
האָט ער געשיקט אין שטעטל תּקועה
געבראַכט פון דאָרט אַ קלוגע פרוי,
געזאָגט איר: מאַך זיך טרויערן,
באַקלייד זיך ווי אַן אבלטע
און זאָלסט מיט בוימל זיך ניט שמירן,
זאָלסט אויסזען, ווי אַ פרוי, וואָס קלאָגט
אַ לאַנגע צייט שוין נאָך אַ טויטן,
און קום צום קיניג, רייד צו אים,
וואָס איך וועל דיר פאַנאַנדערזאָגן.
און ס'איז די פרוי די תּקועישע
געקומען, וויינענדיג, צום קיניג,
פאַר אים געפאַלן אויפן פּנים,
געבוקט זיך און געוויינט: העלף, קיניג!
דער קיניג פרעגט איר: וואָס איז דיר?
זאָגט זי אים: איך בין אַן אלמנה,
קיין מאַן ניטאָ, פאַראַן צוויי זין,
און ס'האָבן זיך די זין צוקריגט
אין פעלד, ניטאָ קיין אָפּהאַלטער,
האָט איינער אויפן אַנדערן
געוואָרפן זיך, אים טויט געשלאָגן,
איז די משפחה אָנגעשטאַנען,
איך זאָל דעם זון אַרויסגעבן,
אים טויטן פאַר זיין ברודערס לעבן
פאַרטיליגן מיין לעצטן יורש,
די לעצטע קויל מיינע פאַרלעשן
און נאָך מיין מאַן זאָל מער ניט זיין
קיין נאָמען און קיין איבערבלייב!
זאָגט איר דער קיניג: גיי אַהיים,
און איך וועל וועגן דיר באַפוילן.
זאָגט אים די פרוי: אויב איך זאָג פאַלש,
זאָל פאַלן אויף מיין קאָפּ די שולד
און אויף מיין גאַנצער הויזגעזינד —
דער קיניג און זיין טראָן בלייבט ריין.
זאָגט איר דער קיניג: גיי אַהיים,
אויב עמיץ רעדט, בריינג אים צו מיר,
וועט ער ניט אָנרירן דיין זון!
זאָגט אים די פרוי: געדיינק, אַ קיניג,
זאָל נאָר דער בלוט־פריינט ניט פאַרדאַרבן
און ניט פאַרטיליגן מיין זון!

זאָגט איר דער קיניג: כ'שווער ביי גאָט,
אויב ס'פאַלט פון דיין זונס קאָפּ אַ האָר!
זאָגט אים די פרוי: דערלויב דיין דינסט
אַ וואָרט צו זאָגן! זאָגט ער: רייד!
די פרוי זאָגט: און פאַרוואָס מיינסטו
דאָסזעלביגס אויפן פאָלק פון גאָט?
פאַרוואָס זאָלסטו אַליין זיין שולדיג,
ניט ברײנגען דעם פאַרשטויסענעם?
מיר וואָלטן אַלע דאָך צושטאָרבן,
ווי וואַסער וואָלטן מיר צורונען,
ווען גאָט זאָל ניט רחמנות האָבן,
ניט שוינען דעם פאַרשטויסענעם!
און ס'האָט דער קיניג איר געזאָגט:
איך וועל דיר פרעגן: לייקן נאָר ניט:
צי שטעקט ניט יואבס האַנט דערין?
זאָגט זי: איך שווער ביים קיניגס לעבן,
אַז ווי דו זאָגסט, אַזוי איז עס:
ס'האָט יואב מיר אַזוי באַפוילן,
די ווערטער אין מיין מויל געלייגט.
האָט דוד יואבן געזאָגט:
איך וויל דערפילן דיין פאַרלאַנג,
גיי, ברײנג צוריק דעם יונג אבשלום.
האָט יואב זיך געבוקט צום קיניג,
געקניט פאַר אים און אים געבענטשט
און האָט געזאָגט: איצט ווייס דיין קנעכט
אַז איך האָב חן ביי דיר געפונען.
און יואב האָט פון גשור געבראַכט
אבשלומען קיין ירושלים.
און ס'האָט דער קיניג אָנגעזאָגט:
זאָל ער אַוועק צו זיך אין שטוב
און זאָל ניט אָנקוקן מיין פּנים.
איז ער אַוועק צו זיך אין שטוב,
ניט אָנגעקוקט דעם קיניגס פּנים,
און ניט געווען איז ווי אבשלום,
אַזאַ פאַרשוין! אין גאַנץ ישראל
פון פוס ביז שייטל אָן אַ פעלער
און אַז ער פלעגט איינמאָל אין יאָר־
זיך אָפּשערן די שווערע האָר,
פלעגט ער די האָר זיך אָפּוועגן:
צוויי הונדערט שקל פולע וואָג.
איז ער צוויי יאָר אין ירושלים
געזעסן, ניט געזען דעם פאָטער.
נאָכדעם האָט ער צו יואבן
געשיקט, ער זאָל צום קיניג גיין.
האָט יואב ניט געוואָלט זיך ווייזן,
האָט ער אַ צווייטן מאָל געשיקט,
איז יואב ווידער ניט געקומען.
האָט ער געזאָגט צו זיינע קנעכט:
זעט יואבס פעלד, וואָס לעבן מיינער,
ער האָט דאָרט גערשטן טרוקענע;
גייט, צינדט אַ פייער אָן אין פעלד,
און זאָל פאַרברענט ווערן די תבואה!
אַזוי האָבן די קנעכט געטאָן.
קומט יואב, פרעגט אבשלומען:
פאַרוואָס האָבן די קנעכט פאַרברענט
מיין פעלד מיט גערשטן אינם פייער?
האָט אים אבשלום אָפּגעענטפערט:
איך האָב געשיקט צוויי מאָל דיך רופן,
דו זאָלסט צום קיניג גיין און זאָגן:
וואָס האָט ער מיך אַהער געבראַכט,
איך זאָל ניט אָנקוקן זיין פּנים?
אויב כ'האָב אַ זינד, זאָל ער מיך טויטן!
און יואב איז אַוועק צום קיניג
און אים געבעטן פאַר אבשלום,

האָט שוין דער קיניג אים גערופן,
איז ער געקומען, זיך געבוקט,
געפאַלן אויף דער ערד פאַר אים,
און ס'האָט דער קיניג אים געקושט.

---

נאָכדעם האָט אבשלום געמאַכט זיך
קאַרעטן געשפּאַנטע מיט פערד,
מיט פינף צענדליק לויפערס פון פאָרנט.
פלעגט אויפשטיין אבשלום גאַנץ פרי,
זיך שטעלן ביים איינגאַנג אין טויער,
און ווען עס האָט עמיץ צום קיניג
א לאָדעניש, פלעגט אים אבשלום
אַלץ פרעגן: פונוואַנען? נאָך וואָס?
נאָכדעם פלעגט ער זאָגן: הער אויס,
דיין וואָרט איז גערעכט און גאַנץ קלאָר,
נאָר ווער וועט ביים קיניג דיך הערן?
און ווידער פלעגט זאָגן אבשלום:
ווער מאַכט מיך פאַר ריכטער אין לאַנד,
צו מיר זאָל מען קומען זיך לאָדן;
וועל איך מיט גערעכטיגקייט ריכטן.
אַז עמיצער בוקט זיך פאַר אים,
פלעגט ער צו אים שטרעקן זיין האַנט
און האַלטן אים פעסט און אים קושן.
אַזוי האָט אבשלום געטאָן
מיט אַלע וואָס קומען צום קיניג —
געגנבעט די הערצער ישראלס.
און פערציק יאָר אַלט, זאָגט ער איינמאָל
צום קיניג: כ'וועל גיין און באַצאָלן
אין חברון מיין נדר צו גאָט,
וואָס איך האָב גענדרט אין גשור,
אַז אויב גאָט וועט ברענגען אַמאָל
מיך קיין ירושלים צוריק,
וועל איך גיין קיין חברון אים דינען.
דער קיניג זאָגט אים: גיי אין שלום!
און ער האָט געלאָזט זיך קיין חברון.
און ער האָט מרגלים געשיקט,
צו זאָגן די שבטים ישראלס:

ווען איר הערט א קול פון א שופר,
זאָלט איר זאָגן איינער דעם צווייטן:
„אבשלום איז קיניג אין חברון!"
און ס'זיינען מיט אים אויך געגאַנגען
צוויי הונדערט געסט פון ירושלים
פאַרבעטענע בלויז אויף א יום־טוב,
און האָבן קיין זאַך ניט געוואוסט.
און שעכטנדיק דאָ די קרבנות,
האָט ער אחיתופלען פון גילה,
דעם שטענדיקן ראַטגעבער דודס,
געשיקט צו די שבטים ישראלס,
איז שטאַרקער געוואָרן דער בונט,
דער פאָלק ביי אבשלום—אַלץ גרעסער.
איז איינער צום קיניג געקומען,
געזאָגט: ס'גייט דער פאָלק נאָך אבשלום.
האָט דוד געזאָגט צו די קנעכט:
קומט לאָמיר אַנטלויפן פונדאַנען,
זיך ראַטעווען גיך פון אבשלום,
ווייל כאַפּט ער אונז, שלאָגט ער די שטאָט
און וועט אויף אונז ברענגען דאָס בייז.
און ס'ענטפערן אים זיינע קנעכט:
קלייב אויס, האַר, צו טאָן וואָס דו ווילסט
און מיר, דיינע קנעכט, זיינען גרייט.
איז דוד דער קיניג אַרויס
צופוס מיט זיין גאַנצער געזינד, —
געלאָזט בלויז די צען קעבסווייבער,
צו זיין דאָרט און היטן די שטוב, —

דער פאָלק איז געגאַנגען נאָך אים,
דער כּרתי און פּלתי, און גתּים,
אַ זעקסהונדערט מאַן, גייען פאָרנט.
דער קיניג זאָגט אתּי דעם גיתּי:
צו וואָס זאָלסטו אויך גיין מיט אונז?
צוריק גיי און זיץ מיטן קיניג,
דו ביסט דאָך אַ פרעמדער אין לאַנד,
ערשט נעכטן געקומען און היינט שוין
זיך שלעפּן מיט אונז אין דער פרעמדס?
איך גיי וואו איך גיי, אָבער דו
און אויך דיינע ברידער — צוריק גייט!
האָט אתּי דעם קיניג געענטפערט:
איך שווער ביי דיין לעבן, האַר קיניג,
אַז וואו מיין האַר - קיניג וועט זיין,
אויף טויט און אויף לעבן, וועל איך זיין!
נאָר דוד שרייט אוים: גיי צוריק!
איז אתּי אַוועק מיט זיין מחנה
און מיט זיין געזינדל דער גאַנצער.
און ס'האָבן די מענטשן געיאָמערט,
ווען ס'איז קיניג דוד נעגאַנגען
אַן שפּיץ פונעם פאָלק אין דער מדבר
און צדוק מיט אַלע לוויים —
זיי טראָגן דעם ארון פון גאָט.
זאָגט דוד צו אים: פיר אַוועק
דעם ארון אין שטאָט ירושלים,
אויב איך וועל ביי גאָט האָבן חן,
וועט ער מיך נאָך בריינגען צוריק
און ווידער מיר ווייזן זיין וואוינונג;
און אויב ער וועט מיך ניט געלוסטן,
זאָל ער מיט מיר טאָן וואָס ער וויל.
איז צדוק אַוועק, אויך אביתר,
צוזאַמען אויך זייערע זין,
יונתן דער זון פון אביתר
און אויך אחימעץ, זון צדוקס.
און דוד גייט ווייטער און וויינט,
דער קאָפּ איז באַדעקט, די פיס באָרוועס,
דער פאָלק מיט אים גייט אויך און וויינט,
דער קאָפּ באַדעקט און די פיס באָרוועס
ארויף אויפן שפּיץ פון אַ באַרג,
דערזעען זיי חושי פון ארך,
אויף קאָפּ ערד, זיין העמדל צופליקט.
זאָגט דוד: צו וואָס זאָלסטו גיין
און פאַלן אויף מיר ווי אַ משא?
גיי בעסער צוריק צו אבשלום
און בוק זיך צו אים, ווי צום קיניג,
און זיי אים געטריי, ווי אַ קנעכט,
און זאָלסט דאָרט צושטערן די עצה,
וואָס ס'וועט אחיתופל אים געבן.
פאַראַן דאָרט אביתר און צדוק,
איז וואָס דו וועסט הערן ביים קיניג
זאָלסטו איבערגעבן זיי ביידן —
זיי וועלן דורך זייערע זין,
יונתן און אויך אחימעץ,
דערציילן אונז אַלץ, וואָס געהערט.
איז חושי אַוועק צו אבשלום,
אַריין מיט אים קיין ירושלים.

---

און דוד איז אַראָפּ פון באַרג - שפּיץ
און אָט אַנטקעגן וואַנדערט ציבא,
דער קנעכט פון מפיבושת, אויף
אַן אייזלען - פּאָר באַלאָדענע
מיט לעבלעך ברויט און ראָזשינקעס
און פייגן טרוקענע און וויין.
פרעגט דוד ציבא'ן: וואָס איז דאָס?

און ציבא ענטפערט דודן:
די אייזלען פאַר דער הויזגעזינד
פון קיניג, צו באַרייטן זיי,
די ברויט און פייגן פאַר די יונגען,
צום עסן, ווער ס'איז הונגעריג,
און וויין פאַר די פאַרמאַטערטע,
צו טרינקען אין דער וויסטעניש.
פרעגט דוד אים: וואו איז דיין האר?
זאָגט ציבא: זיצט אין ירושלים
און וואַרט, מ'זאָל די קרוין אים ברייגגען,
זאָגט דוד: אַלץ, וואָס מפיבושת
פאַרמאָגט, געהערט אַצינד צו דיר.
און ציבא זאָגט: איך האָב געקניט,
געפונען חן ביי דיר, מיין קיניג!
און ס'קומט דער קיניג קיין בחורים
און ס'איז פון דאָרט אַ מאַן ארויס,
פון דער משפחה שאולס, שמעי,
אַרויסגעגאַנגען און געשאָלטן,
באַוואָרפן דודן מיט שטיינער
און אַלע דודס קנעכט און העלדן
פון רעכטער זייט און לינקער זייט.
און אָט אַזוי האָט ער געשאָלטן:
אַוועק! אַוועק! דו בלוטיגער!
אַוועק! דו נידערטרעכטיגער!
גאָט צאָלט דיר אָפּ פאַר שאולס בלוט,
וואָס דו ביסט קיניג אויף זיין אָרט;
איצט איז דיין זון אבשלום קיניג
און דו מוזט ליידן פאַר דיין זינד,
דו בלוט - דאָרשטיגער מאַן!
און ס'זאָגט אבישי, צרויה'ס זון:
צו וואָס זאָל אָט דער הונט, דער פגר,
מיין האר, דעם קיניג שילטן איצט?
איך גיי און שנייד אים אָפּ דעם קאָפּ!
זאָגט דוד: וואָס האָט איר צו מיר.
איר צרויה'ס קינדער? אויב ער שילט מיר,
האָט גאָט עס אים אַזוי געהייסן!
אָט איז מיין זון מיין לייבלעכער
געוואָרן מיר אַ בלוט - שונא,
און דער איז דאָך פון שאולס לייט!
טאָ לאָזט אים גיין, און זאָל ער שילטן!
ווער אפשר גאָט דערזען מיין פּיין
און מיר פאַרגיטיגן אַמאָל
פאַר אָט דער קללה היינטיגס טאָג!
און דוד איז אַוועק אין וועג,
און שמעי גייט ביים זייט פון באַרג,
אַנטקעגן אים, און שילט אים אַלץ
און וואַרפט מיט שטיינער, שיט מיט ערד.
און ווען דער קיניג וואַנדערט דאָ
מיט פאָלק אין פּיין און מאַטערניש,
האָט דאָרט אבשלום מיט זיין פאָלק
אין ירושלים זיך געקוויקט,
און חושי ארכי, דודס פריינט
איז צו אבשלומען געקומען,
געשריען: לעבן זאָל דער קיניג!
זאָגט אים אבשלום: אָט אַזוי
טוסטו עס חסד מיט דיין חבר?
וואָס ביסטו ניט מיט אים געגאַנגען?
זאָגט חושי: ניין, נאָר וועמען ס'האָט
גאָט אויסדערוויילט און גאַנץ ישראל,
צו אים בין איך אַצינד געקומען;
און ווידער וועמען דין איך איצט?
ס'איז דאָך זיין זון זיין לייבלעכער —
אַזוי ווי כ'האָב געדינט דיין טאַטן,
אַזוי וועל איך פאַר דיר איצט זיין!

און ס'זאָגט אבשלום אחיתופלען:
גיב נאָר אַן עצה, וואָס צו טאָן!
זאָגט אחיתופל צו אבשלום:
קום צו די קעבסווייבער דיין טאַטנס,
וואָס ער האָט דאָ געלאָזט אין פּאַלאַץ,
און אַז ס'וועט גאַנץ ישראל הערן,
אַז דו האָסט זיך פאַרמיאוסט ביים טאַטן,
וועט זייער מוט געפעסטיגט ווערן.
אבשלום האָט אַזוי געטאָן,
געלאָזט זיך אַ געצעלט פאַרשפּרייטן
דאָרט אויפן דאַך פון טאַטנס פּאַלאַץ,
איז צו די קעבסווייבער אַריין —
און ס'האָט דער גאַנצער פאָלק געזען.
און אחיתופל האָט געזאָגט
אבשלומען: לאָמיר נאָר נעמען
צוועלף טויזנט מאַן באַוואָפנטע
און יאָגן דודן ביינאַכט,
כ'וועל פּלוצים אָנפאַלן אויף אים,
ווען ער איז מיד און אָפּגעשוואַכט,
און ס'וועט דער גאַנצער פאָלק אַנטלויפן,
וועל איך דעם קיניג טויטשלאָגן —
דעם מענטשן, וועלכן דו פאַרלאַנגסט —
און שפּעטער וועט דער גאַנצער פאָלק
זיך אומקערן צו דיר אין פרידן.
אבשלום רופט אויך חושי ארכּי
דערציילט אים אחיתופלס עצה
איז אים די עצה ניט געפעלן:
ניט צוועלף טויזנט און ניט ביינאַכט,
ניט איבערשרעקן דודס מחנה;
נאָר גאַנץ ישראל איינזאַמלען,
ווי זאַמד וואָס אויפן ברעג פון ים, —
און זאָל אבשלום גיין אין שלאַכט, —
און אָנפאַלן אויף דודן,
ווי ס'פאַלט אַ טוי אַראָפּ אויף ערד
און טויטשלאָגן די גאַנצע מחנה
קיין איינציגער זאָל ניט פאַרבלייבן
און אויב זיי קומען אין אַ שטאָט,
כּדי פון אונז זיך דאָרט באַשיצן,
זאָל מען אַריבערוואַרפן שטריק,
די ווענט צונעמען איינציגנווייז,
קיין שטיינדעלע ניט איבערלאָזן,
און אַלעמען אין טייך פאַרשלעפן.
און חושי ארכּי'ס עצה איז
געפעלן מער ווי אחיתופלס:
נאָר חושי האָט באַפוילן באַלד
צו צדוק און אביתר, אַז
ס'זאָל דוד דאָרט ניט נעכטיגן,
ווייל ס'איז זיין לעבן אין סכּנה.
האָט מען געשיקט אַ דינסטמיידל
צו אחימעץ און יונתן,
זיי זאָלן דודן דערציילן,
ווייל זיי האָבן דאָך ניט געקענט
אין ירושלים זיך באַווייזן.
דערווייל האָט זיי אַ יונג דערזען,
האָט ער אבשלומען דערציילט,
און זיי זיינען אויף גיך געלאָפן
און אָנגעקומען קיין בחורים,
אַריין צו איינעם אין אַ שטוב,
וואו ס'איז אַ ברונים אויפן הויף,
און זיי זיינען אַראָפּ אין ברונים,
און ס'האָט די פרוי פאַרשפּרייט אַ דעקע,
באַשאָטן איר געדיכט מיט גרויפּן,
איז קיין זאַך ניט געווען צו זען.
און אַז די קנעכט אבשלומס זיינען

אריינגעקומען און געפרעגט,
וואו איז אחימעץ און יונתן?
האָט זיי די פרוי געזאָגט: אריבער
דעם וואַסער - שטרוים אין יענער זייט.
האָט מען געזוכט און ניט געפונען
און באַלד אַוועק צוריק אַהיים.
און זיי זיינען ארויס פון ברונים,
אַוועק צום קיניג און געזאָגט:
שטייט אויף און גייט אַוועק פונדאַנען,
ווייל אחיתופל האָט געעצהט
באַפאַלן אייך אינמיטן נאַכט.
און אחיתופל האָט געזען,
אַז ס'ווערט זיין עצה ניט געטאָן,
האָט ער זיין אייזל אָנגעזאָטלט,
אַוועקגעריטן אין זיין הויז
און אַ צוואה אָנגעשריבן,
זיך אויפגעהאַנגען און געשטאָרבן.
און דוד קומט אין שטאָט מחנים,
אבשלום יאָגט אים דורכן ירדן
און שטעלט זיך אָפּ אין לאַנד פון גלעד.
און ווי ס'קומט דוד קיין מחנים,
האָט מען געבראַכט אים און זיין חייל
געלעגערס, בעטגעוואַנט און כלים,
און ווייץ און גערשטן, מעל און זאַנגען,
און אַרבעס, לינזן, האָניג, פּוטער
און קעז פון שאָף, און קעז פון רינדער
ווייל זיי האָבן געזאָגט: דער פאָלק
איז הונגעריג און מאַט און דאָרשטיג
פון לאַנגן וואַנדערן אין מדבר.

---

און דוד האָט געציילט זיין פאָלק
און עלצטע איבער אים באַשטימט
אויף טויזנטער און הונדערטער,
און איבער אַלע — הויפּטלייט דריי
געשטעלט, די זין פון צרויה: יואב,
אבישי און אתי דער גיתי.
דער קיניג האָט געזאָגט צום פאָלק:
„איך וועל אַרויסגיין גלייך מיט אייך"
האָט אָבער אים דער פאָלק געענטפערט:
זאָלסט ניט אַרויסגיין גלייך מיט אונז;
אויב מיר אַנטלויפן פונם שלאַכט־פעלד,
נעמט קיינער זיך עס ניט צום האַרצן,
און אויב מיר ווערן טויטגעשלאָגן,
נעמט קיינער זיך עס ניט צום האַרצן;
ביסט דאָך ווי צענטויזנט פון אונז!
איז בעסער, זאָלסט אין שטאָט פאַרבלייבן
און אונז פון דאָרטן שיקן הילף.
דער קיניג זאָגט: כ'טו ווי איר ווילט.
איז ער געבליבן שטיין ביים טויער,
און ס'איז דער פאָלק פאַרבייגעגאַנגען
אין הונדערטער און טויזנטער.
און ס'האָט דער קיניג אָנגעזאָגט
די הויפּטלייט און די עלצטע אַלע:
„פאַמעלעך מיטן יונג אבשלום!"
און ס'איז דער פאָלק אַרויס אין פעלד,
האָט די מלחמה זיך צופלאַקערט
אין וואַלד אפרים יענעם טאָג,
ישראל איז צוקלאַפּט געוואָרן
פאַר דודס קנעכט אַ שווערן קלאַפּ,
אין איין טאָג צוואַנציג טויזנט מאַן.
און ס'האָט דער וואַלד דעם פאָלק געפרעסן
נאָכמער, ווי ס'האָט דער שווערד געשלאָגן
און ס'איז אבשלום אָנגעלאָפן
אין וואַלד, אַנטקעגן דודס קנעכט,

אויף זיין מויל ־ אייזל רייטנדיג;
און ס'איז דער אייזל אין געצוויג
פון אַ געדיכטן ליפּע ־ בוים
אַריינגעקראָכן, און אבשלום
האָט מיט די האָר זיך דאָרט פאַרפּלאָכטן,
געבליבן הײנגען אין דער לופטן, —
דער אייזל איז פאַרבייגעלאָפן.
האָט עמיץ יואבן דערציילט:
„דאָרט הײנגט אבשלום אויף דער ליפּע!"
און יואב זאָגט צו יענעם מאַן:
האָסטו געזען אים הײנגענדיג,
פאַרוואָס אים באַלד ניט טויטגעשלאָגן?
איך וואָלט דאָך דיר דערפאַר געגעבן
צען זילבערטאַלער און אַ גאַרטל!"
זאָגט־אים דער מאַן: און ווען דו וועגסט
מיר אויפן האַנט אַ טויזנטער
וועל איך דעם קיניגס זון ניט טויטן,
ווייל כ'האָב געהערט דעם קיניגס אָנזאָג
צו אַלע עלצטע און די הויפּטלײט:
„פּאַמעלאַך מיטן יונג אבשלום!" —
זאָל איך עס שפּעטער לייקענען?
דער קיניג וועט עס באַלד דערגיין,
און דו וועסט בלייבן שטיין פון ווייטנס.
און יואב האָט געכאַפּט דריי ריטער,
אַוועקגעלאָפן צו אבשלום,
געטראָפן אים נאָך לעבעדיג
און אים אין האַרצן און אין בוים
די ריטער דריי אַריינגערוקט.
און זיינע וואָפנטרעגערס צען
פאַרקלײבן זיך אַרום דעם בוים
און שלאָגן טויט אבשלומען.
און יואב האָט געבלאָזן שופר

און ס'האָט דער פאָלק זיך אומגעקערט
פון נאָכיאָגן ישראלן.
מ'האָט אבשלומען גענומען,
געוואָרפן אים אין וואַלד, אין גרוב,
פאַרלייגט אים מיט אַ הויפן שטיינער
און גאַנץ ישראל איז אַנטלאָפן
אַ יעדערער אין זיין געצעלט.
אבשלום האָט נאָך ביי זיין לעבן
אַוועקגעשטעלט זיך אַ מצבה
אין קיניג ־ טאָל צום אָנדיינק זיינעם,
געזאָגט: „איך האָב קיין זון דאָך ניט;
זאָל די מצבה זיין מיין אָנדיינק".
מ'רופט איר הײַנט נאָך: „יד אבשלום",
נאָר ער איז ניט באַגראָבן דאָרט.
און ס'איז אַ כושי ־ יונג געלאָפן
דעם קיניג אָנזאָגן די בשורה,
נאָך אים אויך אחימעץ צדוק'ס,
וואָס איז פאַרלאָפן פאַרן כושי.
און דוד זיצט דאָרט לעבן טויער,
וואו ס'שטייט אַ וועכטער און קוקט אויס.
רופט אויס דער וועכטער: כ'זע אַ מאַן
לויפט איינזאַם אויפן וועג אַהערצו
דער קיניג ענטפערט: אויב אַליין,
טראָגט ער געוויס פאַר אונז אַ בשורה!
רופט אויס דער וועכטער: כ'זע אַ צווייטער
לויפט הינטער יענעם אויפן וועג.
דער קיניג זאָגט: אויך יענער איז
געוויס אַן אָנזאָגער פאַר אונז!
און אחימעץ איז געקומען,
געקניט צום קיניג אויף דער ערד
געזאָגט: שלום, געלויבט איז גאָט,
דער שונא איז שוין אין דיין האַנט!

דער קיניג פרעגט: וואָס מאַכט אבשלום?
זאָגט אחימעץ: כ'האָב געזען —
לויפט אַ המון — און דיין קנעכט יואב
האָט מיך געשיקט—איך ווייס ניט וואָס.
זאָגט דוד: שטעל זיך אָן אַ זייט.
און אָט דער כּושי קומט צולויפן
און זאָגט: מיין האַר, הער צו די בּשורה:
גאָט האָט געמשפּט דיינע שונאים,

דער קיניג פרעגט: וואָס מאַכט אבשלום?
דער כּושי ענטפערט: אַזאַ סוף
אויף אַלע דיינע פיינט געזאָגט!
איז דוד, אַ פאַרציטערטער,
אַרויף אין גאָרן פונם טויער
און וויינענדיג אַזוי געזאָגט:
„מיין קינד אבשלום, קינד מיינער,
זאָלט איך געשטאָרבּן אָנשטאָט דיר
מיין קינד אבשלום, קינד מיינער!״
אין יענעם טאָג איז שוין די הילף
געווען דעם גאַנצן פאָלק פאַרשטערט,
ווייל דוד טרויערט אויף זיין זון.
און אַלע האָבּן זיך געגנבעט,
אַריינצוקריגן זיך אין שטאָט,
ווי ס'גנבעט זיך, פאַרשעמט, אַ פאָלק,
אַנטלויפנדיג פון אַ מלחמה.

און יואב איז אַריין צום קיניג
און אים געזאָגט: האָסט דאָך פאַרשעמט
די קנעכט, וואָס ראַטעווען דיך היינט,
דיך מיט די זין און מיט די טעכטער,
מיט ווייבּער און מיט קעבּסווייבּער,
ווייל דו האָסט ליבּ די שונאים דיינע
און דיינע פריינט האָסטו גאָר פיינט.
עס איז בּיי דיר קיין קנעכט און עלצטע
וואָלסט בּעסער זען אונז אַלע טויטע„
אַבּי אבשלום בּלויז זאָל לעבּן!
גיי שוין און רעד מיט דיינע קנעכט;
אַז ניט, שווער איך בּיי גאָט, אַז קיינער
וועט ניט פאַרבּלייבּן דאָ מיט דיר,
און דאָס וועט זיין דיין ערגסטע צרה,
פון יוגנט אָן בּיז היינטיגם טאָג!
איז קיניג דוד אויפגעשטאַנען,
אַוועקגעזעצט זיך דאָרט אין טויער,

און אַז דער פאָלק האָט עס דערהערט„
פאַרזאַמלען אַלע זיך בּיים קיניג.
און אויך ישראלס שבטים זאָגן:
דער קיניג דוד האָט אונז דאָך
געראַטעוועט פון אַלע שונאים;
אַצינד איז ער פון לאַנד אַנטלאָפן,
אבשלום איז אין שלאַכט געשטאָרבּן;
פאַרוואָס - זשע זאָלן מיר נאָך שווייגן„
ניט אומקערן צו אונז דעם קיניג?
און קיניג דוד האָט געשיקט
די כּוהנים אביתר, צדוק
צו אַלע עלצטע פון יהודה
און זיי האָבּן אַזוי געזאָגט:
איר זיינט דאָך נאָנטע פריינט דעם קיניגס„
אָט איז דער וואָרט פון גאַנץ ישראל
געקומען שוין צום קיניג דוד, —
פאַרוואָס זאָלט איר די לעצטע זיין?
זיי האָבּן אויך געזאָגט עמשא'ן:
דער קיניג האָט בּיי גאָט געשוואוירן„
אַז ער וועט דיך, זיין בּיין און פלייש„
צום הויפּטמאַן אויף זיין חייל מאַכן.
האָט גאַנץ יהודה, ווי איין מאַן,
דעם קיניג מיט זיין חייל פאַרבּעטן„

איז ער געקומען ביזן ירדן,
און אלע גייען אים אנטקעגן,
דעם ירדן אים אדורכצופירן.
און שמעי, דער וואס פון בחורים,
איז אויך מיט אלעמען געגאנגען,
אויך ציבא, מפיבושת'ס דינער,
מיט זיינע זין און זיינע קנעכט,
און טויזנט מאן פון שטאם בנימין —
געגאנגען אויפנעמען דעם קיניג.
און ווי דער קיניג איז פארביי,
איז שמעי אויף די קני געפאלן,
געזאגט: מיין האר, דערמאן מיר ניט
מיין שווערע זינד פון יענעם טאג,
ווען ביסט ארוים פון ירושלים;
אט בין איך דאך אצינד דער ערשטער
פון יוספס הויז צו דיר געקומען!..
אבישי האט געזאגט דעם קיניג:
צי אט דערפאר זאל ער ניט שטארבן
פאר שילטן דאמאלס גאטס געזאלבטן?
זאגט דוד: וואס ווילט איר פון מיר,
איר צרויה'ס זין? זאל איך היינט לאזן
א מענטשן טויטן אין ישראל,
היינט, ווען איך בין צוריק געווארן
דער קיניג איבער גאנץ ישראל?
און ער האט שמעי'ן צוגעשוואוירן,
אז ער וועט אים ניט לאזן טויטן.
און מפיבושת, שאולס זון,
איז אויך ארוים אנטקעגן קיניג —
און ער האט יענע גאנצע צייט,
פון קיניגס אפגאנג ביז זיין קומען,
ניט זיינע פיס צורעכט געמאכט
און ניט זיין בארד ארומגעשוירן

און ניט געוואשן זיינע קליידער —
און אז ער איז אצינד געקומען,
פרעגט אים דער קיניג: זאג פארוואס
ביסט דאמאלס ניט מיט מיר געגאנגען?
זאגט מפיבושת: האר און קיניג,
עס האט מיין דינער מיך גענארט;
איך האב געוואלט מיין אייזל זאטלען
און זעצן זיך און גיין צום קיניג, —
ווייל הינקעדיג איז דאך דיין קנעכט,—
איז ער אליין אוועק צו דיר
און האט באַרעדט מיך פאר מיין האר,
און דו ביסט קלוג דאך, ווי גאטס מלאך,
טא מאך אליין ווי דיר געפעלט!
האט דאך מיין טאטנס הויזגעזינד
דעם טויט פארדינט ביי דיר, מיין האר,
און דו האסט גאר דיין קנעכט געזעצט
צו עסן ברויט ארום דיין טיש,
צי האב איך רעכט נאך, איצט צו שרייען
און קלאגן זיך פאר דיר, מיין קיניג?
זאגט אים דער קיניג: רעד ניט מער,
איך האב באפוילן, דו און ציבא
צוטיילט זיך ביידע מיט דער פעלד.
און מפיבושת זאגט דעם קיניג:
ער מעג די פעלד אינגאנצן נעמען,
אויב דו, מיין קיניג, ביסט צוריק
געזונטערהייד אהיים געקומען!...

---

אנטקעגן קיניג איז געקומען
דער אכציג יאריגער ברזילי,
וואס האט דעם קיניג אויסגעהאלטן
דארט אין מחנים זייענדיג
זאגט אים דער קיניג: קום מיט מיר,

איך האַלט דיך אויס אין ירושלים!
ברזילי אָבער זאָגט דעם קיניג:
כ'בין אַלט אַצינד שוין אַכציג יאָר,
ניט כ'פּיל אַ טעם אין עסן, טרינקען,
ניט איך פאַרנעם געזאַנג און קלאַנג,
צו וואָס נאָך זיין אויף דיר אַ משא?
כ'וויל בלויז אַריבערגיין דעם ירדן,
נאָכדעם אין מיין שטאָט זיין און שטאַרבן
דאָרט לעבן טאַטע־מאַמעס קבר;
נאָר אָט איז דאָ מיין זון כמהם,
נעם אים מיט זיך, אויב ס'איז דיין גנאָד!
און ס'איז דער פאָלק אַדורך דעם ירדן,
דער קיניג האָט געקושט ברזילין
און זיין זון כמהם מיטגענומען.
און אָט ישראל קומט צום קיניג
און פרעגט: פאַרוואָס האָט דיך געגנבעט
יהודה און געבראַכט אַהערצו?
יהודה ענטפערט צו ישראל:
ווייל ס'איז דער קיניג פון מיין שטאַם
פאַרוואָס־זשע זאָל עס דיך פאַרדריסן?
צי האָבן מיר ביי אים געגעסן,
צי האָט ער אונז געשיינקט מתנות?
ישראל אָבער זאָגט: איך האָב דאָך
חלקים צען אין קיניג דוד,
פאַרוואָס־זשע האָסט מיך גרינג געהאַלטן
און ניט געלאָזט, איך זאָל דער ערשטער
צוריק ברענגען אַהער מיין קיניג?
נאָר שטאַרקער איז געווען דער וואָרט
יהודה'ס פונם וואָרט ישראלס.

———

און איינער שבע, זון פון בכרי,
אַ מאַן אַ נידערטרעכטיגער,
פון שטאַם בנימין, האָט געבלאָזן
אין שופר און צום פאָלק גערופן:
קיין חלק האָבן מיר אין דוד
און קיין שום נחלה אין זון ישי'ס —
ישראל, גיי אין דיינע היימען!
און גאַנץ ישראל איז אַוועק.
פון דודן צו בכרי'ס זון;
יהודה בלויז איז טריי געבליבן
דעם קיניג אין ירושלים.
און ס'זאָגט דער קיניג צו עמשאן:
גיי קלייב צונויף די לייט יהודה'ס,
און אין דריי טעג אַרום קום ווידער!
עמשא איז באַלד אָפּגעגאַנגען
און ניט צום טאָג צוריקגעקומען.
זאָגט דוד דאַמאָלס צו אבישי'ן:
אַצינד וועט שבע, בכרי'ס זון
אונז שלעכטס טאָן מער נאָך פון אבשלום,
נעם מיינע קנעכט און יאָג אים נאָך,
ער זאָל זיך ניט באַפעסטיגן
און אויסמיידן זיין הארבע שטראָף.
און ס'זיינען יואבס לייט אַרויס,
דער כרתי, פלתי, אַלע העלדן,
צו יאָגן שבע'ן זון פון בכרי.
און ווי זיי קומען לעבן שטיין
דעם גרויסן, וואָס ליגט הינטער גבעון,
און אָט עמשא קומט אַנטקעגן;
און יואב, קריגעריש געקליידט,
באַגאַרטלט מיט אַ שווערד אויף לענדן,
האָט זיך געבוקט און אים געפרעגט:
ביסטו געזונט, דו ברודער מיינער?
און אָנגעכאַפּט עמשא'ס באָרד

מיט רעכטער האַנט, צו קושן אים
דערווייל האָט ער זיך איינגעבויגן,
און ס'איז דער שווערד אַרויסגעפאַלן,
עמשא האָט זיך ניט געהיט
און יואב נעמט דעם שווערד פון דר'ערד
און שלאָגט אים אינם פינפטן ריפּ,
אַז ס'זיינען ביי עמשא'ן באַלד
אַרויסגעקראָכן די געדערים,
און ער פאַלט אויפן אָרט אַ טויטער.
און יואב און אבישי לויפן
און יאָגן ווייטער זיך נאָך שבע'ן.
און ווי עמשא וואַלגערט זיך
אין בלוט אינמיטן וועג, און אַלע
קנעכט דודס, לויפנדיק פאַרביי,
האָבן זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט,
האָט איינער פון די קעמפערס יואבס
עמשא'ן אָפּגעשאַרט פון וועג
צום פעלד, פאַרשפּרייט אויף אים אַ מאַנטל
און אויסגערופן: ווער ס'האָט ליב
דעם קיניג דוד, יואבן, —
זאָל יאָגן שבע'ן, זון פון בכרי!
ערשט דאַמאָלס איז דער פאָלק געלאָפן.
און שבע איז אַוועק אין אָבל
און יואב מיט זיין חייל נאָך אים,
אַ וואַל געשאָטן אַרום שטאָט,
די וואַנט געמויערטע באַלאַגערט
און איר געשטורימט איינצווואַרפן.
רופט אויס אַ קלוגע פרוי פון שטאָט:
מ'דאַרף די שטאָט דאָך פריער פרעגן,
צי וויל זי שלום, צי מלחמה;
מיר זיינען בירגער שלומדיקע,
געטרייע קינדער פון ישראל,
ווילסטו אַ מוטער - שטאָט ישראלס,
אַן אַרבטייל גאָטס, דאָ אומברענגען?
און יואב ענטפערט איר: חלילה,
חלילה, איך זאָל אייך פאַרדאַרבן!
נאָר איינער שבע, זון פון בכרי,
פון באַרג אפרים, האָט זיין האַנט
אַנטקעגן קיניג אויפגעהויבן,
נאָר אים אַליין גיב אונז אַרויס,
און מיר וועלן פון שטאָט אַוועקגיין,
און ס'זאָגט די פרוי צו יואבן:
„איך וואַרף זיין קאָפּ דיר פונם מויער!"
און זי האָט איינגערעדט דעם פאָלק
מיט חכמה, האָט מען שבעס קאָפּ
אַראָפּגעשניטן און געוואָרפן
צו יואבן אַראָפּ פון מויער.
האָט ער געבלאָזן אין אַ שופר
איז זיך דאָס פאָלק פון דאָרט צוגאַנגען,
אַ יעדערער צו זיך אַהיים,
און יואב איז צום קיניג דוד,
אַוועק צוריק קיין ירושלים.

---

געוועזן אין דודס צייט אַ הונגער,
געהאַלטן דריי יאָר נאָכאַנאַנד,
האָט דוד גאָט געפרעגט: פאַרוואָס?
און ס'ענטפערט גאָט: דאָס איז פאַר שאולס
בלוטשולדיקע געזינד, וואָס האָט
דעם שטאַם גבעונים טויטגעשלאָגן
— גבעונים זיינען ניט ישראל,
פאַרבליבענע פון פאָלק אמורי,
און ס'האָט ישראל זיי געשוואוירן,
זיי זאָלן לעבן און פאַרבלייבן
נאָר האָלץ־העקערס און וואַסער־שעפּערס

האָט עס פאַרדראָסן שאולן
און זיי געוואָלט פאַרטיליגן,
אַ סך פון זיי געשלאָגן טויט.
און דוד האָט זיי איצט גערופן,
געפרעגט: זאָגט, וואָס זאָל איך אייך טאָן,
איר זאָלט פאַרגעבן אונז און בענטשן?
און ס'ענטפערן אים די גבעונים:
מיר ווילן ניט קיין גאָלד און זילבער
און קיינעם פון ישראל טויטן,
גיב אונז פון שאולס זין נאָר זיבן,
און מיר וועלן זיי אויפהיינגען,
אויפן הויך פון שאול, גאָטס דערוויילטן
ווייל ער האָט אויף אונז שלעכטס געטראַכט
מיר זאָלן אויסגעטיליגט ווערן
פון גאַנצן גרענעץ פון ישראל.
דער קיניג ענטפערט: גוט. איך גיב!
דערבאַרימט זיך נאָר אויף מפיבושת,
יונתנס זון, צוליב דער שבועה,
וואָס צווישן דוד און יונתן.
האָט ער גענומען ביידע זין
וואָס שאולס קעבסווייב האָט געבוירן
און פינף זין מיכלס, שאולס טאָכטער,
געבוירן פונם מאַן עדריאל,
און זיי געשיינקט צו די גבעונים,
וואָס האָבן אַלע זיבן גלייך
געטויט און אויפן באַרג געהאַנגען —
דאָס איז געווען אין אָנהויב שניט.
און ס'איז געקומען שאולס קעבסווייב
געהייסן רצפה, טאָכטער איה'ס,
געבראַכט אַ זאַק און איב פאַרשפּרייט
אויף אַלע קערפּערס און דעם פעלזן,
פון אָנהויב שניט ביז ס'האָט געגאָסן
אויף זיי אַ שלאַקסרעגן פון הימל
און ס'האָט קיין פויגל ניט גערוט
אויף די געהאַנגענע בייטאָג
און ניט קיין פעלד־חיה ביינאַכט.
האָט מען דערציילט דעם קיניג דוד,
וואָס שאולס קעבסווייב האָט געטאָן
האָט ער געלאָזט אַהערצו ברענגען
די ביינער שאולס און יונתנס,
וואָס פלישתּים האָבן אויפגעהאַנגען
און יבש־לייט אַראָפּגעגנבעט
און אויך די פינף געהאַנגענע —
צונויפגעקליבן אַלע ביינער
און זיי באַגראָבן אין בנימין
ביים קבר קישס, דעם פאָטער שאולס.
האָט גאָט נאָכדעם דער לאַנד פאַרגעבן;
און ס'האָט דער הונגער אויפגעהערט.

---

און דוד האָט אַ ליד געזונגען
ווען גאָט האָט אים געראַטעוועט
פון שאולן און אַלע פיינט:
ביסט, גאָט, מיין פעלז און שוץ־פעסטונג,
מיין שילד, דער האָרן פון מיין הילף,
ווען טויט־פאַליעס פאַרגיסן מיך
און ווילד־שטראָמען דערשרעקן מיך
און ס'ווינקט, צו מיר די אונטערוועלט
רוף איך אין ענגשאַפט צו מיין גאָט
און ער הערט צו מיין וויי־געשריי
און ס'רוישט די ערד, צושטורימט זיך,
און ס'ציטערן די הימלען הויך,
ווייל ס'ברויזט דער גרימצאָרן אין אים,
אַ רויך זעצט אים פון נאָזלעכער,
אַ פייער פלאַקערט פון זיין מויל,

און קוילן פלאַמען אַרום אים
דעם הימל שפּרייט ער אויס און נידערט
און נעפּלען אונטער זיינע פיס
ער שוועבט, אויף כּרובים רייטנדיק,
און פליט אויף פליגלען פונם ווינט,
פאַרוויקלט זיך אין פינצטערניש,
אין וואַסער־שטראָם און וואָלקן־זייל
און ס'צינדט אַ קויל זיך פון זיין גלאַנץ
פון הימל הילכט גאָט מיט זיין דונער,
און מעכטיק שאַלט זיין קול פון אויבן
ער שיסט מיט בליצן, ווי מיט פיילן
אַנטפּלעקט די גרונטפעסטן פון וועלט
און אָטעמט, שרייענדיק, מיט צאָרן
ער שיקט פון אויבן מיר אַ הילף
שלעפּט מיך אַרויס פון וואַסער־טיף
באַשיצט מיך קעגן שטאַרקן פיינט,
ער איז מיר ווי אַ שטיץ און אָנשפּאַר
ער פירט אַרויס מיך אויף דער פריי
און מוטיגט מיך, און פעסטיגט מיך,
פאַרגעלט מיר פאַר מיין ערלעכקייט
און פאַר דער ריינקייט פון מיין האַנט
ביסט גנעדיק מיטן גנעדיקן,
ביסט ערלעך מיט דעם ערלעכן,
ביסט לויטער מיטן לויטערן
און מיטן האַרטנעקיקן — האַרט,
דו העלפסט דעם פאָלק דעם אָרימען
און שטאָלצע מאַכסטו נידעריק.
דו ביסט מיר ווי אַ ליכט, מיין גאָט,
באַלייכטסט מיין פינצטערניש ווי טאָג;
מיט דיר לויף איך אַנטקעגן חיל,
מיט דיר שפּרינג איך אַריבער ווענט,
ווייל פולקאָם איז דער וועג פון גאָט,
געלייטערט איז דער וואָרט פון גאָט —
באַשיצט אונדז אַלע ווי אַ פּאַנצער,
מיין פעסטונג מעכטיקע איז ער,
מאַכט שטענדיק פריי פאַר מיר אַ וועג
מאַכט מיינע פיס ווי הינדן גרינג
און שטעלט מיך פעסט אויף הויכקייטן
און לערנט מיינע הענט צום קאַמף,
מיין אָרעם ברעכט אַ קופּער־בויגן,
און ברייט איז אונטער מיר מיין טריט,
און ס'גליטשן זיך ניט מיינע קנעכל,
כ'יאָג מיינע פיינט, פאַרטיליק זיי,
און שלאָג און שנייד זיי אָן אַן אויפהער
דו גורטסט מיך אָן מיט מאַכט צום קאַמף,
דו שטעלסט מיין פיינט מיר מיטן נאַקן,
זיי שרייען, אָבער קיינער העלפט ניט,
זיי רופן גאָט, ער ענטפערט ניט,
צורייב איך זיי, ווי שטויב פון דרערד
צוטרעט איך זיי ווי ליים פון גאַס
פון פעלקער־שלאַכט דערלייזסטו מיך,
און מאַכסט מיך פאַר אַ הויפּט פון שטאַמען
אַ פאָלק, וואָס כ'קען ניט, מוז מיך דינען,
די זין פון פרעמדם פאַרשקלאַפט צו מיר,
פון הערן בלויז — שוין פאָלגזאַם מיר,
די זין פון פרעמדם — פאַרוויאַלעטע
אין קייטן איינגעשלאָסענע.
עס לעבט מיין גאָט, געבענטשט מיין פעלז,
דערהויבן מיין גראַניט פון הילף,
דער גאָט, וואָס גיט נקמה מיר,
וואָס לייגט די פעלקער מיר צופוסנס,
דערום לויב איך דיר צווישן פעלקער
און צו דיין נאָמען זינג איך לידער

ווייל דו ברייננסט גרויסע הילף דעם קיניג
און דיין געזאַלבטן טוסטו גנאָד
פאַר דודן און זיינע קינדער
ביז אייביג! — — — — — — — — — —

---

און אָט די לעצטע ווערטער דודס:
א וואָרט פון דוד, זון פון ישי,
א וואָרט פון מאַן, דעם הויכגעשטעלטן,
דעם העלד פון לידער אין ישראל.
עס רעדט אין מיר גאָטס גייסט,
זיין וואָרט איז אויף מיין צונג,
עס זאָגט דער פעלז ישראלס:
הערש מיט גערעכטיגקייט,
הערש מיט גאָטפאָרכטיגקייט,
ועסט ווי פרימאָרגן - ליכט
דיר אויפשיינען די זון
פרימאָרגן אָן א וואָלקן,
ווי זונשיין נאָך א רעגן,
אויף שפּראָצן פון דער ערד.
איז ניט אַזוי מיין הויז ביי גאָט?
צי היט איך ניט דעם בונד פון אייביג?
פאַרוואָס זאָל מיר די הילף ניט שפּראָצן,
מיין וואונטש זאָל ניט מקויים ווערן?
בלויז מענטשן נידערטרעכטיגע —
ווי דאָרן - וואוקסן שטעכיגע,
וואָס ניט אין האַנט אריינצונעמען,
און ווייל זיי עמיץ נאָר באַרירן
מוז ער מיט אייזן זיך באַוואָפענען,
אַזוי ווי פייער ברענען זיי — — — —
— — — — — — — — — — —

---

# שלמה

אז דוד האָט דערנענטערט זיך צום טויט,
האָט ער אַזוי באַפוילן זיין זון שלמהן:
איך גיי אין וועג פון גאָר דער וועלט,
טאָ שטאַרק ־ זשע זיך און זיי אַ מענטש,
היט אַלץ, וואָס שטייט אין משה׳ס תּורה,
וועסטו באַגליקן, וואו דו ווענדסט זיך,
ווי ס׳האָט אַמאָל גאָט מיר געזאָגט:
אויב ס׳היטן דיינע זין דעם וועג,
צו גיין פאַר מיר מיט גאַנצן האַרצן,
וועט קיינמאָל ניט פאַרשניטן ווערן
דיין שטאַם פון טראָן ישראלס.
אַזוי איז דוד אָפּגעשטאָרבן,
באַגראָבן אין דער שטאָט פון דוד,
און אויף זיין טראָן זיצט זיין זון שלמה,
און זייער פעסט איז זיין מלוכה.
האָט שלמה ליב געהאַט צו גיין
נאָך די געבאָטן פון זיין פאָטער
בלויז אויף די במות פלעגט ער שעכטן,
דאָרט ווייראַך רויכערן צו גאָט.
איז ער אַוועק קיין גבעון שעכטן, —
געווען איז דאָרט די גרויסע במה,
און שלמה פלעגט דאָרט אויפברייננגען
אַמאָל ביז טויזנט בראַנד ־ אָפּערס.

---

אין גבעון האָט זיך גאָט צו שלמהן
באַוויזן אין אַ נאַכט ־ חלום,

געזאָגט: בעט, וואָס זאָל איך דיר געבן!
און שלמה האָט אזוי געזאָגט:
דו האָסט א גרויסן גנאָד באַוויזן
מיין פאָטער דוד אים געגעבן
א זון, וואָס זיצט איצט אויף זיין טראָן.
איך בין אָבער א קליינער יונג,
און ווייס קיין זאַך ניט אוים - און - איין,
איך זיץ אין פאָלק דיין אויסדערוויילטן, —
טאָ גיב - זשע מיר א קלוגע האַרץ,
איך זאָל פאַרשטיין פון גוטס ביז שלעכטס
און קענען משפטן דעם פאָלק —
האָט גאָט געזאָגט צום קיניג שלמה:
ווייל דו האָסט בלויז אָט דאָס פאַרלאַנגט —
האָסט ניט געבעטן לאַנגן לעבן,
ניט רייכקייט, ניט דיין שונא'ס קאָפּ,
נאָר בלויז פאַרשטאַנד צום משפטן, —
האָב איך דערפילט שוין דיין פאַרלאַנג,
געגעבן דיר א קלוגע האַרץ,
וואָס פאַר דיר ניט געווען אזוינס
און נאָך דיר וועט ניט זיין אזוינס
און אויך וואָס ניט פאַרלאַנגט באַקומסט דו,
איך גיב דיר רייכקייט און אויך כּבוד,
ווי ס'האָט קיין קיניג ניט געהאַט.
און שלמה האָט דערוואַכט פון חלום,
געקומען קיין ירושלים,
אוועקגעשטעלט זיך פאַר גאָטס ארון,
געשאָכטן בראַנד - אָפּפערם און שלמים,
און פאַר די קנעכט געמאַכט א מאָלצייט.

---

און ס'קומען ווייבער - זונות צוויי
צום קיניג, שטעלן זיך פאַר אים
און איינע זאָגט: הער אוים, מיין קיניג!

מיר וואוינען ביידע אין איין הויז
צוזאַמען איך און אָט די פרוי,
און ביידע האָבן מיר געבוירן
צוויי קינדער; אויפן דריטן טאָג
נאָך מיין געבורט האָט זי געבוירן.
און ביידע וואוינען מיר אַליין,
קיין פרעמדער מענטש ניטאָ ביי אונז
האָט אָט די פרוי אינמיטן נאַכט
אַוועקגעלייגט זיך אויף איר קינד,
אויף טויט דערשטיקט אים. נעמט זי באַלד
אין שטילער נאַכט מיין קינד ביי מיר,
ווען איך, דיין דינסט, בין טיף געשלאָפן,
און לייגט אַוועק אים אין איר שויס,
און אין מיין שויס לייגט זי אַוועק
איר טויטן זון. אויף אינדערפרי,
איך כאַפּ זיך אויף, מיין קינד צו זויגן,
דערזע איך, אַז דאָס קינד איז טויט.
איך קוק זיך צו — ס'איז ניט מיין קינד! —
און יענע טענהט: ניין, מיין קיניג.
דער לעבעדיגער איז מיין זון,
און איר זון איז דער טויטער דאָרט.
און די זאָגט: ניין, ס'איז דיין זון טויט
און מיין זון איז דער לעבעדיגער.
און ביידע ריידן פאַרן קיניג.
זאָגט שלמה: די זאָגט — איר זון לעבט:
און יענע טענהט — איר זון לעבט;
טאָ ברענגט מיר באַלד אַ שווערד אהערצו!
האָט מען אַ שווערד געבראַכט צום קיניג.
און שלמה זאָגט: צושניידט דעם קינד
דעם לעבעדיגן אויף צוויי טיילן,
און יעדער מוטער גיט אַ העלפט!
און ס'האָט איין פרוי געזאָגט צום קיניג:

אוי, האָב רחמנות, שנייד אים ניט,
גיב איר אוועק דעם לעבעדיגן!
און ס'האָט די צווייטע פרוי געזאָגט:
זאָל זיין ניט מיר ניט איר, צושניידט!
האָט קיניג שלמה באַלד געזאָגט:
גיט איר דעם קינד דעם לעבעדיגן,
און טויט אים ניט; זי איז זיין מאמע! —
און ס'האָט געהערט דער פאָלק ישראל
דעם משפט פונם קיניג שלמה,
האָט מען געציטערט פאַרן קיניג,
ווייל אַלע האָבן איינגעזען,
אַז ער האָט קלוגשאַפט געטלעכע
צו קענען משפטן דעם פאָלק.

---

און ס'איז געווען דער קיניג שלמה
אַ קיניג איבער גאַנץ ישראל
און האָט געהאַט אַ סך באַאַמטע:
אַ כּוהן, שרייבערס און אַ קאַנצלער,
אַ קאָמאַנדיר פון מיליטער
און אַ באַאַמטן איבער צינז.
געהאַט באַשטימטע שרים צוועלף
אויף גאַנץ ישראל, אויסצוהאַלטן
דעם קיניג און זיין הויז מיט שפּייז,
פלעגט איטלעכער אין יאָר אַ חודש
דעם קיניג אויסהאַלטן מיט שפּייז.
געווען איז גאַנץ יהודה און ישראל
אַזויפיל, ווי דער זאַמד ביים ים,
זיי פלעגן עסן, טרינקען, לוסטיג זיין.

---

און שלמה האָט געוועלטיגט
אין אַלע קיניגרייכן ווייט און ברייט,
פון פלישתּים - טייך און ביז מצרים'ס גרענעץ,

זיי האָבן אַלע אים געבראַכט געשאַנקען
און אים גערינגט זיין גאַנץ לעבן.
און ס'איז געווען זיין שפּייז אַ טאָג
מעל דינע דרייסיג כור
און שוואַרצע זעכציג כור
און צען שטיק פעטע רינדער
און צוואַנציג שטיק געפּיטערטע
און שעפּסן הונדערט,
חוץ הירשן, אינדן, גאַזל - טירן
און ענדיקעס געקראָפּטע.
ווייל ער איז אַ געוועלטיגער
אין יענער זייט פון טייך,
און שלום הערשט פון אַלע זייטן,
און זיכער זיצט ישראל און יהודה
אַ יעדערער
אונטער זיין ווייַנשטאָק און זיין פייגנבוים,
געהאַט האָט שלמה פערציג טויזנט שטאַלן
פאַר זיינע פערד צום רייטוועזן
און רייט - מייסטערס צוועלף - טויזנט
און ס'פלעגן די באַאמטע שפּייזן
דעם קיניגס טישן איטלעכער אַ חודש.
און שטרוי און גערשטן פאַר די פערד
און פאַר די מויל - אייזלען פלעגט ברייִנגען
אַיעדערער אין צייט און אָרט,
ווי ס'איז באַשטימט געווען פאַר אים.

---

און גאָט האָט שלמהן אויך געגעבן
גרויס חכמה און פאַרשטאַנד,
מער ווי די חכמה פון בני - קדם,
מער ווי די חכמה פון מצרים,
געווען פון אַלע מענטשן קליגער
און ס'האָט זיין נאָמען ווייט געקלונגען

ביי אַלע פעלקער וואָס אַרום.
געזאָגט האָט ער דרייטויזנט משלים
געזונגען לידער טויזנט פינף
ער האָט גערעדט אויך וועגן ביימער,
פון צעדערבוים, וואָס אין לבנון,
און אויך פון מאָך, וואָס וואַקסט אין וואַנט,
גערעדט פון בהמות און פון עופות,
גערעדט פון ווערים און פון פיש,
געקומען איז מען פון די פעלקער,
צו הערן שלמה׳ס חכמה.

---

האָט חירם דער קיניג פון צור
געהערט, אַז מ׳האָט שלמה׳ן געזאַלבט
צום קיניג נאָך דוד זיין פאָטער,
האָט ער אים געשיקט זיינע קנעכט, —
ווייל חירם איז שטענדיג געווען
אין פריינטשאַפט מיט דוד דעם קיניג
און שלמה האָט חירמ׳ן זאָגן געשיקט:
דו ווייסט דאָך, אַז דוד מיין פאָטער
האָט אַליין ניט באַוויזן צו בויען
אַ הויז אויפן נאָמען פון גאָט,
ווייל ס׳האָט אים מלחמה פאַרנומען,
ביז ער האָט די שונאים באַצוואונגען.
אַצינד האָט מיר גאָט געשיינקט רו,
קיין שטער און קיין פאָרכט מער ניטאָ,
און איך וויל איצט בויען אַ טעמפּל,
ווי גאָט האָט מיין פאָטער געבאָטן;
באַפויל - זשע, מ׳זאָל פון לבנון
פאַר מיר לאָזן צעדערן שניידן,
קנעכט מיינע און דיינע צוזאַמען,
— פאַר דיינע קנעכט צאָל איך אַ לוין —
ווי דו וועסט פאַרלאַנגען; דו ווייסט דאָך,

אז ס'איז צווישן אונז ניטאָ קיינער
קיין בוים - שניידער, ווי די צידונים.
דערהערט אָט די ווערטער, האָט חירם
זיך זייער דערפרייט און געזאָגט:
געלויבט גאָט, וואָס האָט היינטיגס טאָג
געגעבן דעם פאָלק אָט דעם גרויסן
נאָך דוד דעם קיניג אַ זון אויך אַ קלוגן.
און שלמה'ן האָט ער געשיקט זאָגן:
איך האָב דיינע שלוחים געהערט
און וועל דיר טאָן אַלץ, וואָס פאַרלאַנגסט
אין צעדערן און שיקאָמאָרן;
די קנעכט מיינע וועלן פון לבנון
אַראָפּפירן בוימער צום ים,
איך וועל זיי דאָרט שלאָגן אין פליטן
און פירן וואוהין דו באַפוילסט
און דאָרט זיי צונעמען אויף קלעצער,
וועסטו זיי שוין פירן צום אָרט.
דערפאַר וועסטו טאָן מיין פאַרלאַנג
און געבן מיר שפּייז פאַר מיין אויסהאַלט.
און חירם פלעגט געבן פאַר שלמה'ן
די בוימער, וואָס זיינען אים נויטיג,
פון צעדערן ביז שיקאָמאָרן,
און שלמה פלעגט חירמען געבן
יאָר - יערלעכע שפּייז פאַר זיין אויסהאַלט
אין ווייץ און געשטויסענע איילן.
איז שלום געווען צווישן ביידן —
געשלאָסן צוזאַמען אַ בונד.

האָט שלמה געצויגן אַ צינז ביי ישראל,
געווען איז דער צינז דרייסיג טויזנט נפשות,
געשיקט צום לבנון צענטויזנט אַ חודש
און ער פלעגט זיי אלעמאָל בייטן:

איין חודש אין לבנון און צוויי אין זיין הויז,
און איבערן צינז איז געווען אדונירם.
געהאט האָט ער לאַסט - טרעגערס זיבעציג טויזנט
און באַרג - האַקערס נאָך אכציג טויזנט,
אַחוץ די באַאמטע, וואָס איבער דער אַרבעט,
דריי טויזנט און דריי הונדערט מאַן.
האָט שלמה באַפוילן און מען האָט געריסן
פון בערג גרויסע זעלטענע שטיינער,
ס'זאָל זיין אַ פונדאַמענט פון שטיינער געהאַקטע
צום טעמפּל, וואָס ער האָט געבויט.
די בויערס פון שלמה
און בויערס פון חירם
צוזאַמען מיט גיבלים —
זיי האָבן די בוימער
צוגלייך אויך די שטיינער
געגרייט דאָרט צום בויען דעם טעמפּל.

---

## דער בית - המקדש

אין יאָר פיר הונדערט אַכציג
צום אויסגאַנג פון מצרים,
אין פערטן יאָר פון שלמה'ס מלכות,
אין צווייטן חודש, זיוו,
האָט ער געבויט פאַר גאָט דעם טעמפּל,
אַ טעמפּל זעכציג איילן לאַנג
און צוואַנציג ברייט און דרייסיג הויך,
דער אולם צוואַנציג איילן לאַנג,
צען איילן ברייט,
און פענצטערס דורכזיכטיג - פאַרמאַכטע,
און אויף די ווענט אַרום — געלענדערס,
אויך זייטנגענג אַרום,
דער אונטערשטער געלענדער
געווען פינף איילן ברייט,

דער מיטלסטער — זעקס איילן,
דער דריטער — זיבן איילן ברייט;
וואָס נידעריגער, אַלץ מער טיף,
ניט צו פאַרהאַלטן זיך אָן וואַנט.
געבויט דעם טעמפּל שטיינער גאַנצע,
פון באַרג אַרויסגעריסענע,
קיין האַמער, האַק, געצייג פון אייזן —
ביים בויען ניט געהערט.
די טיר פון גאַנג פון מיטלסטן
געווענדט צום רעכטן זייט פון טעמפּל,
אויף שווינדלטרעפּ אַרויפצוגיין
פון אונטן אויפן מיטלסטן,
פון מיטלסטן צום דריטן פאַך.
פאַרדעקט דאָס הויז מיט באַלקנס
און אויף זיי ברעטער צעדערנע.
און איין געלענדער נאָך געבויט,
גערעקט מיט צעדער - ברעטער
די טעמפּל - וואַנט פוןביידע זייטן,
דעם דיל געפלאַסטערט מיט ציפּרעסן,
און צוואַנציק איילן אָפּגעטיילט.
געשטעלט אַ וואַנט פון צעדערבוים,
פון אונטן ביזן באַלקן,
דאָרט אויסגעבויט דעם קדשי - קדשים,
און פערציק איילן נאָך געבליבן
פון פאָרנט פאַרן גרויסן טעמפּל,
די צעדער - ברעטער אינעווייניק
געווען געפלאָכטן און געשניצט
אין קנעפּלעך און אין בלימעלעך,
אַלץ צעדער - האָלץ, ניטאָ קיין שטיין.
דעם דביר, אין טעמפּל אינעווייניק,
פאַרגרייט צו שטעלן דאָרט דעם אָרון.
געשטעלט אַ צעדערנעם מזבח

און אים באַדעקט מיט פּיינעם גאָלד.
דער גאַנצער טעמפּל אינעווייניק
געווען באַדעקט מיט פּיינעם גאָלד,
מיט קייטן גאָלדערנע פאַרריגלט.
אוועקגעשטעלט אין דביר צוויי כּרובים,
פון איילבוים - האָלץ, צען איילן הויך,
און איטלעכס פליגל איילן פינף,
צען איילן ביידע פליגלען ברייט,
איין מאָס, איין פורים פאַר די כּרובים.
געשטעלט די כּרובים אינם טעמפּל,
פאַרשפּרייט די פליגל זייערע,
האָט איין פליגל באַרירט איין וואַנט,
דער אַנדערער — די וואַנט אַנטקעגן,
אינמיטן טעמפּל שטייען זיי
אַ פליגל צו אַ פליגל נאָנט.
באַדעקט די כּרובים פּיינעם גאָלד.
די ווענט באַלייגט מיט פלעכטעלעך
פון כּרובים, פּאַלמען, בלומען - שניצוואַרג,
פון אינעווייניק, אויסעווייניק.
דעם דיל באַדעקט מיט פּיינעם גאָלד,
די טיר געמאַכט פון איילבוים - האָלץ,
מיט ביישטידלעך פינפקאַנטיגע,
באַלייגט מיט כּרובים - פלעכטעלעך
און פּאַלמען, בלומען - שניצוואַרג גאָלד.
אזוי געמאַכט די טירן אַלע
מיט ביישטידלעך פון איילבוים - האָלץ;
געווען אַ טיר אויף רעדעלעך,
אַ צווייטע טיר אויף רעדעלעך,
און אַלץ מיט כּרובים דורכגעפלאָכטן,
מיט פּאַלמען און מיט בלומען - שניצוואַרג,
און אַלץ באַדעקט מיט גאָלד,
מיט גלאַטע און מיט קריצונגען.

געבויט דעם הויף אויף אינעווייניג,
דריי שורות אויסגעהאקטע שטיינער,
איין שורה צעדער - בוימער פון לבנון.
אין פערטן יאָר, אין חודש זיוו,
געלייגט פון טעמפל דעם פונדאמענט;
אין עלפטן יאָר, אין חודש בול,
דעם אכטן חודש, איז געשטאנען
דער טעמפל גרייט אינגאנצן —
געבויט האָט ער אים זיבן יאָר.

---

געבויט האָט שלמה אויך א פאלאץ,
פאר זיך צום וואוינען, דרייצן יאָר.
געבויט א הויז אין וואלד לבנון
לאנג הונדערט איילן, פופציג — ברייט
און דרייסיג איילן הויך,
און צעדער - זיילן, אין פיר ציילן,
אויף צעדער - באלקנס און אויף זייטן - גיינג,
געדעקט מיט צעדערן,
און פענצטערס אין דריי שורות,
איין פענצטער קעגן צווייטן,
דרייפאכיג אויסגעשטעלט;
אין אלע טירן ביישטידלעך
און פירקאנטיגע פענצטערס,
איין פענצטער קעגן צווייטן,
דרייפאכיג אויסגעשטעלט.
און א קאָלאָנעַן - זאל מיט באלקנס דיקע
לאנג פופציג איילן, דרייסיג ברייט.
א טראָן - זאל, דאָרט צו משפטן,
געהייסן: זאל פון משפט,
געדעקט מיט צעדערן,
פון דיל ביז צום סופיט.
אזוי איז אויך געבויט דאָס הויז,

פאַר אים צו וואוינען,
אין צווייטן הויף פון יענעם פּאַלאַץ.
אַזוי איז אויך געבויט
דער פּאַלאַץ פאַר דער טאָכטער פּרעה'ס,
וואָס ער האָט פאַר אַ ווייב גענומען;
אַלץ שטיינער טייערע, געהאַקטע
און מיט אַ זעג געזעגט אין מאָס
פון אינעווייניג, אויסעווייניג,
פון אונטן ביזן דאַך,
פון דרויסן ביזן גרויסן הויף.

---

און שלמה האָט אַראָפּגעבראַכט פון צור
אַ קופּערשמיד אַ מייסטער, הירם,
אַ זון פון אַן אַלמנה פונם שטאַם נפתּלי —
זיין פאָטער איז געווען אַ מאַן פון צור —
ער זאָל אים מאַכן אַרבעטן אין קופּער.
און חירם האָט געמאַכט זיין גאַנצע אַרבעט,
געפורימט זיילן צוויי פון קופּער,
הויך אַכצן איילן איטלעכער,
אַ פאָדים פון צוועלף איילן לאַנג
קען איטלעכן אַרומנעמען,
און קרוינדלאַך צוויי געמאַכט פון קופּער
געגאָסענע פינף איילן לאַנג,
אויף שפּיצן פון די זיילן צוויי,
און נעצן צוויי געפלאָכטענע,
פון קופּער אויסגעגאָסענע,
ווי קייטן אויף די קרוינדלעך,
צו זיבן קייטלעך אויף אַ קרוינדל,
מיט מילגרוימען אין ציילן צוויי
באַדעקט די קרוינדלעך פון די זיילן,
די קרוינדלעך אויף די זיילן - שפּיצן
געווען ווי רויזן אויסגעפורימט,

פיר איילן לאַנג אין זייל,
און אויך אינמיטן פון די זיילן
פון ד ע ר זייט נעצן — קרוינדרעלעך,
אין ציילן מילגרוימען צוויי הונדערט,
אויף איטלעכס קרוינדרעלע אַרום
די זיילן אויפגעשטעלט אין היכל,
דער רעכטער האָט געהייסן יכין,
דער לינקער האָט געהייסן בועז.
און אויסגעגאָסן אַ פּאַנטאַן
צען איילן ברייט פון ראַנד ביז ראַנד,
פינף איילן הויך און קיילעכדיג,
אַ שנור פון דרייסיג איילן לאַנג
קען אים אַרומנעמען אינגאַנצן.
און קנעפּ געגאָסענע צוויי שורות,
פון זעלבן גוס ווי ער אַליין,
אַרומגערינגלט דעם פּאַנטאַן,
צען איילן ווייט אונטערן ראַנד,
אויף רינדער צוועלף אַוועקגעשטעלט,
דריי רינדער אויסגעשטעלט צו צפון,
דריי רינדער אויסגעשטעלט צו מערב,
דריי רינדער אויסגעשטעלט צו דרום,
דריי רינדער אויסגעשטעלט צו מזרח,
די הינטנס אַלע אינעווייניג,
זיין ברעג אַ טפח, און זיין ראַנד
געמאַכט אין סטיל פון בעכער - ראַנדן —
אינגאַנצן ווי אַ רויזן - בלום,
צוויי טויזנט טאָן זיין אינהאַלט.
געמאַכט געשטעלן צען פון קופּער,
פיר איילן איטלעכער די לייַנג,
פיר איילן ברייט, דריי איילן הויך,
מיט לייסטן צווישן שטאַפּלען,
און אויף די לייסטן — לייבן

און רינדער און אויך כּרובים,
און אויף די טרעפּ אַ פּוס פון אויבן,
און אונטער לייב און רינד און כּרוב
אַראָפּגעהאַנגען קראַנצן דינע,
און אַ געשטעל האָט רעדער פיר
און שוועלן פיר און רונגען פיר
פון קופּער אויסגעשלאָגענע
און אַקסל - בענדער אונטער האַנטפּאַס,
געגאָסענע מיט דינע קראַנצן.
זיין מויל פון קרוינדעלע אַרויס
אַן אייל די לײַנג און קײַלעכדיק,
אין סטיל פון פּוס, אין פלעכטעלעך
און לײַסטעלעך פירקאַנטיקע.
און רעדער פיר האָט אַ געשטעל,
ווי רעדער פון אַ רײַטוואָגן,
און אַלץ פון קופּער אויסגעגאָסן
און אַקסל - בענדער פיר האָט אַ געשטעל,
אין אַלע זייטן פיר,
און אַ געשטעל האָט אויף זיין שפּיץ
אי הענטעלעך, אי לײַסטעלעך,
אויף זיינע ברעטער, אַקסן, לײַסטן
געצייכנט כּרובים, לייבן, פּאַלמען,
אַ יעדערער מיט קרענץ באַלייגט.
אַזוי האָט ער געמאַכט די צען געשטעלן
איין גוס, איין מאָס, איין פורים אַלע.
געמאַכט צען וואַש - בעקנס פון קופּער
אַ יעדערער האַלט פערציק טאָן,
איין וואַשבעקן אויף איין געשטעל,
פאַר די געשטעלן אַלע צען,
אַ יעדער וואַש - בעקן פיר איילן,
און האָט געשטעלט אויף רעכטער זייט
פון טעמפּל פינף פון די געשטעלן

און פינף אויף לינקער זייט פון טעמפל
און דעם פאָנטאַן פון רעכטער זייט
פון טעמפל, פאָרנט, קעגן דרום.
און חירם האָט געמאַכט די בעקנס,
די שופלעס און די שפּרענג - שיסלען
און אַלע אַרבעטן פון טעמפל,
געמאַכט אַלץ פון פּאָלירטן קופער.
אין פליין פון ירדן האָט דער קיניג
געלאָזט זיי גיסן אין דער ערד,
געוועזן דאָרט קופער אָן אַ מאָס.
געמאַכט האָט ער אויך טעמפל - כלים,
אַ גאָלדענעם אַלטאַר און טיש,
וואָס ס'ליגט אויף אים דער אָנבליק - ברויט,
און לייכטערס פינף אין רעכטער זייט
און פינף אין לינקער — ריינער גאָלד
און בלימלעך, און צווייגעלעך,
און בעקנס, מעסערס, שיסלען, לעפלען
און פייער - פאַנען ריינער גאָלד,
און פאַר די טירן הייגערס גאָלד
צום קדשי - קדשים און צום היכל.
האָט זיך פאַרענדיגט גאָר די אַרבעט
פון טעמפל און די כלים אַלע
און שלמה האָט געבראַכט אין טעמפל
די הייליגקייטן פון זיין פאָטער דוד,
די זילבער, גאָלד און כלים —
אַלץ אין די אוצרות פון גאָטס טעמפל.

---

און דאַמאָלס האָט שלמה געלאָזן פאַרזאַמלען
די עלצטע ישראלס, די הויפּטלייט פון שבטים,
די קעפּ פון פאַמיליעס אין ירושלים,
צו ברייגנען דעם ארון פון דודס שטאָט ציון.
און ס'זיינען געקומען די עלצטע ישראלס -

אין זיבעטן חודש „איתנים”, אום יום טוב
און ס׳טראָגן די כּוהנים מיט די לוויים
דעם ארון, דעם אוהל, די הייליגע כּלים,
און שלמה דער קיניג און די בני ישראל,
וואָס האָבן זיך דאָרטן פאַרזאַמלט צום ארון,
זיי האָבן געשאָכטן שאָף, רינדער אָן צאָל.
די כּוהנים האָבן דעם ארון געבראַכט,
געשטעלט אים אין דביר, לעבן קדשי - קדשים,
און ס׳האָבן די כּרובים די פליגלען פאַרשפּרייט
אריבער דעם ארון און שטאַנגען פון אויבן,
און ס׳זיינען די שטאַנגען געווען זייער לאַנג
געשטעקט פונם ארון אַרויס אויפן דביר
און ס׳איז אינם ארון קיין זאַך ניט געווען
אַחוץ בלויז די לוחות די שטיינערנע צוויי,
וואָס משה האָט דאָרטן אין חורב געלייגט,
ווען ס׳איז פון מצרים ישראל געגאַנגען.
און ווי נאָר עס זיינען די כּוהנים־טרעגערס
פון קדשי - קדשים אַרויס אינם דביר,
נאָכדעם ווי זיי האָבן דעם ארון געבראַכט
האָט תּיכּף אַ וואָלקן פאַרשפּרייט זיך אין טעמפּל —
די כּוהנים האָבן ניט איינשטיין געקענט,
ווייל ס׳איז מיטן וואָלקן געקומען גאָטס כּבוד
אין טעמפּל און אָנגעפילט אים.

---

און קיניג שלמה האָט געזאָגט:
האָסט צוגעזאָגט אונז, גאָט, אין נעפל וואוינען;
האָב איך געבויט פאַר דיר אַ טעמפּל,
אַ שטעל, וואו דו קענסט אייביג זיצן.
און ס׳האָט דער קיניג אומגעקערט
צום פאָלק זיין פּנים און געבענטשט:
געלויבט זאָל זיין דער גאָט ישראלס,
וואָס האָט מיין פאָטער אויסדערווייլט,

צו זיין אַ קיניג אויפן פאָלק ישראל,
און האָט פון אַלע שבטים אין ישראל
אָט די שטאָט אויסדערוויילט פאַר זיך,
צו בויען דאָ אַ טעמפּל פאַר זיין נאָמען.
און דוד האָט פאַרטראַכט צו בויען
דעם טעמפּל אויפן נאָמען גאָטס.
האָט גאָט געזאָגט: האָסט גוט פאַרטראַכט,
נאָר דו וועסט ניט דעם טעמפּל בויען;
דיין זון וועט בויען אים פאַר מיר.
אַצינד האָט גאָט דערפילט זיין וואָרט,
איך בין געקומען נאָך מיין פאָטער,
געזעצט זיך אויפן טראָן ישראלס
און איך האָב אויפגעבויט דעם טעמפּל,
געמאַכט אַן אָרט דאָ פאַרן ארון
פון גאָטס בונד מיט די זין ישראלס.

---

געשטעלט זיך מיטן פנים צום מזבח,
פאַרשפּרייט די הענט צום הימל און געזאָגט:
דו גאָט ישראלס,
ניטאָ ווי דו קיין אַנדער גאָט
אויף אַלע הימלען און אויף ערד
דו היטסט דיין בונד און גנעדיגקייט
פאַר די, וואָס פאָלגן דיר פון גאַנצן הארצן;
דו האָסט געהיט דיין וואָרט צו דודן
און וואָס געזעדט האָסטו אַצינד דערפילט.
איצט היט - זשע אויך וואָס האָסט געזאָגט,
אַז קיינער וועט פאַרשניטן פון זיין טראָן,
אויב זיינע קינדער גייען אין דיין וועג.
זאָל איצט דיין וואָרט דערפילט ווערן.
ווייל איז עס אמת, אַז גאָט זיצט אויף ערד?
די הימלען קענען ניט פאַרנעמען אים,
בפרט דער טעמפּל, וואָס איך האָב געבויט!

נאָר וואו דו ביסט, זאָלסטו זיך ווענדן
צו מיין געבעט און מיין געוויין.
זאָלסט האלטן אָפן דיינע אויגן
אויף אָט דעם טעמפּל נאַכט און טאָג,
וואו האָסט געלאָזט דיין נאָמען שוועבן
און צוהערן זיך צום געבעט,
וואָס ס'וועט דיין פאָלק ישראל בעטן
אין אָט דעם אָרט — און זאָלסט פארגעבן.
אַז ס'זינדיגט איין מענטש צו זיין פריינט
און ער וועט שווערן ביים מזבח,
זאָלסטו דערהערן עס און משפטן —
דעם שולדיגן באשטראָפן פאר זיין שולד,
באַלוינען דעם גערעכטן פאר זיין גוטס.
און אַז ישראל ווערט געמאָרדעוועט
דורך זיינע פיינט אין פעלד פון שלאַכט
און ער קומט בעטן דאָ אין טעמפּל,
זאָלסטו דערהערן, אים די זינד פארגעבן
און ברייננגען אים צוריק אין לאַנד
וואָס האָסט נעגעבן זיינע אבות.
אַז הימלען וועלן זיך פארהאלטן
און רעגן קומט ניט אויף דער ערד,
און מענטשן וועלן בעטן אין דעם אָרט,
זאָלסטו זיי צוהערן, פאַרגעבן,
דעם גוטן וועג זיי וויזן,
און רעגן לאָזן אויף דער לאַנד,
וואָס האָסט געשיינקט דעם פאָלק צום ארב.
אַז ס'וועט אַ הונגער זיין אין לאַנד,
אַ פּעסט, אַ תּבואה - בראַנד, אַ געלזוכט,
אַ היישעריק פון איטלעכם מין,
אַ שונא וועט די שטאָט באַלאַגערן,
אַ פּלאָג, אַ קריינק אַז ס'קומט אַראָפּ, —
ווער נאָר פון פאָלק ישראלס ס'קומט

אהערצו מיט געבעט, געוויין,
ווייל יעדער ווייס זיין פלאג פון הארצן, —
זאלסטו עס צוהערן, פארגעבן
און אלעמענס פארלאנג דערפילן,
און זאלן אלע פאר דיר פארכטן,
ווי לאנג זיי לעבן אויף דער ערד,
וואס האסט געגעבן צו די אבות.
און אויך דעם פרעמדן, ניט פון פאלק ישראל,
וואס קומט אהערצו פון א ווייטער לאנד,
ווייל ער האט דארט דערהערט דיין גרויסן רום,
דיין שטארקע האנט און אויסגעשטרעקטן ארים,
און קומט מתפלל זיין אין אט דעם טעמפל, —
זאלסטו פארנעמען און טאן זיין פארלאנג,
און זאלן אלע פעלקער קענען
דיין נאמען און דיין היליגקייט
און פאר דיר פארכטן, ווי דיין פאלק ישראל.
אז ס'גייט דיין פאלק אין א מלחמה,
אנטקעגן שונא, וואס דו שיקסט אים,
און ער טוט תפילה אין דער שטאט
און אין דעם טעמפל, וואס איך האב געבויט,
זאלסטו דערהערן זיין געבעט
און געבן אים גערעכטיגקייט.
און האבן זיי געזינדיגט קעגן דיר, —
ווייל ס'איז קיין מענטש דאך ניט אן זינד, —
און האסט אויף זיי געצארנט,
אין האנט פון פיינט זיי אפגעגעבן
און יענע האבן זיי געפאנגען
אין ווייטער אדער נאנטער לאנד,
און דארט, אין דער געפאנגענשאפט,
וועט זייער הארץ געבראכן ווערן,
זיי וועלן תפילה טאן צו דיר,
געווענדט צו אט דער לאנד פון אבות,

צו אַט דער אויסדערוויילטער שטאָט,
צו אַט דעם אויסגעבויטן טעמפּל, —
זאָלסטו דערהערן זייער תּפילה,
און געבן זיי גערעכטיגקייט
און וועקן רחמים בײַ די פאַנגערס,
ווייל ס'איז דיין פאָלק דאָך און דיין אַרב
וואָס האָסט פון טיגל אײַזערנעם
אַרויסגעבראַכט, — פון לאַנד מצרים.

---

און אַז ס'האָט שלמה אויסגעלאָזט,
האָט ער זיך אויפגעשטעלט פון קניען,
די הענט צום הימל אויסגעשפּרייט
און האָט געשטעלט זיך און געבענטשט
דעם פאָלק ישראל אויף אַ הויכן קול.
געזאָגט: געלויבט איז גאָט, וואָס האָט
געגעבן רו זיין פאָלק ישראל,
האָט קיין וואָרט ניט געלאָזן פאַלן
פון אַל דאָס גוטס, וואָס צוגעזאָגט דורך משהן.
און ס'האָט דער קיניג מיטן פאָלק
געשאָכטן שעכטונגען פאַר גאָט;
געשאָכטן צוויי און צוואַנציג טויזנט רינדער
און הונדערט צוואַנציג טויזנט שאָף.
אַזוי האָט מען באַנייט דעם טעמפּל.
און שלמה האָט געמאַכט אַ יום טוב
און גאַנץ ישראל אויך מיט אים,
געפייערט צוויי מאָל זיבן טעג,
צוזאַמען פערצן טעג געפייערטע
אין פריילעכקייט און לוסטיגקייט
און נאָכדעם האָט דאָס פאָלק געבענטשט דעם קיניג
און אָפּגעגאַנגען אין די היימען.

---

עס זיינען צוואַנציג יאָר אַריבער,

האָט שלמה אויסגעבויט די הייזער,
גאָטס טעמפּל און דעם קיניגס פּאַלאַץ,
און חירם מלך צור האָט שלמהן
געשטיצט מיט צעדערן, ציפּרעסן,
מיט גאָלד און אַלץ, וואָס ס'איז אים נויטיג.
דערפאַר האָט שלמה אים געשיינקט
אין לאַנד פון גליל צוואַנציג שטעט.
און זיי זיינען אים ניט געפעלן,
האָט ער געזאָגט: וואָס זיינען עס פאַר שטעט,
וואָס דו האָסט מיר געגעבן, ברודער?
און האָט זיי אָנגערופן „כבול",
ס'הייסט: „טרוקן - לאַנד", ביז היינטיגס טאָג.
און חירם האָט געשיינקט דעם קיניג
הונדערט צוואַנציג צענטנער גאָלד.
און פרעה קיניג פון מצרים
האָט איינגענומען גזר און פאַרברענט,
געטויט די כנענים, און די שטאָט
געשיינקט זיין טאָכטער, שלמהס ווייב,
האָט שלמה אויפגעבויט צוריק די שטאָט
און שטעט נאָך אנדערע אין לאַנד,
געבויט זיך פעסטונג - שטעט און רייטער - שטעט
און האָט די זין פון יענע פעלקער,
פון די פאַרבליבענע, ניט זין ישראלס,
געצוואונגען צו א שטייער - דינסט,
און ס'איז אזוי געבליבן ביז אצינד.
די זין ישראלס זיינען ניט קיין קנעכט,
נאָר מיליטער - לייט, הויפּטלייט, פירשטן, דינערס,
זיי זיינען רייטערס, וואָגן - פירערס,
פינפהונדערט פופציג אכטונג - געבערס
ביי אַלע ארבעטן פון פאָלק.
און קיניג שלמה האָט א שיף געמאַכט
אין עציון - גבר, ביים ברעג ים - סוף,

האָט חירם מיטגעשיקט מיט שלמהס קנעכט
אויך זיינע קנעכט די ים־פאָרערס
און זיי זיינען אוועק קיין אופיר,
געבראַכט פון דאָרט דעם קיניג שלמה
פיר הונדערט צוואַנציג צענטנערס גאָלד.

---

און ס׳האָט די קיניגין פון שבא
געהערט דעם קלאַנג פון קיניג שלמה,
איז זי אוועק קיין ירושלים,
פּרובירן אים מיט רעטענישן,
געקומען מיט אַ גרויסן חייל,
מיט קעמלען אָנגעלאָדענע
געווירצן, גאָלד און דימענטן,
געשטעלט זיך פאַרן קיניג שלמה,
גערעדט מיט אים אַלץ, וואָס געוואָלט,
און ער האָט איר אויף אַלץ געענטפערט
קיין זאַך איז ניט געווען פון אים פאַרהוילן.
און ס׳האָט די קיניגין פון שבא
געזען די גאַנצע חכמה שלמהס
דעם פּאַלאַץ, וואָס ער האָט געבויט,
און די באַשפּייזונג פון זיין טיש
און די באַזעצונג פון זיין דינערשאַפט,
און זייער עסן, טרינקען און באַקליידונג
און די קרבנות, וואָס ער ברענגט
אין טעמפּל גאָטס, —
איז זי געבליבן אָן אַן אָטעם
און האָט געזאָגט צום קיניג שלמה:
ס׳איז אמת אַלץ, וואָס כ׳האָב געהערט
ביי מיר אין לאַנד פונוועגן דיר,
דיין גרויסקייט און דיין קלוגשאַפט,
כ׳האָב ניט געגלויבט די אַלע רייד,
ביז כ׳בין אַהערצו אָנגעקומען

און האָב געזען אַלץ מיט די אויגן,
ערשט מ'האָט קיין העלפט מיר ניט דערציילט;
דו ביסט נאָך קליגער און נאָך בעסער,
ווי איך האָב וועגן דיר געהערט!...
וואויל דיינע מענטשן, דיינע קנעכט,
וואָס שטייען שטענדיג דאָ פאַר דיר
און קענען הערן דיינע חכמות.
געלויבט דיין גאָט, וואָס האָט געזעצט
דיך אויפן טראָן ישראלס
געמאַכט דיר פאַר אַ קיניג,
צו טאָן גערעכטיגקייט און גוטס.
געשיינקט אים הונדערט צוואַנציג צענטנער גאָלד,
געווירצן, דימענטן אַ סך;
אין לאַנד איז פריער ניט געווען אַזויפיל,
ווי זי האָט אים אַצינד געשיינקט.
און ס'האָט אויך חירמס שיף געבראַכט
פון אופיר, מיטן גאָלד צוזאַמען,
אויך זייער פיל קאָראַלן - האָלץ
און איידל - שטיינער זעלטענע.
און ס'האָט דער קיניג פון די האָלץ
געמאַכט אַ גאַנעק פאַרן טעמפּל
און פאַרן פּאַלאַץ פונם קיניג,
אויך האַרפן, פליטן פאַר די זינגערס,
אין לאַנד איז פריער ניט געווען אַזויפיל
קאָראַלן - האָלץ ביז היינטיגס טאָג.
און אויך דער קיניג שלמה האָט
דער קיניגין פון שבא געגעבן
אַלץ, וואָס זי האָט פון אים פאַרלאַנגט,
איז זי אַוועק מיט אירע קנעכט
און אָפּגעגאַנגען אין איר לאַנד.

---

און ס'איז געווען די וואָג פון גאָלד,

וואָס שלמה האָט אַ יאָר באַקומען,
זעקסהונדערט זעקס און זעכציק צענטנער,
אַחוץ פון וועג־גייערס און הענדלערס,
פון קיניגן אַראַבישע
און פון די שטאַטהאַלטערס פון לאַנד.
און ס'האָט געמאַכט דער קיניג שלמה
צוויי הונדערט שילדן דינע גאָלד,
זעקס הונדערט צענטנער איטלעכער,
דריי הונדערט פּאַנצערס דינע גאָלד,
דריי הונדערט טאָלער איטלעכער,
און האָט עס אַלץ אַריינגעגעבן
אין פּאַלאַץ פונם וואַלד לבנון.
און ס'האָט געמאַכט דער קיניג שלמה
אַ גרויסן טראָן פון עלפנביין
און אים באַדעקט מיט ריינעם גינגאָלד,
און ס'האָט דער טראָן געהאַט זעקס טרעפּ
אַ קיילעכדיגן קאָפּ פון הינטן,
פון ביידע זייטן אָנשפּאַר־הענטלעך,
אַרום געזעס, און לייבן צוויי
געשטאַנען זיינען ביי די הענטלעך,
און נאָך צוועלף לייבן
אויף די זעקס טרעפּ פון ביידע זייטן.
און אַלע טרינק־געפעס פון קיניג
און כלים פון לבנון־פּאַלאַץ —
געווען פון גאָלד געשליפענעם —
ס'האָט זילבער ניט געהאַט קיין ווערדע
אין שלמהס צייט כמעט ווי גאָרניט.
ווייל קיניג שלמה האָט געהאַט
אַ שיף אין תרשיש, אויפן ים,
צוזאַמען מיט דער שיף פון חירם,
און איינמאָל אין דריי יאָר פלעגט קומען
די שיף פון תרשיש און פלעגט ברענגען

גאָלד, זילבער, עלפנביין
און מאַלפּעס אויך און פּאַוועס
און קיניג שלמה איז געווען
פון אַלע וועלט - קיניגן גרעסער
אין רייכקייט און אין חכמה,
און ס'האָט די גאַנצע לאַנד באַזוכט אים,
צו הערן חכמה פון זיין מויל,
און ס'האָט אים איטלעכער געבראַכט
יאָר - איין, יאָר - אויס אַ סך מתנות
געפעס פון זילבער און פון גאָלד,
אויך קליידער שיינע און געווער,
געווירצן, פערד און מויל - אייזלען.

---

און שלמה האָט צונויפגעקליבן טויזנט
פירהונדערט וועגענער, צוועלפהונדערט רייטערס
און זיי געלייגט אין זיינע וואָגנשטעט
און זילבער איז ביי אים געווען ווי שטיינער
און צעדערהאָלץ ווי שיקמאָרן,
וואָס איז געווען אין טאָל אַ סך.
און פערד האָט ער געבראַכט זיך פון מצרים,
דעם קיניגס הענדלערס פלעגן קויפן
פערד פּאַרטיעסווייז פאַר הויכן פּרייז
אַ וואָגן פאַר זעקסהונדערט זילבערשטיק,
אַ פערד פאַר הונדערט פופציג זילבערשטיק,
עס האָבן אויך געצאָלט דעמזעלבן פּרייז
די קיניגן פון חתים און ארם.

---

און ס'האָט דער קיניג שלמה ליב געהאַט
פיל פרויען פרעמדע, פרעה'ס טאָכטער און
פון מואב, עמון, אדום, צידון, חת,
פון אַלע פעלקער, וואָס ס'האָט גאָט באַפוילן,
איר זאָלט ניט קומען צווישן זיי,

און זיי ניט צווישן אייך,
ווייל זיי וועלן פארפירן אייך, —
פון זיי האט ער זיך אויסגעקליבן פרויען
און זיך געקלעפּט צו זיי מיט ליבשאפט
און ער פלעגט האבן ווייבער פירשטינס זיבנהונדערט
און קעבסווייבער דרייהונדערט
און זיינע פרויען האבן אים פארפירט.
און צו דער עלטער איז ער ניט געווען
שוין גאנץ מיט גאט אזוי ווי דוד
ער האט געפאלגט עשתרות גאט פון צפון
און מלכום שאנד פון עמון
געטאן אלץ, וואס ס'געפעלט ניט גאט,
געבויט א במה אויפן בארג ביי ירושלים
פאר כמוש דער שאנד פון מואב,
פאר מולך, שאנד פון עמון
אזוי אויך אלע זיינע פרעמדע פרויען
האט ער דערלויבט צו רויכערן און שעכטן
אויף במות פאר די געטער זייערע.

---

האט גאט געצערנט אויפן קיניג שלמה,
ווייל ס'האט זיין הארץ זיך אפגענויגט פון גאט,
וואס האט צוויי מאל באוויזן זיך צו אים
און אים פארזאגט ניט גיין נאך פרעמדע געטער,
און ער האט גאטס געבאט ניט אפגעהיט.
האט גאט געזאגט צום קיניג שלמה:
ווייל דו האסט זיך אזוינס דערלויבט,
ניט אפגעהיט מיין בונד און מיין געבאט,
וועל איך אוועקרייסן דיין קיניגרייך
און אפגעבן איר צו דיין קנעכט.
נאר ניט אין דיין צייט טו איך עס,
פונוועגן דודן מיין קנעכט, דיין פאטער,
איך רייס איר אפ פון דיין זונס האנט.

נאָר ניט אינגאַנצן רייס איך אָפּ פון אים,
איין שבט וועל איך איבערלאָזן אים,
פונוועגן דודן מיין קנעכט,
און ירושלים מיין דערווײילטע שטאָט.

---

געווען איז אַ שׂטן פאַר שלמהן
הדד דער אדומישער פּרינץ.
ווייל דאַמאָלס, ווען דוד געווען איז אין אדום,
ווען יואב האָט דאָרט אַלע זכרים געטויט,
איז ער מיט די קנעכט פון זיין פאָטער
דורך מדין און פּאָרן אַוועק קיין מצרים.
און דאָרט האָט אים פּרעה געגעבן אַ שטוב
און שטענדיגע שפּייז; איז הדד אים געפעלן,
האָט ער אים זיין ווייבס שוועסטער גנובת געגעבן.
אַזוי איז הדד פּרעהס שוואָגער געוואָרן.
איצט, נאָכדעם ווי דוד און יואב געשטאָרבן,
האָט איינמאָל הדד צו זיין שוואָגער געזאָגט:
דערלויב מיר צו גיין אין מיין היימלאַנד!
זאָגט פּרעה צו אים: און וואָס פעלט דיר ביי מיר,
וואָס ס'גלוסט זיך דיר גיין אין דיין היימלאַנד?
און ער זאָגט: ניין, כ'בעט דיך, דערלויב מיר צו גיין!
אַזוי איז געוואָרן הדד
אַ שׂטן פאַר שלמהן.

---

אַ שׂטן איז אויך געווען רזון פון ארם,
וואָס איז פון זיין האַר הדרעזר אַנטלאָפן
און אַן אַטאַמאַן איבער רויבערס געוואָרן.
איז דוד באַפאַלן זיי און זיי צושלאָגן,
און זיי זיינען אַלע אַוועק קיין דמשק
און דאָרט אַ מלוכה געשאַפן.
איז ער איצט אַ שׂטן געווען פאַר ישראל,
געווען זיי אַ פיינט און געטאָן זיי פיל שלעכטס!

ירבעם זון נבט׳ס, אן אפרתי פון צרדת,
א זון פון א פרוי אן אלמנה, צרועה,
א קנעכט קיניג שלמהס, האט מורד געווען,
און אט ווי עס איז די מרידה געשען:
ס׳האט שלמה א טורים געבויט,
פארמאכט דעם קאנאל פון שטאט דודס,
האט שלמה געזען דעם ירבעם,
א פייאיגער העלדישער יונג,
און האט אים באשטימט אויף דער ארבעט
פון גאנצער הויז יוספ׳ס.
איז איינמאל, ירבעם פון ירושלים ארויס,
און ס׳האט אים באגעגנט אין וועג
דער נביא אחיה פון שילה, —
זיי זיינען געווען זאלבענאנד בלויז אין פעלד —
אויף זיך האט ירבעם געטראגן א מלבוש א נייעם,
און ס׳האט באלד אחיה דעם מלבוש דעם נייעם
גענומען און אים אויף צוועלף שטיקער צוריסן
געזאגט צו ירבעם: קום נעם זיך צען שטיקער
ווייל גאט האט געזאגט:
איך צוריים איצט די קיניגרייך שלמהס
און גיב דיר אוועק די צען שבטים,
בלויז איין שבט לאז איך פאר אים,
פונוועגן מיין קנעכט קיניג דוד,
פונוועגן דער שטאט ירושלים,
וואס איך האב פאר מיר אויסדערוויילט;
נאר כ׳נעם עס ניט אפ ביי זיין לעבן,
א פירשט וועט ער בלייבן ביי מיר
איך נעם ביי זיין זון אפ די מלוכה,
און גיב דיר אוועק די צען שבטים
און אים לאז איך איבער איין שבט,
זאל בלייבן א זכר נאך דוד,
מיין קנעכט, אין מיין שטאט ירושלים.

וואָס איך האָב דערוויילט פאַר מיין נאָמען.
און דיר קלייב איך אויס פאַר אַ קיניג,
און אויב דו וועסט גייִן אין מיין וועג,
ווי דוד מיין קנעכט האָט געטאָן,
וועל איך זיין מיט דיר און וועל בויען
אַ זיכערע הויז דיר, ווי דודס
און גיב דיר אַוועק גאַנץ ישראל.
האָט שלמה ירבעמען טויטן געוואָלט;
ירבעם איז אָבער אַוועק קיין מצרים,
באַהאַלטן זיך דאָרטן ביי שישק דעם קיניג
און דאָרטן געווען ביז ס'איז שלמה געשטאָרבן.

---

און שלמהס געשיכטע, זיין אויפטו, זיין חכמה,
פאַרשריבן איז אַלץ אינם בוך „דברי - שלמה",
געקיניגט האָט ער פערציג יאָר,
און האָט זיך געלייגט מיט די אבות,
באַגראָבן איז ער אין עיר - דוד
און ס'האָט אָנשטאָט אים
געקיניגט רחבעם זיין זון.

# רחבעם

נאָכדעם ווי קיניג שלמה איז געשטאָרבן,
איז באַלד קיין שכם אַוועק זיין זון רחבעם,
אויך גאַנץ ישראל איז אַהין געקומען,
אים קרוינען פאַר אַ קיניג.
און ס'האָט דער פאָלק גערופן פון מצרים
ירבעם, זון נבט'ס, וואָס איז אַהין אַנטלאָפן
נאָך אין די טעג פון קיניג שלמה,
און ער איז מיטן פאָלק קיין שכם געקומען,
און זיי האָבן רחבעמען אַזוי געזאָגט:
„דיין טאַטע האָט אונז שווער געמאַכט דעם יאָך;
מאַך דו אונז גרינגער, וועלן מיר דיך דינען!
האָט ער צו זיי געזאָגט: גייט איצט אַוועק
און קומט צוריק אין דריי טעג שפּעטער.
און ס'איז דער פאָלק אַוועק פון אים.
האָט ער געפרעגט אַן עצה ביי די אַלטע,
וואָס האָבן נאָך געדינט זיין פאָטער שלמה:
וואָס זאָל איך ענטפערן דעם פאָלק?
און זיי האָבן געענטפערט אים אַזוי:
אויב דו וועסט היינט בלויז זיין אַ קנעכט ביים פאָלק,
און וועסט זיי זאָגן גוטע ווערטער,
וועט דיר דער פאָלק דעם גאַנצן לעבן דינען.
האָט ער פאַרלאָזט די עצה פון די זקנים
און זיך געעצהט מיט די יונגע לייט,
וואָס האָבן זיך געהאָדעוועט מיט אים
און זיינען איצט פאַר אים געשטאַנען:
וואָס זאָל איך ענטפערן דעם פאָלק,

וואָס האָט פון מיר אצינד פאַרלאַנגט
פאַרגרינגערן מיין טאַטנס יאָך אויף זיי?
און ס'האָבן אים די יונגע לייט געענטפערט:
אַזוי זאָלסטו זיי ענטפערן:
מיין קלענסטער פינגערל איז גרעבער
ווי די לענדן פון מיין טאַטן.
מיין טאַטע האָט אַרויפגעלייגט אַ יאָך
אויף אייך, און איך וועל אים נאָך שווערער מאַכן.
מיין טאַטע האָט געשמיסן אייך מיט ריטער
און איך וועל שמייסן אייך מיט דערנער.
און אַז ירבעם איז געקומען מיטן פאָלק
דעם דריטן טאָג צום קיניג נאָך אַן ענטפער,
האָט ער אַ האַרבן ענטפער זיי געגעבן;
פאַרלאָזט די עצה פון די אַלטע לייט,
געפאָלגט די עצה פון די יונגע לייט
געזאָגט: מיין טאַטע האָט אַ יאָך געלייגט
אויף אייך, און איך וועל אים נאָך שווערער מאַכן
מיין טאַטע האָט געשמיסן אייך מיט ריטער
און איך וועל שמייסן אייך מיט דערנער.
און ווי ישראל האָט דערהערט
אַז ס'וויל דער קיניג זיי ניט נאָכגעבן,
באַלד האָבן אַלע אויסגערופן:
מיר האָבן ניט קיין טייל אין דודן
און ניט קיין אַרב אין ישי'ס זון;
ישראל, גיי אין דיינע היימען,
און דוד זאָל ביי זיין משפחה בלייבן!
און ס'זיינען אַלע זיך צוגאַנגען אין די היימען,
נאָר די, וואָס וואוינען אין די שטעט יהודה'ס —
אויף זיי בלויז האָט רחבעם נאָך געקיניגט.
רחבעם האָט געשיקט אדורמען נאָך שטייער,
האָט אים דער פאָלק צום טויט פאַרשטיינט.
רחבעם האָט זיך אין אַ רייטוואָגן

געזעצט און באַלד אַנטלאָפֿן קיין ירושלים.
און דאַמאָלס האָט ישראל ווידערשפּעניגט
אַנטקעגן דודס הויז ביז היינטיגס טאָג.
און אַז ישראל האָט דערהערט,
אַז ס'האָט ירבעם זיך צוריקגעקערט,
האָט באַלד די עדה אים געלאָזן רופֿן
און גאַנץ ישראל האָט געקרוינט אים פֿאַר אַ קיניג;
געבליבן איז מיט דודס הויז
דער שטאַם יהודה נאָר אַליין.
רחבעם האָט אין שטאָט ירושלים
פֿאַרזאַמלט הונדערט אַכציג טויזנט יונגען
פֿון שטאַם יהודה און פֿון שטאַם בנימין,
געוואָלט מלחמה האַלטן מיט ישראל,
און זיך ברייִנגען זיך צוריק די מלוכה.
נאָר ס'איז אַ מאַן פֿון גאָט געקומען,
געהייסן שמעיה, און געזאָגט אַזוי:
איר זאָלט ניט גיין און ניט מלחמה האַלטן
מיט אַט די ברידער אייערע, די בני - ישראל;
גייט איטלעכער צוריק אַהיים צו זיך,
ווייל ס'איז פֿון מיר געשען די זאַך דיזאָזיגע.
און זיי האָבן געפֿאָלגט גאָטס וואָרט
און אומגעקערט זיך איטלעכער אַהיים.

*

רחבעם איז צו איינאונפֿערציג יאָר געוואָרן קיניג
און האָט געקיניגט זיבעצן יאָר אין ירושלים
און ס'האָט יהודה קעגן גאָט געזינדיגט.
געשטעלט זיך הויכקייטן, מצבות, לינדבוימער
אויף איטלעכם הויכן בערגל
און אונטער איטלעכם גרינעם בוים
געווען אויך שאַנד - יונגען אין לאַנד,
באַגאַנגען אַלע שענדלעכקייטן, ווי די פֿעלקער,
וואָס ס'האָט פֿאַרטריבן גאָט פֿאַר בני - ישראל.

אין פינפטן יאָר פון רחבעמס קיניגשאפט
איז קיין ירושלים אויפגעגאנגען
דער קיניג שישק פון מצרים,
האָט צוגענומען אַלע אוצרות פון גאָטס טעמפּל,
אויך אַלע אוצרות פונם קיניגס טעמפּל,
אויך שלמה׳ס פּאַנצער - שילדן, גאָלדענע,
און ס׳האָט רחבעם אָנשטאָט זיי געמאַכט
פון קופּער פּאַנצער - שילדן,
זיי אָפּגעגעבן צו די לויפערס - וועכטערס
און ווען דער קיניג פלעגט אין גאָטס הויז קומען,
פלעגט מען די פּאַנצער־שילדן ברייננגען אין א קאמער.
רחבעם האָט די גאַנצע יאָרן
געפירט מלחמות מיט ירבעמען
געשטאָרבן אין שטאָט דודס
און געפונען דאָרט זיין קבר
און ס׳האָט געקיניגט אָנשטאָט אים זיין זון אבים.

# ירבעם בן נבט

ירבעם איז אוועק פון שכם
און האָט פאַנאַנדערגעבויט פנואל.
האָט ער געטראַכט: איצט וועט די מלוכה
זיך אומקערן צו דודס הויז:
דער פאָלק וועט גיין קרבנות שעכטן
אין טעמפּל גאָטס אין ירושלים,
און ס'וועלן הערצער זיך דערנענטערן
צו זייער האַר רחבעמען,
און דאַמאָלס וועלן זיי מיך טויטן
און צו רחבעמען צוריקגיין.
האָט ער אַן עצה זיך געהאַלטן
און האָט צוויי גאָלד־קעלבער געשטעלט
אין בית־אל איינעם
און אין דן דעם צווייטן,
געזאָגט דעם פאָלק:
איר גייט ניט מער קיין ירושלים!
אָט דאָס איז אייער גאָט, וואָס האָט
אייך פון מצרים אויפגעבראַכט.
און כּוהנים האָט ער באַשטימט
פון פאָלק, ניט פונם שבט לוי;
געיומטובט אינם אַכטן חודש,
אין טאָג דעם פופצענטן,
פּונקט ווי דער יום־טוב אין יהודה,
געבראַכט קרבנות ווי ס'האָט גאָט געהייסן,
נאָר בלויז דעם חודש אויסגעטראַכט.
און ס'איז אַ מאַן אַ געטלעכער
געקומען פון יהודה, אין גאָטס וואָרט
ירבעם איז געשטאַנען גראָד,
געריכערט קטורת ביים מזבח.
רופט אויס דער מאַן דער געטלעכער:
אַזוי זאָגט גאָט צו דיר, מזבח!
עס וועט אַ זון געבוירן ווערן
אין דודס הויז, וועט הייסן יאשיהו,
און ער וועט אויסשעכטן אויף דיר
די אַלע כּוהנים פון במות,
וואָס רויכערן אויף דיר איצט קטורת;
מ'וועט אויף דיר
אויך מענטשן־ביינער ברענען.
און האָט אַ צייכן אויך געגעבן:
באַלד וועט צעשפּאָלטן דער מזבח,
די אַש אויף אים שיט זיך פאַנאַנדער.
ירבעם האָט געהערט די ווערטער
האָט ער זיין האַנט געשטרעקט
אַריבער דעם מזבח
און אויסגעשריען: כאַפּט אים!
האָט אים די האַנט באַלד אָפּגעדאַרט,
ניט מער געקענט איר איינבויגן,
צעשפּאָלטן האָט זיך דער מזבח,
די אַש פון אים אַראָפּגעשאָטן,
ווי ס'האָט דער מאַן דער געטלעכער
דעם צייכן אים געגעבן.
און ס'האָט דער קיניג אים געזאָגט:

בעט גאָט, מיין האַנט זאָל זיין געזונט!
האָט יענער גאָט געבעטן
און ס'איז די האַנט געזונט געוואָרן.
זאָגט אים דער קיניג: קום מיט מיר,
מיר וועלן שפּייזן אין מיין הויז,
און כ'וועל דיר געבן אַ געשאַנק.
נאָר ס'זאָגט דער מאַן דער געטלעכער:
אויב דו גיסט מיר אַ האַלבע הויז,
וועל איך מיט דיר קיין ברויט ניט עסן
און ניט קיין וואַסער טרינקען דאָ.
ווייל ס'האָט מיר גאָט אַזוי באַפוילן,
איך זאָל קיין ברויט ניט עסן,
קיין וואַסער אויך ניט טרינקען
און ניט צוריקגיין אינם זעלבן וועג.
איז דאָרט געווען אַן אַלטער נביא,
האָט אים זיין זון דאָס אַלץ דערציילט,
וואָס ס'האָט דער מאַן דער געטלעכער
דעם טאָג געטאָן ביים קיניג.
און ס'פרעגט דער נביא זיינע זין:
מיט וועלכן וועג איז ער געגאַנגען?
און זיי האָבן געוויזן אים דעם וועג.
האָט ער געהייסן אָנזאָטלען דעם אייזל,
אַוועק צום מאַן דעם געטלעכן,
געזען אים זיצן ביי אַ לינדע
און אים געפרעגט: צי דו ביסט עס
דער מאַן דער געטלעכער פון לאַנד יהודה?
האָט ער געענטפערט: דאָס בין איך.
זאָגט אים דער אַלטער: קום מיט מיר
און וועסט מיט מיר אין מיין הויז שפּייזן,
זאָגט ער: איך קען ניט גיין מיט דיר,
ווייל ס'האָט מיר גאָט אַזוי באַפוילן;
איך זאָל קיין ברויט ניט עסן דאָ

און אויך קיין וואַסער דאָ ניט טרינקען
און ניט צוריקגיין אינם זעלבן וועג.
זאָגט אים דער אַלטער: איך בין אויך
אַ נביא גלייך ווי דו,
און ס'האָט אַ מלאך מיר געזאָגט:
גיי, ברענג צוריק אים אין דיין הויז
צום עסן ברויט און טרינקען וואַסער
(דער אַלטער האָט אים אָפּגענאַרט)
איז ער מיט אים אין שטוב געגאַנגען,
געגעסן ברויט, געטרונקען וואַסער.
און ווי זיי זיצן דאָרט ביים טיש,
זאָגט אים דער אַלטער אין גאָטס וואָרט:
ווייל דו האָסט ווידערשפּעניגט גאָט,
וועט דיין נבלה ניט באַגראָבן ווערן.
און נאָכן עסן האָט מען אים
אַן אייזל אָנגעזאָטלט,
און ער האָט אָפּגעריטן ווייטער.
האָט אים אין וועג אַ לייב געטראָפן
און אים צעריסן.
האָט די נבלה זיך געוואַלגערט,
און ס'איז דער אייזל דאָ געשטאַנען
און אויך דער לייב שטייט לעבן אים,
און מענטשן האָבן עס געזען
און באַלד דערציילט דעם אַלטן נביא.
איז ער געפאָרן און געזען —
דער לייב, דער אייזל שטייען ביידע
ביי דער נבלה פונעם מאַן;
דער לייב האָט די נבלה ניט געפרעסן
און אויך דעם אייזל ניט פאַרצוקט.
האָט ער דעם מת גענומען אויפן אייזל,
געבראַכט צוריק אין שטאָט אַריין
און אים באַקלאָגט: אוי, ברודער מיינער!

אַריינגעלייגט אים אין אַ קבר
און אָנגעזאָגט די זין:
אַז איך וועל שטאַרבן, זאָלט איר מיך
אַריינלייגן אין אָט דעם קבר,
ווייל ס'וועט זיין וואָרט מקוים ווערן.
אין יענער צייט איז קראַנק געוואָרן
ירבעמ'ס זון אביה.
האָט ירבעם צו זיין ווייב געזאָגט:
פאַרשטעל דיך, ביז ניט צו דערקענען,
אַז ביסט ירבעמ'ס ווייב
און גיי קיין שילה צו אחיה'ן,
וואָס האָט מיר פאָרגעזאָגט די מלוכה,
נעם מיט צען ברויטלעך, צוויבאַקן,
אַ קריגל האָניג, און ער וועט
דיר זאָגן, וואָס עס וועט געשען
מיט אונזער זון, צי ער וועט לעבן?
און ס'האָט זיין ווייב אַזוי געטאָן,
אַוועק קיין שילה צו אחיה'ן,
און ער איז בלינד געווען פון עלטער.
האָט ער די טריט אירע דערהערט
און איר געזאָגט: קום, ווייב ירבעמ'ס!
צו וואָס זאָלסטו פאַרשטעלן זיך?
איך האָב פאַר דיר אַ הארבן וואָרט.
גיי זאָג ירבעמען דיין מאַן.
גאָט האָט פון פאָלק דיך אויפגעהויבן,
געמאַכט צום פירשט איבער ישראל,
די מלוכה דודס אויפגעריסן
און דיר אַוועקגעגעבן איר;
און דו ביסט ניט געווען ווי דוד,
האָסט ניט געטאָן וואָס מיר געפעלט,
און די געבאָטן מיינע ניט געהיט,
געטאָן נאָך ערגער ווי די פאָרגייערס,
און מיך פאַרוואָרפן הינטער זיך, —
ברענג איך אַ צרה אויף דיין הויז,
פאַרטיליג איטלעכם מאַנספּאַרשוין
און איטלעכם הערשער, איטלעכם העלפער,
און איך וועל אויסקערן דיין הויז,
ווי מען ראַמט אוים די מיסט אינגאַנצן.
ווער ס'שטאַרבט אין שטאָט,
דעם פרעסן הינט,
ווער ס'שטאַרבט אין פעלד,
דעם פרעסן פויגעלעך פון הימל —
אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
און דו גיי אין דיין היים צוריק;
ווי ס'טרעט דיין פוס אין שטאָט אַריין,
באַלד שטאַרבט דאָס קינד, און גאַנץ ישראל
וועט אים באַקלאָגן און באַגראָבן
— נאָר דער אַליין וועט ביי ירבעמען
אין קבר קומען, ווייל פאַראַן
אין אים נאָך עפּעס גוטס. און גאָט
וועט אויפשטעלן אַ קיניג אויף ישראל,
וואָס וועט פאַרטיליגן ירבעמס הויז
און אויפגעטרייסלט ווערן וועט ישראל
ווי ס'וויגט זיך דער אַאיר אין וואַסער.
און ס'איז ירבעמס ווייב אַוועק,
און איז קיין תרצה אָנגעקומען,
ווי זי איז נאָר אויף שוועל פון שטוב
געקומען, איז דאָס קינד געשטאָרבן,
און ס'האָט ישראל אים באַקלאָגט
און אים באַגראָבן, ווי גאָטס וואָרט.
ירבעם האָט געקיניגט צוויי
און צוואַנציג יאָר און איז געשטאָרבן,

# א ל י ה ו

געווען אַ קיניג אין ישראל,
געהייסן אחאב, זון פון עמרי,
האָט ער געזינדיגט שווער פאַר גאָט,
אַ ווייב גענומען זיך — איזבל,
אַ טאָכטער פונם צידון - קיניג,
אַליין געדינט דעם אָפּגאָט בעל,
פאַר אים געבויט אויך אַ מזבח,
אַ טעמפּל אויפגעשטעלט אין שומרון,
אַוועקגעשטעלט דאָרט אויך אַ לינדבוים
און מער פון אַלע מלכים פאַר אים
דערצערנט גאָט ישראלס.

---

אַמאָל האָט אליהו - תּשבי
אַן איינוואוינער פון דער שטאָט גלעד
געזאָגט צו אחאבן דעם קיניג:
איך שווער ביי גאָט, ישראלס גאָט,
אַז ס'וועט ניט זיין אין אָט די יאָרן
קיין טוי ניט און קיין רעגן ניט,
כּל זמן עס וועט מיין וואָרט ניט קומען.

---

און באַלד האָט גאָט באַפוילן אים:
אַנטלויף פון דאַנען, גיי אויף מזרח,
באַהאַלט זיך לעבן טייכל כּרית,
וואָס פאַרן ירדן, וועסטו דאָרט
פון טייכל טרינקען, און איך האָב
די קראָען פון דער לופט באַפוילן,
זיי זאָלן שפּייז דיר בריינגען דאָרט.
האָט אליהו גאָט געפאָלגט,
באַזעצט זיך לעבן טייכל כּרית,
און ס'האָבן קראָען ברויט און פלייש
געבראַכט אים פרי און אָוונט - צייט
און פונם טייכל פלעגט ער טרינקען.
און אַז עס איז אַ צייט אַוועק,
קיין רעגן אַלץ נאָך ניט געווען,
ווערט אויך דער טייכל אויסגעטריקנט.
און גאָט זאָגט דאַמאָלס אליהון:
שטיי אויף און גיי אַוועק קיין צרפת,
אין צידון - לאַנד, וועסט דאָרטן זיצן,
איך האָב באַפוילן דאָרט אַ פרוי,
אַן אלמנה, דיך צו שפּייזן.
און ער שטייט אויף און גייט קיין צרפת
און ווי ער קומט צום טיר פון שטאָט
האָט ער דערזען, די פרוי - אלמנה
קלייבט העלצלעך, און האָט איר גערופן:
„דערלאַנג נאָר מיר אַביסל וואַסער!
צום טרינקען אין אַ כּלי". זי איז
געגאַנגען בריינגען, רופט ער איר:
און בריינג מיר אויך אַ פּענעץ ברויט!
זאָגט אים די פרוי: איך שווער ביי גאָט,
אַז איך פאַרמאָג קיין קוכן ניט,
נאָר בלויז אַביסל מעל אין קרוג
און אויך אַביסל אייל אין פלאַש.

אָט קלייב איך מיר דאָ אַ פּאָר העלצלעך,
און איך וועל גיין און צוגרייטן
פאַר מיר און פאַר מיין זון אַ קוכן
— עסן מיר אים אויף און שטאַרבן.
זאָגט אליהו איר: ניט פאַרכט!
גיי טו, ווי דו האָסט איצט געזאָגט,
נאָר איין קליין קוכן מאַך מיר פריער
און טראָג אַרויס פאַר מיר צום עסן,
און פאַר איךביידן מאַכסטו שפּעטער.
ווייל אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
ס'וועט די מעל פון קרוג ניט אויסגיין
און ס'וועט די אייל פון פלאַש ניט פעלן
ביז וואַנען גאָט וועט רעגן ברענגען
און וועט באַפרוכפּערן די ערד.
איז זי געגאַנגען און געטאָן,
ווי אליהו האָט געהייסן,
און האָט געהאַט מיט איר פאַמיליע
אַ לאַנגע צייט דערפון צו עסן,
דער מעל - קרוג איז ניט אויסגעגאַנגען,
די אייל - פלאַש האָט ניט אויסגעפעלט,
ווי אליהו האָט געזאָגט.

---

און נאָך דער דאָזיגער געשיכטע,
איז איינמאָל דער אַלמנהס יונג,
געוואָרן קראַנק און גאָר פאַרשלאָפט,
געבליבן שוין גאָר אָן אַן אָטעם.
און ס'זאָגט די פרוי צו אליהו:
וואָס האָסטו, מאַן דו געטלעכער,
צו מיר? למאי אַהער געקומען
מיין זינד דערמאָנען און מיין זון
דערהרגענען? זאָגט אליהו:
גיב מיר דיין זון אַהער!

ער נעמט דעם קינד פון מאַמעס שויס
און ברענגט אים אין דער אויבער־שטוב,
וואו ער אַליין האָט דאָרט געוואוינט,
און לייגט אים אין זיין בעט אַריין
און איז מתפלל: גאָט מיין גאָט,
צי ווע סטו אויך אָט דער אַלמנה,
וואָס האַלט מיך אויף ביי זיך אין שטוב,
ניט שוינען, און דעם זון איר טויטן?
און האָט זיך דריי מאָל אויסגעצויגן
אויפן קינד, צו גאָט גערופן,
ער זאָל צוריק דעם קינד באַלעבן
און גאָט האָט צוגעהערט זיין קול —
דער יונג האָט אויפגעלעבט צוריק.
האָט אליהו אים גענומען
אַראָפּגעבראַכט פון אויבער - שטוב,
אָפּגעגעבן אים דער מוטער,
געזאָגט: אָט זע, עס לעבט דיין זון.
און ס'האָט די פרוי צו אים געזאָגט:
איצט ערשט בין איך געוואָר געוואָרן,
אַז ביסט אַ מאַן אַ געטלעכער
און גאָטס וואָרט אין דיין מויל איז אמת.

---

דעם דריטן יאָר האָט גאָט געזאָגט
צו אליהו אָט אַזוי:
דו גיי באַווייז זיך אחאבן,
און איך גיב רעגן אויף דער ערד.
איז אליהו אָפּגעגאַנגען
באַווייזן זיך פאַר אחאבן.
און ס'איז אין שומרון
דער הונגער זייער שטאַרק
און אחאָב רופט דעם עובדיהו
וואָס האָט די אויפזיכט אויף זיין פּאַלאַץ

— און עובדיהו איז גאָטפאָרכטיק;
בעת איזבל האָט פאַרטיליגט
גאָטס נביאים פון דער לאַנד,
האָט גענומען עובדיהו
הונדערט נביאים און באַהאַלטן
אין קעלערס זיי, צו פופציק מאַן,
מיט ברויט און וואַסער זיי געשפּייזט—
און אַחאָב זאָגט צו עובדיהו.
דו גיי אין לאַנד, צו אַלע קוואַלן,
און אַלע טייכן, וואו נאָר וואַסער,
געפינט זיך אפשר וואו אַ גרעזל,
דערהאַלטן מיר אַ פערד און מוילטיר
און בלייבן ניט אין לאַנד אָן בהמות.
זיי האָבן זיך די לאַנד צוטיילט.
אין איין וועג איז געגאַנגען אַחאָב
און עובדיהו אין דער צווייטער.
ווי עובדיהו גייט אין וועג
דערזעט ער אליהו גיין,
דערקענט אים, פאַלט פאַר אים צו דרערד
און פרעגט: ביסטו מיין האַר אליהו?
זאָגט ער אים: איך! גיי זאָג דיין האַר:
„אָט איז אליהו״ און ער זאָגט:
וואָס בין איך זינדיק? פאַרוואָס ווילסטו
אין אַחאָבס האַנט מיך איבערגעבן,
צו טויטן מיך? כ׳שווער ביי דיין גאָט,
אויב ס׳איז פאַראַן אַ פאָלק, אַ לאַנד,
וואו ס׳האָט מיין האַר דיך ניט געזוכט
און אַז מ׳האָט געזאָגט: ניטאָ! —
האָט ער באַשוואָרן לאַנד און פאָלק,
צי האָט מען פאַרט דיך ניט געפונען!
אַצינד זאָגסטו מיר: גיי און זאָג
דעם האַר. „אָט איז דאָרט אליהו!״

און ווי איך גיי אַוועק פון דיר
וועט דיך גאָטס גייסט פאַרטראָגן ערגעץ
און אַחאָב וועט דיך ניט געפינען
און וועט מיך טויטן! און דיין קנעכט
איז דאָך פון קינדרוויז אָן גאָטפאָרכטיג,
האָט מען דערציילט דאָך דיר מיין האַר,
וואָס כ׳האָב געטאָן! בעת איזבל —
האָט טויט געשלאָגן גאָטס נביאים,
האָב איך באַהאַלטן הונדערט מאַן
צו פופציג ־ פופציג אין אַ קעלער,
און זיי געשפּייזט מיט ברויט און וואַסער!
זאָגט אליהו: כ׳שווער ביי גאָט,
אַז היינט וועל איך זיך אים באַווייזן!
איז עובדיהו באַלד אַוועק,
געטראָפן אַחאָבן, דערציילט אים.
און אַחאָב איז מיט עובדיהון
געגאַנגען טרעפן אליהון.
דערזען אים, רופט זיך אַחאָב אָן:
ביסט דאָ, פאַרדאַרבער פון ישראל?
זאָגט אליהו אים: ניט איך
האָב ישראלן פאַרדאָרבן
נאָר דו און דיין הויזגעזינד,
ווייל פאַרלאָזן גאָטס געבאָט
און געגאַנגען נאָך די בעלים.
דו שיק אַצינד און קלייב צונויף
גאַנץ ישראל צום באַרג כרמל
און די נביאים פונם בעל
פיר הונדערט און פופציג מאַן
און די נביאים פונם לינדבוים
אויך פיר הונדערט מאַן אין צאָל,
וואָס עסן פון איזבלס טיש.
און אַחאָב האָט אַזוי געטאָן,

צונויפגעקליבן צום באַרג כּרמל
גאַנץ ישׂראל און די נביאים.
האָט אליהו זיך דערנענטערט
צום פאָלק און אויסגערופן הויך:
ווי לאַנג נאָך שפּרינגט איר אויף צוויי
צווייגלעך?
איז גאָט דער גאָט, טאָ גייט נאָך אים,
און אויב דער בעל — גייט נאָך יענעם
האָט אים דער פאָלק קיין וואָרט גע־
ענטפערט.

און אליהו זאָגט צום פאָלק:
איך בין געבליבן בלויז איין נביא
ביי גאָט, און דאָ דער בעל האָט
נביאים פיר הונדערט און פופציק,
טאָ זאָל מען געבן אונז צוויי אָקסן,
זיי זאָלן אויסקלייבן זיך איינעם,
צושניידן אים, אויף האָלץ אים לייגן,
קיין פייער בלויז ניט אונטערלייגן,
און איך וועל מאַכן זיך דעם צווייטן
אַרויפלייגן אים אויף די העלצער,
קיין פייער אויך ניט אונטערלייגן,
און איר וועט רופן אייער גאָט,
און איך רוף מיין גאָט מיטן נאָמען,
און דער גאָט, וואָס וועט ענטפערן
מיט פייער — אָט דער איז אַ גאָט.
און ס'האָט דער פאָלק געענטפערט: גוט!
און אליהו רופט זיך אָן
צו די נביאים פונם בעל:
קלייבט אויס דעם ערשטן אָקס פאַר זיך
און מאַכט אים פריער דאָ צורעכט
ווייל איר זיינט דאָך די גרויסע צאָל,
און רופט ביים נאָמען אייער גאָט
און לייגט קיין פייער בלויז ניט אונטער
און זיי האָבן [illegible] אָקס גענומען,
צורעכט געמאַכט אים און גערופן
צום בעל פון פרי ביז צום מיטאָג
אַרום מזבח שפּרינגענדיק,
גערופן: „בעל, ענטפער אונז!‟
ניטאָ קיין קול, און קיינער ענטפערט!
און מיטאָג ־ צייט האָט אליהו
פון זיי שוין אָנגעהויבן שפּאָטן,
געזאָגט: נו, רופט אַביסל העכער!
ער איז אַ גאָט דאָך, אפשר איז ער
פאַרהאָוועט און פאַרשמאַיעט דאָרט,
צי גאָר אַוועקגעפאָרן ערגעץ,
און אפשר שלאָפט ער גאָר אַצינד
טאָ שרייט, וועט ער זיך אויפכאַפּן!
און זיי האָבן געשריען הויך,
די לייבער איינגעשניטן זיך
מיט שווערדן שאַרפע און מיט שפּיזן,
ביז ס'איז אַזש בלוט פון זיי גערונען
און אַז ס'איז מיטאָג ־ צייט אַוועק
ביז מנחה ־ צייט געזאָגט נבואות —
קיין קול, קיין ענטפער, קיין שום קלאַנג!

---

און אליהו זאָגט צום פאָלק:
„איצט קומט אַהער!‟ זיי גייען צו:
האָט ער צוערשט צורעכט געמאַכט
דעם אומגעוואָרפענעם מזבח,
גענומען דאָרטן שטיינער צוועלף
לויט צאָל פון יעקבס שבטים צוועלף
און אַ מזבח אויפגעבויט,
אַרום מזבח אויסגעגראָבן
אַ גראָבן אויף צוויי סאָה די ברייט

די האָליץ צוליגט, דעם אָקס צושניטן,
געלייגט אים אויף די העלצעלעך,
געזאָגט: גיסט אָן פיר קריג מיט וואסער
גיסט אויף דער עולה און די האָלץ,
אַ צווייטן מאָל, אַ דריטן מאָל!
און וואָס ער זאָגט, אַלץ טוען זיי.
און ס'איז די וואסער שוין גערונען
אַרום מזבח אינם גראָבן,
איז אויך דער גראָבן—פול מיט וואסער.
און ווי עס קומט די מנחה - צייט
האָט זיך דערנענטערט אליהו,
דער נביא, און געזאָגט: אָ גאָט
פון אברהם, פון יצחק און
ישראל! היינט מאַך עס באַקאַנט,
אַז דו דער גאָט ביסט אין ישראל
און איך דיין קנעכט בין, און אַז איך
האָב אַלץ געטאָן לויט דיין באַפעל!
אַ ענטפער מיר, גאָט, ענטפער מיר!
און וויסן זאָל דער גאַנצער פאָלק,
אַז דו ביסט גאָט דער איינציגער
און האָסט די האַרץ זיי אומגעקערט!
און ס'איז אַראָפּ פון גאָט אַ פייער
פאַרברענט די עולה און די העלצער,
אויך די שטיינער און די ערד,
אויך די וואסער, וואָס אין גראָבן,
האָט דער פייער אויסגעלעקט.
האָט דער גאַנצער פאָלק געזען,
און געפאַלן אויפן פנים
און גערופן און געזאָגט:
אדוני אַליין איז גאָט!
אדוני אַליין איז גאָט!
האָט געזאָגט זיי אליהו:

כאַפּט - זשע באַלד די בעל - נביאים,
קיינער זאָל פון זיי אַנטרינען.
און דער פאָלק האָט זיי געכאַפּט,
האָט געפירט זיי אליהו
צום טייך קישון! דאָרט אַרונטער
און זיי אַלע אויסגעשאָכטן,
און צו אחאבן געזאָגט:
גיכער גיי און עס און טרינק,
ווייל דאָ קלייבט זיך שוין אַ רעגן.
אחאב איז אוועק צום עסן
און אליהו איז אַרויף
אויפן שפּיץ פון כּרמל - באַרג
און אויף דר'ערד זיך אײסגעצויגן,
און זיין קאָפּ אַריינגעשטעקט
צווישן זיינע קני און באַלד
געזאָגט צום יונג: גיי קוק ביים ים!
אוועק דער יונג, צוריקגעקומען
און אים געזאָגט: ס'איז גאָרניטאָ!
אַזוי האָט ער אים זיבן כּאָל
געהייסן גיין און זען און זאָגן.
און אַז ס'איז זיבן מאָל אַריבער
איז ער געקומען און געזאָגט:
אַ וואָלקנדל אַ קליינינקער,
גרויס ווי אַ פויסט, גייט אויף פון ים.
זאָגט אליהו אים: גיי גיך,
זאָג אחאָבן: שפּאַן איין און פאָר,
זאָל דיר דער רעגן ניט פאַרהאַלטן!
און ס'האָט דער הימל זיך פאַרכמאַרעט,
אַ ווינט האָט אָנגעטריבן וואָלקנס,
און ס'איז אַראָפּ אַ גרויסער רעגן,
און אחאב איז פון דאָרט אוועק
און אָפּגעריטן קיין יזרעאל.

איז גאָט געווען מיט אליהו,
האָט ער די לענדן אָנגעגורט
געלאָפן אַלץ פאַר אחאבן,
ביז אָנגעקומען קיין יזרעאל.

---

און אחאב האָט איזבלן
דערציילט, אַז אליהו האָט
די נביאים אַלע טויטגעשלאָגן.
און זי האָט באַלד געשיקט אַ שליח
צו אליהון אָנצוזאָגן:
„איך שווער ביי מיינע געטער, אַז
ביז מאָרגן ביסטו גלייך ווי זיי!"
האָט אליהו זיך דערשראָקן
אַנטלאָפן קיין באר - שבע, דאָרט
זיין יונג געלאָזט, אַליין אוועק
אַ טאָג גאַנג אין דער מדבר טיף,
געזעצט זיך ביי אַ באָקסער - בוים
און האָט אויף זיך דעם כּויח געבעטן,—
געזאָגט: „גענוג אצינד, אָ גאָט,
נעם צו מיין לעבן, ווייל איך בין
ניט בעסער פון די זיידעס מיינע!"
נאָכדעם ביים באָקסבוים איינגעשלאָפן.
און אָט אַ מלאך רירט אים אָן
און זאָגט אים: הויב זיך אויף און עס!
ער הויבט זיך אויף און טוט אַ בליק
צוקאָפּנס ליגט אַ קוילן - קוכן
און דערביי אַ פלאַש מיט וואַסער.
האָט ער געגעסן און געטרונקען
און ווידער שלאָפן זיך געלייגט.
קומט נאָכאַמאָל צו אים אַ מלאך
און רירט אים אָן און זאָגט צו אים:
הויב אויף זיך נאָכאַמאָל און עס,
ווייל ס'ליגט פאַר דיר אַ וויַיטער וועג.
איז אליהו אויפגעשטאַנען
און האָט געגעסן און געטרונקען
און איז געגאַנגען מיטן כּוח
פון יענעם עסן פערציק טעג
און פערציק נעכט ביז גאָטס באַרג חורב.
און איז אַריין דאָרט אין אַ הייל
און דאָרט גענעכטיקט. האָט אים גאָט
געפרעגט: וואָס ווילסטו, אליהו?
זאָגט ער: „איך אייפער פאַר גאָט צבאות,
ישראל האָט דיין בונד פאַרלאָזן,
צובראָכן די מזבחות דיינע
און די נביאים טויטגעשלאָגן
און איך בין בלויז אַליין געבליבן,
זוכן זיי אויך מיך צו טויטן".
זאָגט גאָט אים: גיי אַרויס פונדאַנען
און שטעל זיך אויפן באַרג פאַר גאָט,
און אָט וועט גאָט פאַרבייגיין דאָרטן;
עס ברויזט אַ גרויסער שטאַרקער ווינט,
ער רייסט די בערג און ברעכט די פעלזנס
—ניט מיטן ווינט באַווייזט זיך גאָט—
און נאָכן ווינט קומט אָן דער שטורים,
— ניט מיטן שטורים ווייזט זיך גאָט.
און נאָכן שטורים קומט אַ פייער
— ניט מיטן פייער ווייזט זיך גאָט —
און נאָכן פייער גייט פאַרביי
אַ קלאַנג פון זאַנפטער שווייגעוודיגקייט.
האָט אליהו עס דערהערט
האָט ער אין מאַנטל זיך פאַרוויקלט,
אַרויס און זיך געשטעלט ביים הייל
און אָט רופט אים אַ זאַנפטע שטים
און פרעגט: וואָס ווילסטו, אליהו?

זאָגט ער: „איך אייפער פאַר גאָט צבאות,
ישראל האָט דיין בונד פאַרלאָזן
צעבראָכן די מזבחות דיינע
און די נביאים טויטגעשלאָגן
און איך בין בלויז אַליין געבליבן
זוכן זיי אויך מיך צו טויטן".
זאָגט גאָט אים: גיי און קער זיך אום
אין וועג צום מדבר פון דמשק
און גיי און זאַלב חזאלן
צום קיניג פון ארם
און יהוא, זון פון נמשי, זאַלב
צום קיניג אויף ישראל
און זאַלב אלישען, זון פון שפט,
צום נביא אָנשטאָט דיר;
אַנטלויפט ווער פון חזאלס שווערד,
וועט טויטשלאָגן אים יהוא;
אַנטרינט ער אויך פון יהוא'ס שווערד,
וועט טויטן אים אלישע;
און איך לאָז לעבן אין ישראל
בלויז זיבן טויזנט; אַלע קני,
וואָס האָבן ניט געקניט צום בעל
און האָבן ניט געקושט דעם בעל.
אַוועק פון דאָרט, האָט ער באַגעגנט
אלישען זון פון שפט, און
ער אַקערט מיט צוועלף אָקסן - פּאָרן
און גייט אַליין ביים צוועלפטן פּאָר.
האָט אליהו זיך דערנענטערט,
אַ וואָרף געטאָן צו אים זיין מאַנטל,
האָט ער די רינדער באַלד פאַרלאָזן
און נאָכגעלאָפן אליהון
און אים געזאָגט: לאָז מיך נאָר גיין
אַ קוש טאָן טאַטע - מאַמע און
נאָכדעם וועל איך שוין גיין נאָך דיר.
זאָגט ער אים: גיי צוריק אין פעלד,
ווייל וואָס האָב איך דיר איצט געטאָן?
איז ער אַוועק פון אים, גענומען
אַן אָקסן - פּאָר און זיי געשאָכטן
די פלייש געקאָכט, דערלאַנגט דעם פאָלק
און אַלע האָבן עס געגעסן,
און נאָכדעם איז ער אויפגעשטאַנען
און זיך געלאָזט נאָך אליהון
און איז געווען ביי אים אַ דינער.

---

און ס'איז געווען אין יענער צייט,
האָט איינער נבות דער יזרעאלי,
געהאַט אין יזרעאל אַ כּרם
ביים פּאַלאַץ פונם קיניג אחאב.
האָט אחאב נבותן געזאָגט:
שיינק מיר דעם כּרם, וועט ער זיין
ביי מיר אַ גרינס - גאָרטן, ווייל ער
איז נאָענט מיר צו מיין פּאַלאַץ, און
איך גיב פאַר אים דיר אָפּ אַ כּרם
אַ בעסערן; און אויב דו ווילסט
באַצאָל איך דיר פאַר אים מיט געלט.
זאָגט נבות אחאבן: חלילה!
איך גיב מיין ארבֿ דיר ניט אַוועק!
איז אחאב אין זיין הויז געקומען,
אַן אומעטיגער און אַ בייזער,
און האָט זיך אויפן בעט געלייגט,
זיין פּנים אָפּגעקערט צום וואַנט
און ניט געוואָלט קיין שפּייז געניסן.
און ס'קומט איזבל צו און פרעגט אים:
פאַרוואָס איז דיין געמיט צוטראָגן,
פאַרוואָס ווילסטו קיין שפּייז געניסן?

דערציילט ער איר, וואָס ס'איז געשען.
און ס'זאָגט צו אים זיין ווייב איזבל:
צי ווילסטו אָט אַזוי אַצינד
די מלוכה פירן אויף ישראל?!
שטיי אויף און עס און מאַך זיך לוסטיג,
דעם כּרם נבות'עס גיב א י ך דיר!
און זי האָט אָנגעשריבן בריף,
אין אחאבס נאָמען, מיט זיין שטעמפּל,
צו אַלע זקנים און מאַגנאַטן
פון יענער שטאָט, וואו נבות וואוינט,
און אין די בריף אַזוי באַפוילן:
רופט אויס אַ תענית, ברענגט דעם פאָלק
און נבותן זעצט אויבנאָן,
און זעצט אַוועק אַנטקעגן אים
צוויי מענטשן נידערטרעכטיגע,
וואָס זאָלן אויף אים עדות זאָגן:
„האָסט גאָט געלעסטערט און דעם קיניג"
און איר וועט אים אַרויספירן,
פאַרשטייניגן און טויטן.
און ס'האָבן זיינע שטאָט־מענטשן,
די אַלע זקנים און מאַגנאַטן,
געטאָן ווי אין די בריף געשריבן,
באַשטימט אַ תענית צווישן פאָלק
געזעצט דעם נבות אויבנאָן,
אַנטקעגן אים אַוועקגעזעצט
צוויי מענטשן נידערטרעכטיגע,
וואָס האָבן זיך אַוועקגעשטעלט
און אים אין פּנים אויסגעשריען:
„האָסט גאָט געלעסטערט און דעם קיניג"
האָט מען אים באַלד אַרויסגעפירט
פון הינטערן שטאָט און אים פאַרוואָרפן
מיט שטיינער, ביז ער איז געשטאָרבן.

און דאַמאָלס האָט מען אָנגעזאָגט
איזבלן, אַז נבות איז
פאַרשטייניגט און געשטאָרבן שוין.
און ס'זאָגט איזבל אחאבן:
שטיי אויף און גיי פאַרנעם דעם כּרם
פון נבותן דעם יזרעאלי,
וואָס האָט אים ניט געוואָלט פאַרקויפן,
ווייל גבות לעבט שוין ניט, איז טויט.
דערהערט, אַז נבות איז שוין טויט
האָט אחאב זיך געלאָזט פאַרנעמען
דעם כּרם פונם אומגעבראַכטן.

---

האָט גאָט געזאָגט צו אליהו:
גיי גיך אַנטקעגן אחאבן
אָט איז ער דאָרט אין כּרם־נבות,
וואָס ער האָט זיך געלאָזט פאַרנעמען,
גיי באַלד און זאָג אים אָט אַזוי:
האָסטו געמאָרדעט, אויך גערשנט?
טאָ הער אַצינד דעם וואָרט פון גאָט:
אין זעלבן אָרט, וואו ס'האָבן הינט
געלעקט די בלוט פון נבותן,
דאָרט וועלן הינט אויך דיין בלוט לעקן!
און אחאב זאָגט צו אליהו:
האָסטו געפונען מיך, מיין פיינט?
זאָגט ער: איך האָב געפונען דיך!
ווייל דו האָסט דיך פאַרקויפט צו טאָן
דאָס בייז, ברענג איך אויף דיר
דאָס בייז
און איך וועל אויסראַמען ביי דיר,
פאַרטיליגן די וואַנט־פּישערס
און איטלעכס הערשער, איטלעכס העלפער
דערפאַר, וואָס דו האָסט מיך דערצערנט.

נעבראַכט צו זינד דעם פֿאָלק ישראל.
אויך אויף איזבלן זאָגט גאָט:
עס וועלן הינט איזבלס לייב
אין פעסטונג יזרעאלס צופרעסן
ווער ס'שטאַרבט ביי אחאבן אין שטאָט,
אים וועלן אויפפרעסן די הינט,
און ווער עס שטאַרבט ביי אים אין פעלד,
אים וועלן אויפפרעסן די פויגלען.
אז אחאב האָט דערהערט די ווערטער,
האָט ער צוריסן זיינע קליידער
און מיט א זאַק באַדעקט זיין לייב,
געפאַסט, געלעגן אינם זאַק,
אַרומגעגאַנגען טריט ביי טריט.
זאָגט גאָט צו אליהו תשבי:
דו האָסט געזען, ווי אחאב איז
פאַר מיר געוואָרן אונטערטעניג?
דערפאַר וועל איך די שלעכטס ניט ברענגען
אין זיין צייט, נייערט ביי זיין זון
ברענג איך די שלעכטס אויף זיין געזינד.

---

און אחאב זאָגט צו זיינע קנעכט;
צו אונז געהערט דאָך רמות־גלעד;
פאַרוואָס־זשע שווייגן מיר און נעמען
ניט אָפּ איר ביי ארם? דערווייל
איז יהושפט, קיניג יהודה'ס
געווען אין געסט ביים קיניג אחאב.
זאָגט אחאב אים: וועסט גיין מיט מיר
קיין רמות־גלעד אויף מלחמה?
און יהושפט ענטפערט אים:
„איך בין ווי דו, מיין פאָלק ווי דיין פאָלק
און מיינע פערד ווי דיינע פערד".
און ס'האָבן ביידע קיניגן געלאָזט זיך
קיין רמות גלעד אויף מלחמה.
זאָגט אחאב צו יהושפטן:
„איך גיי אין שלאַכט פאַרשטעלטערהייד,
און דו טו אָן די קליידער דיינע!"
און ס'האָט דער קיניג פון ארם
באַפוילן זיינע רייטער־עלצטע
צוויי און דרייסיג: איר זאָלט קעמפן
ניט קעגן קליינע אָדער גרויסע,
נאָר קעגן קיניג פון ישראל.
און ווי די רייטער־עלצטע האָבן
דערזען דעם קיניג יהושפט,
און זיי האָבן געמיינט: אָט דער איז
דער קיניג פון ישראל, און
געלאָזן זיך אין שלאַכט אויף אים,
האָט יהושפט הילף גערופן;
דערזעען שוין די רייטער־עלצטע,
אז דאָס איז ניט ישראלס קיניג,
און טרעטן אָפּ פון הינטער אים.
און איינער האָט, ניט טראַכטנדיג,
געשפאַנט זיין בויגן און געטראָפן
איז אחאבן, ישראלס קיניג,
צווישן פאַנצער און די שופן,
און אחאב רופט צום קוטשער זיינעם:
פאַרקירעווע, פיר מיך אַרויס
פון לאַגער, ווייל איך בין פאַרוואונדעט.
די שלאַכט האָט יענעם טאָג געפלאַקערט.
האָט מען אין רייטוואָגן געהאַלטן
דעם קיניג אחאב, שטייענדיג,
דעם גאַנצן טאָג אַנטקעגן שונא,
ביז ער איז אָוונט־צייט געשטאָרבן,
און ס'איז די בלוט פון וואונד געראָנען
אויף זיין געזעם אין רייטוואָגן.

און אז עס איז די זון פארגאנגען,
האָט מען אין לאַגער אויסגערופן;
אַז איטלעכער זאָל גיין אַהיים.
און אחאבן האָט מען קיין שומרון
אוועקגעפירט, דאָרט צו באַגראָבן,
און אָפּגעוואַשן און געשווייִנקט
דעם רייטוואָגן און די געווער
אין וואַסער פון דעם טייך אין שומרון,
און ס'האָבן הינט די בלוט געלעקט,
ווי אליהו האָט געזאָגט.
און נאָכן טויט פון אחאבן,
איז אחזיהו, אחאבס זון,
געוואָרן קיניג אויף ישראל,
און ער האָט אויך צום בעל געדינט,
אין טאַטע מאַמעס וועג געגאַנגען,
פאַרפירט אין זינד די בני־ישראל,
אַמאָל איז ער אַראָפּגעפאַלן
דורך שווינדל־טרעפּ פון אויבערשטטוב
און קראַנק געוואָרן. שיקט ער שלוחים
צום בעל זבוב, דעם גאָט פון עקרון
און הייסט אים פרעגן, צי ער וועט
נאָך לעבן בלייבן פון דער קרייענק.
און אליהו איז געגאַנגען
אַנטקעגן אחזיהוס שלוחים
און האָט געפרעגט זיי: צי ניטאָ
קיין גאָט שוין אין ישראל, וואָס
איר גייט קיין עקרון צום בעל־זבוב?
גייט באַלד צוריק און זאָגט דעם קיניג:
די בעט, וואָס דו האָסט זיך געלייגט,
וועסטו שוין קיינמאָל ניט פאַרלאָזן,
ווייל אויף אָט דער בעט וועסטו שטאַרבן.
אָפּגעזאָגט עס און אוועק.

און ס'האָבן אחזיהוס שלוחים
פון וועג זיך אומגעקערט צוריק.
פרעגט ער זיי: וואָס זיינט איר געקומען?
דערציילן זיי אים: ס'איז אַ מאַן
אַרויסגעקומען אונז אַנטקעגן
און האָט אונז דאָס און דאָס געזאָגט.
פרעגט זיי דער קיניג: ווי זעט אויס
דער מאַן, וואָס האָט עס אייך געזאָגט?
דערציילן אים די שלוחים: ס'איז
אַ מאַן אַ האָריגער, אַ גאַרטל
אַ לעדערנער אַרום די לענדן.
זאָגט ער: דאָס איז דאָך אליהו!
האָט ער געשיקט צו אים אַן עלצטן
מיט פופציק מאַן. איז ער געגאַנגען,
געזען, אַז אליהו זיצט
דאָרט אויפן באַרג, און אים געזאָגט.
דו מאַן פון גאָט, דער קיניג האָט
באַפוילן, זאָלסט, אַראָפּקומען!
און אליהו ענטפערט אים:
„אויב איך בין יע אַ מאַן פון גאָט,
טאָ זאָל אַראָפּקומען אַ פייער
פון הימל און פאַרברענען דיך
מיט דיינע פופציק!" איז אַ פייער
אַראָפּ פון הימל און פאַרברענט
דעם עלצטן מיט די פופציק זיינע.
האָט אחזיהו נאָכאַמאָל
געשיקט אַ שר מיט פופציק מאַן,
ער קומט און זאָגט: דו מאַן פון גאָט,
דער קיניג הייסט — גיי באַלד אַראָפּ!
און אליהו ענטפערט אים:
„אויב איך בין יע אַ מאַן פון גאָט,
טאָ זאָל אַראָפּקומען אַ פייער

פון הימל און פארברענען דיך
מיט דיינע פופציג". איז א פייער
אראָפּ פון הימל און פארברענט
דעם עלצטן מיט די פופציג זיינע.
און אחזיהו האָט געשיקט
א דריטן שר מיט זיינע פופציג,
און ס'גייט צו אים דער דריטער שר
און קניט פאר אים און בעט ביי אים:
אָ, מאן פון גאָט, דו האָב רחמנות
אויף מיר און דיינע פופציג קנעכט;
צוויי מאָל איז שוין אראָפּ א פייער,
פארברענט די עלצטע מיט די פופציג,
טאָ האָב שוין איצט אויף אונז רחמנות!
זאָגט גאָטס א מלאך אליהון:
„דו גיי מיט אים און האָב קיין פאָרכט!"
און אליהו איז געגאנגען
מיט אים צום קיניג אחזיהו,
און אים געזאָגט: אזוי זאָגט גאָט,
פארוואָס האָסטו געשיקט די שלוחים,
צו פרעגן ביים בעל ־ זבוב אין עקרון?
צי שוין ניטאָ גאָט אין ישראל?
דערפאר וועסטו דיין בעט שוין ניט
פארלאָזן מער, ווייל דו וועסט שטארבן.
און אחזיהו איז געשטאָרבן,
ווי אליהו האָט געזאָגט.

---

און ס'איז געווען אין טאָג, ווען גאָט
האָט אליהון שוין געוואָלט
אין שטורים אויפברייננגען צום הימל,
איז אליהו מיט אלישען
געגאנגען זאלבעצווייט פון גלגל
און אליהו זאָגט אלישען:
זיץ דאָ, ווייל גאָט שיקט מיר קיין בית־אל!
אלישע אָבער ענטפערט אים:
איך שווער ביי גאָט און ביי דיין לעבן,
אויב איך וועל דיר אצינד פארלאָזן!
זיי גייעןביידע ביז קיין בית ־ אל.
און ס'קומען צו די בני ־ הנביאים,
וואָס דאָרט אין בית ־ אל, צו אלישע,
און פרעגן אים: צי ווייסטו אז
גאָט נעמט היינט צו דיין האר פון דיר?
ער ענטפערט זיי: איך וויים עס, שווייגט!
און אליהו זאָגט אלישען:
„זיץ דאָ, גאָט שיקט מיר קיין יריחו!"
אלישע אָבער ענטפערט אים.
איך שווער ביי גאָט און ביי דיין לעבן
אויב איך וועל דיר אצינד פארלאָזן.
און ביידע גייען ביז יריחו.
און ס'קומען צו די בני ־ הנביאים,
וואָס אין יריחו, צו אלישע,
און פרעגן אים: צי ווייסטו אז
גאָט נעמט היינט צו דיין האר פון דיר?
ער ענטפערט זיי, איך וויים עס, שווייגט!
און אליהו זאָגט אלישען:
זיץ דאָ, ווייל גאָט שיקט מיך צום ירדן!
אלישע אָבער ענטפערט אים:
איך שווער ביי גאָט און ביי דיין לעבן
אויב איך וועל דיך אצינד פארלאָזן.
און ביידע גייען ביזן ירדן.
און פופציג יונגע נביאים האָבן
געשטעלט זיך אָן א זייט, אנטקעגן,
ווען ביידע שטייען לעבן ירדן.
און אליהו נעמט זיין מאנטל
און קייקלט אויף און שלאָגט די וואסער

צוטיילט עס זיך אהער ־ אהין
און ביידע גייען דורך אויף טרוקן.
און ווען זיי זיינען שוין אריבער
זאָגט אליהו צו אלישע:
דו בעט, וואָס זאָל איך טאָן דיר, איידער
איך ווער פון דיר אוועקגענומען?
זאָגט אים אלישע: זאָל ביי מיר
צווייפאכיג גייסט זיין, ווי ביי דיר!
זאָגט אליהו: הארב פארלאנגט!
אויב דו זעסט, ווי מ׳נעמט מיך צו,
וועט עס געשען, און אויב ניט — ניט!
און ווי זיי ביידע גייען ווייטער,
גייען ריידן צווישן זיך,
קומט אָן א פייערדיגער וואָגן
געשפּאנט צו פייערדיגע פערד,
און זיי טיילן זיי פאנאנדער
און אליהו איז ארויף
אין שטורים פלאמיגן צום הימל.
און ס׳זעט אלישע און ער שרייט:
אָ, פאָטער מיינער, פאָטער מיינער,
ישראלס רייטוואָגן און רייטערס!
און מער האָט ער אים ניט געזען.
האָט ער גענומען זיינע קליידער
און זיי צוריסן אויף צוויי ריסן
און האָט אויך אליהוס מאנטל,
וואָס איז פון אים אראָפּגעפאלן,
זיך אויפגעהויבן און אוועק.
און זיך געזעצט ביים ברעג פון ירדן,
גענומען אליהוס מאנטל
מיט אים די וואַסערן געשלאָגן,
געשלאָגן און דערביי געשריען:
וואו ביסטו, אליהוס גאָט?
און אויך ביי אים איז עס געשען,
ווי נאָר די וואַסערן געשלאָגן,
באלד זיינען זיי צוטיילט געוואָרן
א העלפט אהער, א העלפט אהין,
און צווישן איז ארורך אלישע
און ווי עס האָבן אים דערזען
די בני ־ הנביאים, וואָס אנטקעגן,
דאָרט אין יריחו, זאָגן זיי:
„עס רוט דער גייסט פון אליהו
אצינד שוין אויף אלישע”. און
זיי גייען אים אנטקעגן און
זיי בוקן זיך פאר אים צו דרערד.
און זאָגן אים: אָט זיינען מיר,
א פופציג יונגען העלדישע,
מיר ווען גיין דיין האר צו זוכן,
ס׳האָט אפשר אים א ווינט פארטראָגן
פארוואָרפן ערגעץ אויף א בארג,
צי אין א טאָל? זאָגט ער: ניין, גייט ניט!
און זיי האָבן אים שטארק געבעטן,
האָט ער געענטפערט: „גייט!” און
ס׳זיינען
די פופציג מאַן אוועק דריי טעג
געזוכט, געזוכט און ניט געפונען
צוריק געקומען קיין יריחו.
זאָגט זיי אלישע: כ׳האָב דאָך דאמאָלס
געזאָגט אייך, אז איר זאָלט ניט גיין!

---

איז ער אוועק פון דאָרט צום כרמל,
נאָכדעם זיך אומגעקערט קיין שומרון.

# א ל י ש ע

און ס'האָבן מענטשן פון דער שטאָט
געזאָגט אלישען: זע, די שטאָט
איז שיין, ווי ס'זעט דער האר אַליין,
נאָר ס'איז די וואסער דאָ פארדאָרבן
און גרוים אין שטאָט די שטארבינקייט.
און ס'האָט אלישע זיי געזאָגט:
ברענגט מיר אהער אַ נייעם טעלער
און שיט אהינצו זאַלץ אריין!
האָט מען געבראכט וואָס ער פארלאנגט
און ער האָט עס צום וואסער־קוואַל
ארויסגעבראכט און האָט די זאַלץ
אין וואסער דאָרט אריינגעשאָטן
געזאָגט דערביי: אַזוי זאָגט גאָט:
איך האָב די וואסער אויסגעהיילט,
עס וועט שוין מער פון דאָרט ניט זיין
פארדאָרבלעכקייט און שטארבינקייט.
די וואסער איז געזונט געוואָרן.

*

איז ער אוועק פון דאָרט קיין בית־אל
און ווי ער גייט אַזוי אין וועג,
ערשט ס'קומען ייִנגלעך פון דער שטאָט
און שפּאָטן אָפּ פון אים און זאָגן:
„אוועק, דו פּליך! אוועק, דו פּליך!"
ער דרייט זיך אום און זעט די יונגען
און שיקט אויף זיי אַ קללה גאָטס
און ס'זיינען בערן צוויי פון וואַלד
ארויס און אויפן אָרט צוריסן
די יונגטלעכע צוויי און פערציק
פון דאָרט איז ער אוועק צום כּרמל
און פון דאָרט צוריק קיין שומרון.

*

און ס'איז יהורם, אחאָב'ס זון,
געוואָרן קיניג אויף ישראל
און מישע, מואב'ס קיניג, פלעגט
ישראלס קיניג צאָלן צינז
יאָר־יערלעך הונדערט טויזנט שעפּסן
און הונדערט טויזנט לעמער וואָל.
נאָך אחאָבס טויט האָט מואבס קיניג
זיך אָפּגעזאָגט די צינז צו צאָלן
און ס'האָט יהורם יענעם טאָג
געציילט די מאַנשאַפט פון ישראל
און אָנגעזאָגט יהודה'ס קיניג,
יהושפטן, און אים געפרעגט:
צי וועסטו גיין מיט מיר אין קריג?
יהושפט ענטפערט אים: איך גיי,
איך וועל זיין גלייך ווי דו אַליין,
מיין פאָלק וועט גלייך זיין, ווי דיין פאָלק
און מיינע פערד, ווי דיינע פערד.
געגאַנגען זיינען זיי דורך אדום
און מיטגענומען אויך דעם קיניג
און זיבן טעג אין וועג געוואַנדערט —
ניטאָ קיין וואסער פאַר דער מחנה
און פאַר די בהמות, וואָס מיט זיי.

און ס'זאָגט דער קיניג פון ישראל:
אוי, ווי! צי האָט אונז גאָט גערופן,
אין מואבס האַנט צום איבערגעבן?
יהושפט פרעגט: צי איז ניטאָ
א נביא דאָ, מיר זאָלן פרעגן
גאָטס וואָרט ביי אים? און ס'זאָגט
א קנעכט:
פאַראַן אלישע, וואָס האָט וואַסער
אויף אליהו'ס האַנט געגאָסן.
יהושפט ענטפערט: ס'איז ביי אים
געווים פאַראַן א וואָרט פון גאָט.
און אַלע דריי מלכים זיינען
צו אים געגאַנגען. זאָגט אלישע
צו יהורם קיניג פון ישראל:
וואָס האָסטו זיך צו מיר געווענדט?
גיי צו די נביאים פון דיין טאַטן
און צו די נביאים פון דיין מאַמען!
ישראלס קיניג ענטפערט אים:
ניט רייד אַזוי, ווייל גאָט האָט היינט
גערופן אַלע דריי מלכים
אין מואבס האַנט זיי אָפּצוגעבן.
אלישע זאָגט אים: כ'שווער ביי גאָט,
ווען כ'זאָל יהושפטן ניט שוינען,
וואָלט איך אויף דיר גאָרניט געקוקט!
אַצינד ברענגט מיר אהער א שפּילער! —
און אַז דער שפּילער האָט געשפּילט,
האָט גאָט באַוויזן זיך צו אים,
און האָט צו אים אַזוי געזאָגט:
דער טאָל וועט ווערן פול מיט גריבער.
איר וועט ניט זען קיין ווינט, קיין רעגן,
און ס'וועט דער טאָל זיין פול מיט וואַסער
און איר וועט טרינקען מיט די פי.
און דאָס וועט ווייניג זיין ביי גאָט,
וועט ער אויך מואבן אייך געבן
און איר וועט אויסשלאָגן ביי אים
די פעסטע שטעט, די בעסטע שטעט.
די גוטע ביימער אומוואַרפן,
די וואַסער - קוואַלן דאָרט פאַרשטאָפּן
און אַלע גוטע אַקער - פעלדער
וועט איר צושמעטערן מיט שטיינער.
און אינדערפרי קומט אָן א וואַסער
פון אדום - לאַנד, פילט אָן די פעלד.
און מואב האָט געהערט, אַז ס'זיינען
די קיניגן געקומען קעמפן
און זיי האָבן פאַרזאַמלט זיך
ווער גאָר עס קען א גאַרטל אָנטאָן
און אָפּגעשטעלט זיך דאָרט ביים גרענעץ.
אויף מאָרגן אינדערפרי — זיי זעען,
עס שיינט די זון אָפּ אויפן וואַסער
און ס'האָט דער וואַסער אויסגעזען
אינגאַנצן רויט ווי בלוט.
און מואב האָט געמיינט, ס'איז בלוט,
ס'איז א געשלעג געווען ביים שונא,
געשאָכטן איטלעכער דעם צווייטן.
און מואב זאָגט: „אַצינד קומט רויבן!"
אַריין אין לאַגער פון ישראל
און ס'האָט ישראל זיך געשטעלט,
די מואב - לייט פאַריאָגט, צושלאָגן,
די פעסטע בעסטע שטעט צושטערט,
און אַלע גוטע אַקערפעלדער
פאַרשאָטן איטלעכער מיט שטיינער,
פאַרשטאָפּט די וואַסער קוואַלן אַלע.
די גוטע ביימער אומגעוואָרפן,
געבליבן בלויז איין פעסטונג - וואַנט,
און ס'האָבן שיסערס איר צושמעטערט,
און ס'האָט געזען דער קיניג מואבס

אז ס'איז צו שטאַרק פאַר אים די שלאַכט,
האָט ער גענומען זיבן הונדערט
געזונטע יונגען, שווערדן - ציערס,
אדורכצושפּאַלטן זיך קיין אדום,
זיי האָבן אָבער ניט געקענט.
האָט ער זיין עלצטן זון גענומען
און האָט אים אויפגעבראַכט א קרבן
און ס'איז געוועזן דער צאָרן גרויס
ביי די מואבים אויף ישראל —
ערשט דאַמאָלס זיינען זיי אַוועק,
זיך אומגעקערט צוריק אין לאַנד.

---

און ס'האָט א פרוי פון די נביאים
געשריען צו אלישען:
דיין קנעכט, מיין מאַן, איז טויט —
געווען גאָטספאָרכטיג, ווי דו ווייסט, —
איז איצט דער געלט - מאָנער געקומען,
נעמט מיינע קינדער צוויי פאַר קנעכט.
אלישע פרעגט: וואָס קען איך טאָן?
זאָג, וואָס איז דאָ ביי דיר אין שטוב?
זאָגט זי: דיין דינסט האָט קיין זאַך ניט,
נאָר בלויז איין קריגל בוימל.
זאָגט ער: גיי, ליי פון גאַס דיר כּלים,
ביי אַלע דיינע שכנים,
ליי כּלים ליידיגע א סך.
און קום צוריק, פאַרשליס די טיר,
און גיס דעם בוימל אין די כּלים,
די פולע זאָלסטו אָפּרוקן.
און ס'איז די פרוי אַוועק פון אים,
פאַרשלאָסן הינטער זיך די טיר,
גענומען כּלים און געגאָסן,
די קינדער האָבן איר דערלאַנגט
און זי האָט אַלץ געגאָסן ווייטער.
אז אַלע כּלים זיינען פול געוואָרן,
האָט זי געזאָגט צום זון: דערלאַנג א כּלי!
האָט ער געענטפערט: ס'איז ניטאָ מער!
האָט זיך דער בוימל אָפּגעשטעלט.
איז זי אַוועק צום מאַן דעם גאָטלעכן
און אים דערציילט וואָס ס'איז געשען.
זאָגט ער איר: גיי, פאַרקויף דעם בוימל,
באַצאָל די חובות און זאָלסט לעבן
מיט ביידע קינדער פאַרן רעשט.

---

אַמאָל איז אלישע געקומען
קיין שונם, איז דאָרטן געווען
א פרוי גאָר א רייכע, האָט זי אים
געבעטן, ביי איר ברויט צו עסן.
און ווען ער פלעגט קומען אהינצו,
פלעגט ער שטענדיג עסן ביי איר.
איינמאָל זאָגט די פרוי צו איר מאַן:
דערדאָזיגער הייליגער נביא
קומט שטענדיג ביי אונז עסן ברויט,
לאָמיר אים א קאַמערל מאַכן
אין וואַנט אויפן אויבערשטן גאָרן,
אריינשטעלן דאָרטן א בעט,
א טיש און א שטול און א לייכטער,
וועט ער דאָ ביי אונז קענען וואוינען.
אַזוי איז ער איינמאָל געקומען
און דאָרט אין דער קאַמער געשלאָפן.
און ער זאָגט צו גיחזי זיין יונג:
גיי רוף מיר אהערצו די פרוי!
און זי איז געקומען, געשטעלט זיך
פאַר אים. זאָגט אלישע צום יונג:
דו פרעג איר, וואָס קען מען איר טאָן?

צי בעטן ביים קיניג פאַר איר,
צי אפשר ביים הויפּטמאַן? און זי זאָגט:
„איך זיץ דאָך דאָ צווישן מיין פאָלק!"
„טאָ וואָס קען מען פאַרט טאָן פאַר איר?"
און גיחזי זאָגט צו אלישען:
פאַרוואָר, זי האָט דאָך נים קיין זון,
און אַלט איז איר מאַן! — זאָגט אלישע:
אין אַנדערן יאָר אין דער צייט
וועסטו האַלדזן אַ זון. זאָגט די פרוי:
ניין, געטלעכער מאַן, זאָלסט ניט נאַרן
דיין דינסט! — און די פרוי האָט
פאַרשוואַנגערט,
געבוירן אַ זון אין דער צייט,
ווי ס'האָט איר אלישע באַשטימט.

---

און אַז דער יונג איז אויסגעוואַקסן
איז ער אַמאָל אַרוים צום פאָטער
אין פעלד געשטאַנען ביי די שניטערס
און זיך פאַרקלאָגט: מיין קאָפּ, מיין קאָפּ!
דער פאָטער האָט געזאָגט צום קנעכט:
ער זאָל אים טראָגן צו דער מוטער.
האָט אים דער קנעכט אַוועקגעטראָגן,
און ס'איז דאָס קינד ביז מיטאָג - צייט
געזעסן אין דער מוטערס שויס
און איז געשטאָרבן. האָט די מוטער
דעם טויטן קינד אַרויפגעבראַכט,
געלייגט אים אויף אלישע'ס בעטל,
די טיר פאַרשלאָסן און אַרויס,
דעם מאַן גערופן און געזאָגט:
שיק מיר אַ קנעכט באַלד און אַן אייזל
און איך וועל לויפן צו דעם מאַן
דעם געטלעכן און ווידער קומען.
פרעגט ער: וואָס גייסטו היינט צו אים?
נים אין אַ חודש און אַ שבת?
זי לאָזט אים ענטפערן: ס'איז שלום!
און באַלד דעם אייזל אָנגעזאָטלט,
געזאָגט צום יונג: דו טרייב און פאָר.
זאָלסט ניט פאַרהאַלטן מיך אין רייטן,
נאָר סיידן איך וועל דיר באַפוילן.
איז זי געפאָרן און געקומען
צום מאַן דעם געטלעכן ביים כרמל,
און ווי ער האָט פון ווייט דערזען איר,
זאָגט ער צו גיחזי'ן: דאָרטן גייט
די פרוי פון שונם, לויף אַנטקעגן
און פרעג איר, צי זי איז געזונט,
צי ס'איז געזונט דער מאַן, דאָס קינד?
און ס'זאָגט די פרוי: „געזונט!"
און קומט
צום מאַן דעם געטלעכן צו באַרג
און נעמט אים אָן פאַר זיינע פיס.
האָט גיחזי אָפּשטויסן געוואָלט איר
זאָגט אים אלישע: לאָז איר אָפּ,
ווייל ס'איז איר האַרץ פאַרביטערט
שטאַרק
און גאָט האָט עס פון מיר פאַרהוילן.
און ס'האָט די פרוי געזאָגט אלישען:
האָב איך ביי דיר אַ קינד פאַרלאַנגט?
כ'האָב דאָך געזאָגט: נאַר מיך נים אָפּ!
אלישע זאָגט צו גיחזין:
גורט דיינע לענדן אָן און נעם
מיין שטעקן אין דיין האַנט און גיי,
אַז דו וועסט טרעפן עמיצן,
זאָלסטו אים ניט באַגריסן
און אַז ס'וועט עמיץ דיך באַגריסן
זאָלסטו נים ענטפערן צוריק —

מיין שטעקן לייג דעם יינגל אויפן פנים.
די מוטער אָבער האָט געשוואוירן,
זי וועט פון אים ניט אָפּטרעטן.
איז ער געגאַנגען אויך נאָך איר.
און גיחזי איז פאָרויס אריבער,
געלייגט דעם שטעקן אויפן יינגלס פנים —
מ'הערט קיין קול ניט און קיין קלאַנג
האָט ער זיך אומגעקערט אנטקעגן
און האָט אלישען אָנגעזאָגט:
דער יינגל האָט ניט אויפגעוואַכט.
אלישע איז אין שטוב אריין:
דער יינגל ליגט טויט אויפן בעט.
איז ער אריין, די טיר פאַרשלאָסן
און האָט געזאָגט צו גאָט א תפילה
זיך אויסגעצויגן אויפן קינד
מיט מויל אויף מויל און אויג אויף אויג
און הענט אויף הענט זיך אויסגעלייגט
און האָט דאָס לייב פון קינד דערוואַרימט,
אראָפּ פון בעט און זיך געלאָזט
אין צימער גיין אהער - אהין,
ארויף צוריק, זיך אויסגעצויגן,
אזוי געטאָן ביז זיבן מאָל.
און ס'האָט דאָס קינד א נאָס געטאָן
און אויפגעעפנט זיינע אויגן.
באַלד האָט אלישע גיחזין
גערופן און געזאָגט צו אים:
„גיי רוף אהער אָט דער שונמית!"
ער רופט איר, קומט זי. זאָגט ער איר:
„הויב אויף דיין קינד!" איז זי געפאַלן
פאַר זיינע פיס און זיך געבוקט
דעם קינד גענומען און ארויס.

---

אלישע איז אוועק קיין גלגל —
און דאָרט איז הונגער אין דער לאַנד —
און יונגעטלעכע נביאים זיצן
פאַר אים. זאָגט ער צו גיחזין:
נעם, שטעל דאָ צו דעם גרויסן טאָפּ
און קאָך געקעכטס פאַר די נביאים
איז ער אין פעלד ארויסגעגאַנגען,
צו קלייבן קרייטעכצער צו עסן,
געפונען ווילדע וויינשטאָק - צווייגן
און פעלד - טרויבן פון אים געקליבן
א פולע קלייד, צוריקגעקומען,
אריינגעשניטן אינם טאָפּ
געקעכטס אריין, ווייל ניט געוואוסט,
און אָנגעגאָסן פאַר די יונגען.
און ווי זיי האָבן נאָר פאַרזוכט,
און זיי האָבן באַלד אויסגעשריען:
„אוי, טויט אין טאָפּ!" און ניט געגעסן,
אלישע אָבער האָט געזאָגט:
נעם מעל און שיט אריין אין טאָפּ!
אריינגעשאָטן, אָפּגעקאָכט,
האָט ער געהייסן זיי דערלאַנגען,
און ס'איז קיין בייז שוין ניט געווען.

---

און ס'איז א מאַן אראָפּגעקומען.
געבראַכט דעם מאַן דעם געטלעכן
בכורים — צוואַנציק גערשטן-ברויטלעך
און זאַנגען גרינע אין זיין זאַק
אלישע זאָגט צו גיחזין:
„דערלאַנג דעם פאָלק, זיי זאָלן עסן?"
און ס'פרעגט דער יונג: ווי זאָל איך דאָס
פאַר הונדערט מאַן צום עסן געבן?
זאָגט ער: דערלאַנג דעם פאָלק צום עסן!
ווייל גאָט האָט מיר אזוי געזאָגט:
„מ'וועט עסן און אויך איבערלאָזן".
האָט גיחזי דעם פאָלק דערלאַנגט

און זיי האָבן געגעסן און
געלאָזן, ווי ס'האָט גאָט געזאָגט.

---

און נעמן, דער הויפּטמאַן אַרמ'ס
איז גרויס און געאַכפּערט געווען,
ווייל ער איז אַ העלדישער מאַן
און האָט געבראַכט הילף פאַר זיין
פאָלק.

און ער איז געווען אַ מצורע.
אַמאָל, אין אַ רויבצוג, האָט ער
אַ מיידל געכאַפּט ביי ישראל,
און זי האָט געדינט ביי זיין ווייב.
זאָגט איינמאָל די מיידל דער האַרין:
ווען ס'זאָל אונזער האַר גיין צום נביא
פיין שומרון, מאַכט ער אים געזונט.
דערציילט עס די פרוי באַלד דעם מאַן;
און ס'האָט אים דער קיניג געגעבן
צום קיניג ישראלס אַ בריף
געגעבן אויך צען צענטנערס זילבער,
זעקסטויזנט גאָלדשטיק, צען קליידער.
אין בריף איז געשטאַנען אַזוי:
...,ווי דו וועסט דערהאַלטן מיין בריף,
שיק איך דיר דעם נעמן, מיין קנעכט,
דו מאַך אים געזונט פון זיין קרעץ".
און ווי נאָר דער קיניג ישראלס
האָט איבערגעלייענט דעם בריף,
האָט ער זיינע קליידער צוריסן.
געזאָגט: צי בין איך ווי אַ גאָט
צו טויטן און לעבעדיג מאַכן?
וואָס שיקט ער אַצינד מיר אַ מענטשן,
פון קרעץ זאָל איך אויסהיילן אים?
און זעט - זשע, ער זוכט בלויז אַ בלבול!

און אַז ס'האָט אלישע געהערט,
האָט ער געשיקט זאָגן דעם קיניג:
וואָס האָסטו די קליידער צוריסן?
זאָל ער נאָר אַהער צו מיר קומען,
און ער וועט שוין וויסן, אַז ס'איז
אַ נביא פאַראַן ביי ישראל!
איז נעמן מיט פערד און מיט וואָגן
געקומען, געשטעלט זיך ביים טיר
און ס'האָט אים אלישע געשיקט
אַ שליח אַזוי אים צו זאָגן:
זאָלסט גיין און זיך זיבן מאָל באָדן
אין וואַסער פון ירדן דעם טייך
און ס'ווערט דיין לייב ריין פון די קרעץ.
איז נעמן אין צאָרן אַוועק,
געזאָגט: ,,כ'האָב געמיינט, אַז דער נביא
וועט קומען, זיך שטעלן פאַר מיר;
וועט רופן זיין גאָט מיטן נאָמען,
צום קראַנקן אָרט הויבן די האַנט
און אויסהיילן מיך פון די קרעץ;
צי זיינען אמנה און פּרפּר
די טייכן דמשקס ניט בעסער,
ווי די אַלע טייכן ישראלס?
אָט דאָרט וועל איך וואַשן מיין לייב
און אויסהיילן זיך פון די קרעץ!"
אין צאָרן געוואָלט שוין אַוועקגיין.
נאָר ס'האָבן די קנעכט אים געזאָגט:
,,ווען ס'וואָלט דיר דער נביא באַפוילן
אַ גרויסע און שווערע זאַך טאָן,
וואָלסטו, אונזער האַר, עס דערפילט.
און איצט הייסט ער דיר בלויז זיך באָדן!
איז נעמן צום ירדן געגאַנגען,
געבאָדן זיך דאָרט זיבן מאָל,

און דיין איז געוואָרן זיין לייב
ווי דער לייב פון אַ יונגינקע קינד.
און ער איז צום נביא געקומען
געשטעלט זיך פאַר אים מיט זיין חייל
געזאָגט: איצינד ווייס איך, אַז ס'איז
ניטאָ אין דער וועלט אַזאַ גאָט,
ווי גאָט פון ישראל; איצינד
נעם צו ביי דיין קנעכט אַ געשאַנק!
און ס'ענטפערט דער געטלעכער מאַן:
איך שווער ביי מיין גאָט, אויב איך נעם
ביי דיר עפּעס וואָס. ער האָט ווידער
געבעטן, און ס'נעמט ניט דער נביא.
זאָגט נעמן: טאָ זאָל מען מיר געבן
פונדאַנען זעק פולע מיט ערד,
מאַך איך אַ מזבח צו גאָט,
וועל שעכטן קרבנות צו אים,
איך וועל שוין מער קיינמאָל ניט שעכטן
קרבנות צו אַנדערע געטער.
גענומען די ערד און אַוועק.
און ווי ס'האָט זיך נעמן דערווייטערט,
האָט גיחזי אין האַרצן געטראַכט:
מיין האַר האָט ביי אָט דעם ארמי
קיין זאַך ניט גענומען; וועל איך
אַ לויף טאָן, ביי אים עפּעס נעמען
נעלאָפן געיאָגט זיך נאָך נעמן,
איז נעמען אַראָפּ פונם וואָגן,
געפרעגט: צי איז שלום? — ס'איז
שלום!
מיין האַר האָט געשיקט מיר דיר זאָגן:
עס זיינען צוויי יונגע נביאים
געקומען פון באַרג פון אפרים,
פאַר זיי גיב בלויז אַ צענטנער זילבער
און קליידער צוויי פּאָר! — ענטפערט
נעמען:
אָ, נעם דאָך כאָטש צוויי צענטנערס
זילבער!
און ער האָט געבעטן אים שטאַרק.
פאַרבונדן אים צוויי צענטנערס זילבער
אין טיכער, און קליידער צוויי פּאָר,
געגעבן צוויי יונגען צום טראָגן.
צום טורים געקומען, האָט גיחזי
די משא ביי זיי אָפּגענומען,
באַהאַלטן ביי זיך אין אַ קאַמער,
די יונגען צוריק אָפּגעלאָזט,
אַליין פאַר אלישען געשטעלט זיך.
און ס'פרעגט אים אלישע: פונוואַנען?
און גיחזי ענטפערט דעם נביא.
אין ערגעץ, מיין האַר, ניט געווען.
און ס'זאָגט אים דער געטלעכער מאַן:
וואָס מיינסטו, איך האָב ניט געזען,
ווי ס'קירעוועט נעמן זיין וואָגן
און גייט דיר אַנטקעגן? צי איז איצט
אַ צייט אויף צום נעמען מתנות
אין זילבער און קליידער און איילפּרוכט,
צי וויינטרויבן, שעפּסן און רינדער
און קנעכט און אויך דינסטן?! —
דערפאַר זאָל די קרעציגקייט נעמנס
אויף דיר קומען און דיינע קינדער
און אייביג פאַרבלייבן ביי אייך! —
און גיחזי איז פונם נביא
אַרויס פול מיט קרעץ, ווי באַשנייט.

*

און ס'האָבן די יונגע נביאים
אלישע'ן געזאָגט: ס'איז אונז ענג דאָ

דער אָרט לאָמיר גיין ביזן ירדן
וועט איטלעכער נעמען אַ קלאָץ
און מאַכן אַ זיץ־אָרט פאַר אונז
האָט ער געזאָגט: גייט! — ענטפערט
איינער:
באַוויליק אויך מיטגיין מיט אונז!
און ס'ענטפערט אלישע: איך גיי!
זיי זיינען געגאַנגען, געקומען
צום ירדן, געשניטן די בוימער
און אָט, ווען ס'האָט איינער געוואָרפן
דעם קלאָץ, איז דער אייזערנער שטיל
אין וואַסער געזונקען, און ער האָט
געשריען: אוי וויי, ס'איז אַ פרעמדער!
און ס'פרעגט אים דער געטלעכער מאַן:
וואוהין איז דער אייזן געזונקען?
ער ווייזט אים דעם אָרט. האָט ער באַלד
געוואָרפן אהינצו אַ קלאָץ,
און באַלד איז דער אייזן אַרויף.
אלישע זאָגט: „צי אויס דיין האַנט."
האָט יענער דעם אייזן גענומען.

---

דער קיניג פון ארם האָט איינמאָל
געפירט מלחמה מיט ישראל
און אָפּגערעדט מיט זיינע קנעכט
צו מאַכן דאָ און דאָרט זיין לאַגער
און ס'האָט דער מאַן דער געטלעכער
געשיקט צום קיניג פון ישראל
אים וואָרענען, ער זאָל ניט גיין
דאָרט, וואו עס האָט ארם זיין לאַגער,
און ס'האָט דער קיניג פון ישראל
זיך אָפּגעהיט פון יענעם אָרט,
ניט איין מאָל און ניט צוויי מאָל,
און ס'האָט דער קיניג פון ארם
געצערנט און געפרעגט די קנעכט:
איר זאָלט מיר זאָגן, ווער פון אונז
דינט שטילערהייד ישראלס קיניג?
האָט איינער פון די קנעכט געענטפערט:
ניין, האַר און קיניג, נאָר דער נביא
אלישע פון ישראל קען
זיין קיניג אונטערזאָגן אַלץ,
וואָס דו רעדסט אין דיין שלאָף־קאַמער.
זאָגט ער: גייט זעט וואו ער געפינט זיך,
און איך וועל שיקן נעמען אים.
דערציילט מען אים: ער איז אין דותן!
האָט ער געשיקט אַ גרויסן חייל
מיט פערד אַ סך און וועגענער
און זיי זיינען ביינאַכט געקומען
און יענע שטאָט אַרומגערינגלט.
און אינדערפרי, ווען דער משרת
אלישע'ס האָט זיך אויפגעכאַפּט,
האָט ער געזען אַ גרויסן חייל
מיט פערד און וואָגן אַרום שטאָט.
זאָגט ער צום מאַן דעם געטלעכן:
אוי־וויי, מיין האַר, וואָס וועלן מיר טאָן?
זאָגט ער: דו האָב קיין מורא ניט;
מיר האָבן מער, ווי יענע דאָרט!...
און ס'האָט דער יונג געטאָן אַ בליק
און אָט דער באַרג איז פול מיט חייל,
מיט פערד און וועגענער פון... פייער
אַרום אלישען, אים צו היטן.
און יענע זיינען דאָ אַראָפּ
נאָר גאָט האָט זיי פאַרבלענדט די אויגן
און ס'איז צו זיי אַרויס אלישע

און האָט געזאָגט צו זיי אַזוי:
ניט דאָס דער וועג, ניט דאָ די שטאָט!
איר קומט מיט מיר, וועל איך אייך פירן
צו יענעם מאַן, וואָס איר זוכט דאָ.
און ער האָט זיי געפירט קיין שומרון
און ווי דער קיניג פון ישראל
האָט זיי דערזען האָט ער געפרעגט
דעם נביא: צי זאָל איך זיי שלאָגן?
איך וויל זיי שלאָגן, טאַטע מיינער!
האָט ער געענטפערט: שלאָג זיי ניט!
צי האָסטו זיי מיט שווערד און בויגן
גענומען אין געפאַנגענשאַפט?
דו זאָלסט פאַר זיי ברויט־וואַסער שטעלן
זיי זאָלן עסן דאָ און טרינקען
און גיין צוריק צו זייער האַר.
האָט ער געמאַכט פאַר זיי אַ מאָלצייט
און זיי האָבן געגעסן און געטרונקען
אַוועק צוריק צו זייער האַר
און ס'איז דער חיל פון ארם
שוין קיינמאָל ניט צוריקגעקומען
אין לאַנד ישראלס.

---

און בן־הדד, דער קיניג פון ארם,
האָט אויפגעזאַמלט זיינע מחנות,
געגאַנגען און באַלאַגערט שומרון,
און ס'איז אין שטאָט געווען אַ הונגער:
אַן אייזל־קאָפּ פאַר אַכציק שקל,
און טויבנמיסט אַ פערטל טאָפּ
האָט שוין געקאָסט פינף זילבערשטיק.
און איינמאָל איז ישראל'ס קיניג
אַדורכגעגאַנגען אויפן מויער,
און ס'האָט אַ פרוי צו אים אַרויף
געשריען: העלף, מיין האַר, מיין קיניג!
האָט ער געזאָגט: אויב ס'העלפט ניט גאָט,
פונוואַנען־זשע זאָל איך דיר העלפן?
צי פונם שייער, צי פון קעלטער?
דערצייל מיר, וואָס איז דיר געשען.
זאָגט אים די פרוי: אָט וואָס געשען:
די פרוי האָט מיר אַזוי געזאָגט:
דו גיב דיין קינד, מיר וועלן אים
צוזאַמען עסן היינטיקס טאָג
און מאָרגן וועל איך מיין זון געבן
און ביידע וועלן מיר אים עסן.
און איך האָב מיין זון אָפּגעקאָכט,
מיר האָבן ביידע אים געגעסן,
און אַז איך האָב דעם צווייטן טאָג
איר זון געפאָדערט, האָט זי אים
באַהאַלטן — גיט אים ניט אַרויס,
און ווי דער קיניג האָט געהערט,
האָט ער צעריסן זיינע קליידער
דאָרט אויפן מויער גייענדיק.
און ס'האָט דער גאַנצער פאָלק געזען,
אַז ס'הייננט אַ זאַק אים אויפן לייב.
האָט ער געזאָגט: איך שווער ביי גאָט
אויב ס'וועט אלישעס קאָפּ ביז מאָרגן
אויף זיינע פּלייצעס בלייבן שטיין.
און האָט אַ מאַן צו אים געשיקט
און איז אַליין נאָך אים געגאַנגען.
און ס'זיצט אלישע אין זיין שטוב
און ס'זיצן אויך ביי אים די זקנים
זאָגט ער: איר זעט? אָט דער רוצח
שיקט איצט אַראָפּנעמען מיין קאָפּ;
ווי דער שליח וועט נאָר קומען
זאָלט איר באַלד צושליסן די טיר

און צודריקן אים צו דער טיר —
אָט גייט זיין האַר אויך הינטער אים!
און ווי ער האַלט אינמיטן ריידן,
איז דער שליח אָנגעקומען.
אלישע זאָגט: הערט אוים גאָטס וואָרט!
אין דער צייט מאָרגן וועט מען קריגן
אַ צעבער פיינמעל פאַר אַ שקל,
צוויי צעבערס גערשטן פאַר אַ שקל,
אָט דאָ, אין טויער פון שטאָט שומרון.
דופט זיך אָן און זאָגט דער הויפּטמאַן,
אויף וועמעס האַנט דער קיניג שפּאַרט
זיך אָן:
און אַז גאָט מאַכט אין הימל פענצטערס,
צי קען אַזוינס פּאַסירן גאָר?
אלישע ענטפערט אים און זאָגט:
דו וועסט עס זען מיט דיינע אויגן,
נאָר וועסט אַליין דערפון ניט עסן! —

---

געווען פיר מענטשן קרעציגע,
געזעסן דאָרט ביים טיר פון טויער.
און איינער זאָגט צום אַנדערן:
וואָס זיצן מיר דאָ ביזן שטאַרבן?
צי זאָלן מיר אין שטאָט אַריינגיין?
דאָרט וועלן מיר פון הונגער אויסגיין.
אויך דאָ וועלן מיר מוזן שטאַרבן.
טאָ קומט, לאָמיר אַריינפאַלן
אין לאַגער פון אַרם
אויף לעבן צי אויף טויט.

אינאָוונט זיינען זיי אַוועק
צום לאַגער פון אַרם,
געזען ס'איז לער—ניטאָ קיין מענטש.
און ס'האָט דער לאַגער פון אַרם
געהאַט דערהערט אַ קול פון פערד,
פון וועגענער, אַ גרויסע חייל,
אַ ליארים גאָר אַ מעכטיגער
און זיי האָבן צו זיך גערעדט:
דאָס האָט דער קיניג פון ישראל
געדונגען קעגן אונז די מלכים
פון חתים - לאַנד און פון מצרים,
און זיי האָבן אינאָנהויב אָוונט
פאַרלאָזן זייערע געצעלטן
די פערד און אייזלען און דעם לאַגער
אינגאַנצן ווי ער איז געווען
און מיטן לעבן קוים אַנטלאָפן.

אַזוי זיינען די קרעציגע
געקומען ביזן אָנהויב לאַגער
אין איין געצעלט אַריינגעגאַנגען
זיך אָנגעגעסן, אָנגעטרונקען,
גענומען זילבער, גאָלד און קליידער,
אַוועקגעטראָגן און באַהאַלטן,
אין אַ געצעלט אַן אַנדערן

גענומען און אַוועקגעטראָגן,
נאָכדעם געזאָגט צו זיך אַליין:
ניט ריכטיג טוען מיר אַצינד!
מיר האָבן דאָך אַ גרויסע בשורה;
און אויב מיר שווייגן ביז פרימאָרגן
באַגייען מיר אַ גרויסע זינד!
קומט, לאָמיר גיין אַהין אין לאַגער
און אָנזאָגן אין קיניגס הויז.
און זיי זיינען אַוועקגעלאָפן,
צום טויער פון דער שטאָט געקומען
און אויסגעשריען, אָנגעזאָגט:
געווען אין לאַגער פון אַרם,
ניטאָ קיין מענטש דאָרט און קיין קיניג

נאָר פערד און אייזל צוגעבונדן
און די געצעלטן ליידיגע.
און ס'האָבן באַלד די טויער־וועכטערס
עס אָנגעזאָגט אין קיניג'ס הויז
דער קיניג איז באַלד אויפגעשטאַנען,
צו זיינע קנעכט אַזוי געזאָגט:
איך ווייס, וואָס זיי האָבן געטאָן:
זיי ווייסן, אַז מיר זיינען הונגעריג
און האָבן זיך אַרויסגערוקט פון לאַגער
באַהאַלטן זיך אין פעלד,
מיר זאָלן נאָר פון שטאָט אַרויס,
און זיי וועלן אונז אַלע כאַפּן
און דאָ אין שטאָט אַריינקומען.
האָט איינער פון די קנעכט געענטפערט:
טאָ הייס, מ'זאָל פינף פערד דיר נעמען
פון די געבליבענע אין שטאָט
און זאָל מען שיקן און דערגיין.
דער קיניג האָט אַרויסגעשיקט
צוויי וועגענער מיט פערד אין לאַגער,
געגאַנגען און געזען, ס'איז ליידיג,
געגאַנגען ווייטער ביזן ירדן,
געזען, דער וועג איז פול פאַרשאָטן
מיט זאַכן, וואָס אַרמער האָבן
אין איילעניש אַראָפּגעוואָרפן.
צוריקגעקומען און דערציילט
דעם קיניג אַלץ, וואָס דאָ געזען.
איז באַלד דאָס פאָלק אַרויס פון שטאָט
צורויבט דעם לאַגער פון אַרם,
און ס'איז געווען פונקט ווי גאָטס וואָרט:
איין צעבער פיינמעל פאַר אַ שקל,
צוויי צעבערס גערשטן פאַר אַ שקל
דער קיניג האָט געשיקט זיין הויפּטמאַן,
אויף וועמעס האַנט ער שפּאַרט זיך אָן,
האָט אים דאָס פאָלק דאָרט פאַרן טויער
צוטראָטן, און ער איז געשטאָרבן.
ווי ס'האָט דער מאַן דער געטלעכער
גענוי אים נעכטן פאַרגעזאָגט.

---

און ס'זאָגט אלישע צו דער פרוי,
וואָס ער האָט לעבעדיג געמאַכט
איר זון: גיי מיט דיין הויזגעזינד
אַריבער וואוינען אין דער פרעמדס,
ווייל דאָ אין לאַנד וועט זיין אַ הונגער,
געקומען שוין אויף זיבן יאָר,
און ס'האָט די פרוי געפאָלגט דעם נביא
און איז אַוועק מיט הויזגעזינד,
געוואוינט אין פּלשתּים זיבן יאָר,
נאָכדעם צוריק אין לאַנד געקומען,
אַוועק זיך קלאָגן פאַרן קיניג
פונוועגן איר פעלד און איר הויז.
אין יענער צייט האָט גראָד דער קיניג
מיט גיחזין, אלישע'ס קנעכט,
געשמועסט וועגן אַלע וואונדער,
וואָס ס'האָט דער נביא אויפגעטאָן;
און גיחזי האָט אים דערציילט,
ווי ער האָט לעבעדיג געמאַכט
דעם זון פון יענער פרוי אין שונם.
און אָט איז יענע פרוי געשטאַנען
און האָט געקלאָגט זיך פאַרן קיניג
פונוועגן איר הויז און איר פעלד
זאָגט גיחזי: מיין האַר און קיניג!
אָט איז די פרוי דאָך, וועמעס זון
מיין האַר האָט לעבעדיג געמאַכט.
דער קיניג האָט זיך נאָכגעפרעגט,

די פרוי האָט אַלץ אים אויסדערציילט,
און ס'האָט דער קיניג באַלד באַפוילן
איר אומצוקערן איר פאַרמעג
און אויך די תבואות פון איר פעלד
פאַר אַלע יאָרן, זינט זי האָט
די לאַנד פאַרלאָזן ביז אַצינד.

---

אלישע איז געקומען קיין דמשק,
איז גראָד דער קיניג קראַנק געוואָרן
און מען האָט אים דערציילט, אַז ס'איז
דער מאַן דער געטלעכער געקומען.
האָט ער געזאָגט חזאלן זיין קנעכט:
נעם אַ מתנה פאַרן מאַן
און גיי באַגעגען אים און פרעג אים,
צי וועל איך פון דער קרענק געזונט ווערן?
חזאל האָט מיט זיך גענומען
פון אַל דאָס גוטס, וואָס אין דמשק,
אויף פערציק קעמלען אָנגעלאָדן,
און פאַר אלישען זיך געשטעלט
און אים געזאָגט: עס האָט דיין זון,
דער קיניג פון ארם געשיקט מיך
ביי דיר צו פרעגן, צי ער וועט
פון אָט דער קרענק געזונט ווערן.
און ס'האָט אלישע אים געזאָגט:
גיי זאָג דיין האַר: ער ווערט געזונט!
נאָר גאָט וויזט מיר, אַז ער וועט שטאַרבן.
און ער האָט אָנגעשטעלט זיין פּנים,
געקוקט גאַנץ לאַנג און זיך צעוויינט.
חזאל פרעגט: וואָס וויינט מיין האַר?
אלישע ענטפערט: ווייל איך וויים,
אַז דו וועסט שלעכטס טאָן צו ישראל,
זיינע פעסטונגען פאַרברענען,
זיינע יונגען שלאָגן טויט,
קליינע קינדערלעך צושמעטערן,
בייכער טראָגעדיקע שפּאַלטן.
זאָגט חזאל: וואָס בין איך?
אַ הונט! ווי קען איך טאָן אַזוינס?
זאָגט ער: גאָט האָט מיר געוויזן
דיך אַ קיניג אויף ארם.
און חזאל איז אַוועק
און געקומען צו זיין האַר
פרעגט אים יענער: וואָס האָט דיר
דער מאַן דער געטלעכער געזאָגט?
ענטפערט ער: דו וועסט געזונט זיין.
און אינדערפרי נעמט ער אַ טוך,
נעצט איין אין וואַסער און פאַרשפּרייט
דעם קראַנקן קיניג אויפן פּנים.
איז ער געשטאָרבן, און חזאל
איז אָנשטאָט אים געוואָרן קיניג.

---

אלישע האָט אַמאָל גערופן
אַ יונגן נביא און געזאָגט אים:
גורט אָן די לענדן, נעם אַ קריגל
מיט בוימל, גיי אין רמות־גלעד,
וועסט זען דאָרט יהוא זון פון נמשי,
זאָלסטו אים נעמען פון קאָמפּאַניע
אַריינפירן אין לעצטן צימער,
אים אויפן קאָפּ די בוימל גיסן
און זאָגן אים: „אַזוי זאָגט גאָט,
איך האָב געזאַלבט דיך פאַר אַ קיניג
אויף ישראל!" — און ניט וואַרטן,
באַלד עפענען די טיר, אַנטלויפן.
דער יונגער נביא איז געגאַנגען,
געזען, עס זיצן מיליטער־לייט.

זאָגט ער: איך האָב אַ וואָרט צום האַר!
פרעגט יהוא אים: צו וועלכן האַר?
דער נביא זאָגט: צו דיר, מיין האַר!
און זיי זיינען אריין אין שטוב,
ער גיסט אים בוימל אויפן קאָפּ
און זאָגט: ס'האָט גאָט ישראלס דיך
געזאַלבט פאַר קיניג אויף ישראל.
און דו וועסט שלאָגן אַחאָבס הויז,
נקמה נעמען פון איזבל
פאַר די בלוט פון די נביאים
און פון אַלע קנעכט פון גאָט,
אַחאָבס הויז וועט אומקומען,
איך וועל פאַרטיליגן די מאַנסלייט
און איטלעכס הערשער, איטלעכס
העלפער
און דער איזבל וועלן פרעסן
הינט דאָרט אינם טאָל יזרעאל
און קיינער וועט איר ניט באַגראָבן.
די טיר געעפנט און אַנטלאָפן.
און יהוא איז צוריק אַרויס
און די חברים פרעגן אים:
וואָס האָט געוואָלט אָט דער משוגענער?
זאָגט ער: איר ווייסט דאָך ווי ער
פלוידערט
זיי זאָגן: ניין! דו זאָג דעם אמת!
און יהוא ענטפערט: ער האָט מיר
געזאַלבט פאַר קיניג אויף ישראל.
און אַלע האָבן באַלד גענומען
אַ יעדערער זיין קלייד, געשפּרייט
דאָרט אויף די טרעפּן אונטער יהוא
געבלאָזן שופר און גערופן:

יהוא איז געוואָרן קיניג.
האָט יהוא זיך צובונטעוועט
דעם קיניג יורם טויטגעשלאָגן
נאָכדעם געקומען קיין יזרעאל.
און אַז איזבל, יורמס מוטער,
האָט עס געהערט, האָט זי פאַרפּוצט זיך,
די אויגן אויסגעשמירט מיט שמינקע
די קאָפּ פאַרקעמט און זיך געזעצט,
אַרויסגעקוקט דאָרט דורכן פענצטער
אַז יהוא איז אריין אין טויער,
האָט זי צו אים געזאָגט: וואָס מאַכסטו,
דו זמרי, שלעגער פון דיין האַר?
האָט ער אַ קוק געטאָן צום פענצטער,
געפרעגט: ווער האַלט מיט מיר דאָ, ווער?
און ס'האָבן צוויי - דריי קנעכט צו אים
אַרויסגעקוקט, האָט ער געזאָגט:
שלעפּט איר אַראָפּ! זיי האָבן איר
אַראָפּגעשלעפּט און דאָרט צוטראָטן,
און ס'האָט איר בלוט אַראָפּגערונען
אויפן וואַנט און אויף די פערד.
און יהוא איז אין שטוב אַריין
און האָט געגעסן און געטרונקען,
נאָכדעם געזאָגט צו זיי: הויבט אויף
אָט די פאַרפלוכטע און באַגראָבט איר,
ווייל זי איז דאָך אַ קיניגס טאָכטער
איז מען געגאַנגען איר באַגראָבן,
געפונען אָבער בלויז די קאָפּ
און אויך די פיס און שטיקער הענט.
איז מען געקומען, אים דערציילט,
האָט ער געזאָגט: דאָס איז גאָטס וואָרט,
געזאָגט דורך תשבי אליהו:

אין פעלד יזרעאל וועלן הינט
דעם לייב איזבלס אויפפרעסן
און ס'וועט איזבלס טויטער קערפער
זיך וואַלגערן ווי מיסט אין פעלד
און קיינער וועט איר ניט דערקענען
צו זאָגן: אָט דאָס איז איזבל.

---

אלישע איז געוואָרן קראַנק,
זיין לעצטע קרענק שוין, פאַרן טויט.
און ס'איז דער קיניג פון ישראל
צו אים געקומען און געוויינט
נעזאָגט: מיין פאָטער, אוי מיין פאָטער,
ישראלס וועגענער און רייטערס!
אלישע זאָגט: נעם פייל און בויגן!
האָט ער גענומען פייל און בויגן.
אלישע זאָגט: דו שפּאַן דעם בויגן!
דער קיניג האָט געשפּאַנט דעם בויגן
און ס'האָט דער מאַן דער געטלעכער
געלייגט זיין האַנט אויף קיניגס האַנט
נאָכדעם האָט ער געזאָגט דעם קיניג:
דעם פענצטער עפן אויף צו מזרח.
האָט ער דעם פענצטער אויפגעעפנט.
—איצט שיס!"—ער שיסט; דער נביא
זאָגט:
א פייל פון הילף, א פייל פון גאָט,
א פייל פון הילף, וואָס שלאָגט אַרם,
א פייל וואָס שלאָגט אַרם ביז טויט!
און ער זאָגט ווייטער: נעם די פיילן!
דער קיניג נעמט, דער נביא זאָגט:
שיס צו דער ערד! דער קיניג שיסט
צו ד'ערד דריי מאָל און שטעלט זיך אָפּ.
דער נביא צאָרנט און שרייט אויס:
דו וואָלסט געשאָסן פינף־זעקס מאָל,
וואָלסטו אַרם פאַרטיליגן;
איצט וועסטו בלויז דריי מאָל אים שלאָגן.

---

אלישע איז נאָכדעם געשטאָרבן
און מען האָט אים געבראַכט צו קבורה.
אין יענער צייט פלעגט מואבס חייל
אין לאַנד יאָר ־ יערלעך קומען רויבן.
איינמאָל האָט מען א מאַן באַגראָבן,
איז מואָבס חייל אָנגעקומען.
דערזעען דעם חייל, האָבן זיי
דעם מאַן א וואָרף געטאָן אין קבר,
וואו ס'איז דער מאַן דער געטלעכער
געווען באַגראָבן, האָט דער מאַן
אלישעס ביינער אָנגערירט
איז ער באַלד לעבעדיג געוואָרן
און אויף די פיס זיך אויפגעשטעלט —
— — — — — — — — — — — —

# רבשקה

...און אינם יאָר דעם פערצנטן
פון יהודה׳ס קיניג חזקיה
איז אויף די פעסטע שטעט פון יהודה
אַרויף סנהריב, אשורס קיניג,
באַצוואונגען זיי, און האָט געשיקט
פון לכיש קיין ירושלים
זיין מיליטער - פירער רבשקה
אַן שפּיץ פון אַן אַרמיי אַ גרויסער,
האָט ער געשטעלט זיך לעבן גראָבן
פון סאַזשעלקע דער אויבערשטער,
אַנטקעגן וועג פון וועשער - פעלד.
און ס׳איז אַנטקעגן אים אַרויס
אליקים, זון פון הלקיה,
וואָס אויפן פּאַלאַץ, שבנא שרייבער
און יואח, אָספס זון, דער קאַנצלער,
און ס׳האָט געזאָגט צו זיי רבשקה:
גייט זאָגט דעם קיניג חזקיה:
אַזוי האָט אים געלאָזן זאָגן
דער גרויסער קיניג אשורס:
אויף וועמען האָסטו זיך פאַרלאָזן?
ביסט מיטן מויל בלויז קלוג און שטאַרק
צו קענען אָנפירן מלחמות;
אויף וועמען - זשע פאַרלאָזטו זיך
און ווידערשפּעניגסט קעגן מיר?
פאַרזיכערסטו זיך אויפן שטיץ
פון שטעקן דעם צובראָכענעם,
מצרים, וואָס דו שפּאַרסט זיך אָן
אויף אים און לעכערסט זיך די האַנט?
אַזוי איז פּרעה דאָך פאַר אַלע,
וואָס פאַרלאָזן זיך אויף אים!
פאַרלאָזט זיך אפשר אויף דיין גאָט,
וואָס חזקיהו האָט באַזייטיגט
די במות און מזבחות זיינע
און אָנגעזאָגט דעם פאָלק, ער זאָל
זיך בוקן בלויז צום איינציגן
מזבח אין ירושלים ?
פאַרוועט זיך נאָר אַצינד **מיט מיר,**
איך גיב דיר פערד צוויי טויזנט שטיק
צי גיסטו רייטערס מיר פאַר זיי?
היינט ווי - זשע קענסטו אָפּזאָגן
מיין האַרס אַ קליינינקן פּאַשאַ
און אויף מצרים זיך פאַרלאָזן
מיט רייטוועגענער און מיט רייטערס?
צי אָן דעם וויסן פון דיין גאָט
בין איך געקומען אין דער לאַנד,
באַצווינגען איר, פאַרדאַרבן איר?
עס האָט דיין גאָט דאָך מיר באַפוילן,
כ׳זאָל אויף דער לאַנד גיין, איר
פאַרדאַרבן!—
און ס׳זאָגן דאַמאָלס צו רבשקהן
אליקים, שבנא און אויך יואח:
דו רעד צו דיינע קנעכט אַראַמיש,

ווייל מיר פאַרשטייען אַט די שפּראַך,
און רעד ניט דאָ צו אונז יהודית,
ווען ס'הערט דער פאָלק וואָס אויפן מויער.
רבשקה אָבער ענטפערט זיי:
צי האָט מיין האר געשיקט מיך ריידן
מיט אייער האר, אָדער מיט אייך?
דאָך נאָר מיט יענע אויפן מויער,
וואָס וועלן נאָך מיט אייך צוזאַמען
זיך שפּייזן מיט אורין און קאָל!
און ס'האָט רבשקה זיך געשטעלט
און הויך יהודית אויסגעשריען:
הערט אויס די ווערטער פון מיין קיניג,
דעם אַלמעכטיגן קיניג אַשורס!
זאָל אייך חזקיהו ניט פאַרפירן,
ווייל ער וועט אייך ניט ראַטעווען,
זאָל ער אייך ניט פאַרזיכערן,
אַז העלפן וועט אייך אייער גאָט
און ס'פאַלט די שטאָט ניט פאַר מיין
קיניג,—
אַזוי זאָגט קיניג אַשורס אייך:
איר שליסט מיט מיר אַ שלום - בונד
און גייט אַרויס צו מיר אַנטקעגן,
און איטלעכער פון אייך וועט עסן
זיין ווינשטאָק און זיין פייגנבוים
און טרינקען וואַסער פון זיין קוואַל,
ביז איך וועל קומען צו אייך נעמען
אין אַ לאַנד, ווי אייער לאַנד,
אַ לאַנד פון ברויט און ווייַנגערטנער.
זאָל אייך ניט אָנריידן חזקיהו
און זאָגן: גאָט וועט ראַטעווען!
צי האָבן יענע פעלקערס געטער
אַרויסגעראַטעוועט די לענדער
זייערע פון קיניג אַשורס?
פאַרוואָס - זשע זאָל גראָד אייער גאָט
ירושלים ראַטעווען?
און ס'האָבן אַלע שטיל געשוויגן
און ניט געענטפערט אים קיין וואָרט,
ווייל ס'איז אַזוי געווען באַפוילן
פון קיניג, זאָגנדיג: ניט ענטפערט!
און אַלע דריי זיינען געקומען
מיט קליידער איינגעריסענע
צום קיניג חזקיה און דערציילט,
וואָס ס'האָט רבשקה זיי געזאָגט.
און ווי ס'האָט חזקיה עס דערהערט
האָט ער די קליידער איינגעריסן
און מיט אַ זאַק זיך צוגעדעקט
און אין גאָטס הויז אַריינגעגאַנגען
און האָט געשיקט אליקימען
און שבנאַן און די כּוהנים
די עלצטע צוגעדעקט מיט זעק
צו ישעיה, אמוצס זון, דעם נביא.
זיי האָבן אים אַזוי געזאָגט:
דער קיניג חזקיה לאָזט דיר זאָגן:
עס איז אַ שלעכטער טאָג געקומען,
אַ טאָג פון אַנגסט און שטראָף און שמאַך,
ווען קינדער קומען ביז געבוירשטול
און ס'קען די מאַמע ניט געבוירן.
זאָל גאָט דערהערן, ווי רבשקה
האָט אים געלעסטערט און געשענדט,
און דו זאָלסט צו אים תּפילה טאָן
פאַרן רעשטל דעם געבליבענעם.
און ס'זיינען חזקיה'ס קנעכט געקומען,
געזאָגט ישעיה'ן אַט די ווערטער.
און ס'האָט ישעיה זיי געענטפערט:

גייט זאָגט דעם קיניג אייער האַר:
ניט פאָרכט פאַר די געהערטע ווערטער,
וואָס קיניג אשורס יונגען האָבן
געלעסטערט און געשענדט מיין נאָמען!
איך גיב אַ גייסט אין אים אריין
און ער וועט אויפנעמען אַ קלאַנג
און וועט אַוועקגיין אין זיין לאַנד
און וועט דאָרט פאַלן פונם שווערד.
און ס'איז אין יענער צייט תּרהקה,
דער קיניג כּושס, אַרויס אין שלאַכט
אַנטקעגן אשורס קיניג. און
רבשקה האָט דערפון געהערט,
איז ער אַוועק, זיין קיניג העלפן,
און האָט דערווייל געשיקט שילוחים
צו חזקיהו, יהודה'ס קיניג,
און אים אַזוי געהייסן זאָגן:
זאָל דיר ניט איינריידן דיין גאָט,
אויף וועלכן דו פאַרזיכערסט זיך,
אַז ירושלים וועט ניט פאַלן!
אָט הער, ווי אשור האָט פאַרוויסט
די לענדער אַלע פון אַרם,
און דו נאָר זאָלסט זיך ראַטעווען?
צי האָבן יענע געטער זיי
געראַטעוועט פון מיינע פאָטערס?
פאַרטיליגט גוזן, חרן, רצף
און אויך בני עדן וואָס אין תּלשר!
וואו איז דער קיניג פון חמת,
פון ארפּד און פון שטאָט ספרוים?
צוויאָגט, פאַרדאָרבן זיינען זיי!
האָט קיניג חזקיה גענומען
די בריוו פון די שלוחימס הענט
און זיי געלייענט און געוויינט
געבראַכט זיי אין גאָטס הויז אריין
און אויסגעשפּרייט זיי דאָרט פאַר גאָט
און האָט צו גאָט אַזוי געבעטן:
דו גאָט - צבאות, כּרובים - זיצער,
ביסט דאָך דער גאָט דער איינציגער
פאַר אַלע מלוכות פון דער וועלט,
האָסט דאָך באַשאַפן ערד און הימל.
נייג צו די אויערן און הער
די אויגן עפן אויף און זע
ווי ס'האָט סנחריב דאָ געשיקט
צו שענדן גאָט דעם לעבעדיגן!
יע, גאָט, עס האָבן וויסט געמאַכט
די קיניגן פון אשור יענע
אַלע לענדער פון די פעלקער
פאַרברענט אין פייער אויך די געטער,
ווייל ניט קיין געטער זיינען זיי,
נאָר האַנט - אַרבעטן מענטשישע,
געמאַכט פון העלצער און פון שטיינער,
דעריבער האָט מען זיי פאַרטיליגט.
אַצינד, אָבער, דו, אונזער גאָט,
העלף אונז אַרויס פון זיינע הענט,
און וויסן זאָלן אַלע לענדער,
אַז דו ביסט גאָט דער איינציגער!
און ס'האָט ישעיה, אמוצס זון,
געשיקט דעם קיניג חזקיה זאָגן:
אַזוי זאָגט גאָט ישראלס צו
סנחריבן דעם קיניג אשורס:
עס לאַכט פון דיר, עס שפּאָט פון דיר-
די יונגפרוי טאָכטער ציונס;
עס שאָקלט מיטן קאָפּ נאָך דיר
די טאָכטער ירושלימס
וועמען שענדסטו, לעסטערסטו?

אויף וועמען הויבסטו אויף דיין קול
און בליקן וואַרפסטו הוצפּהדיק? —
אויפן היילגן ישראלס?!
דו לעסטערסט גאָט דורך דיינע קנעכט
און טראַכסט: מיט מיינע רייטוועגעלעך
האָב איך אויף בערג דערהויבן זיך,
אַריינגעדרונגען אין לבנון
און אויסגעשניטן צעדערבוימער.
די אויסדערוויילטסטע טענענבוימער,
געקומען צו זיין העכסטן שפּיץ,
דערלאַנגט אַזש ביז זיין כּרמל - וואַלד!
כ'האָב אויסגעטריקנט מיט די טריט
די טייכן פון די פעסטונגען,
אַליין געגראָבן קוואַלן פרישע,
געטרונקען וואַסער צו גענוג;
צי האָסטו ניט געהערט, וואָס איך
האָב לאַנג - לאַנג פריער שוין געטאָן?
און האָב פאַרצייטנס עס געשאַפן
און איצט עס נאָכאַמאָל געבראַכט —
עס ווערט אַ חורבן דאָ אַרום
פון פוסטע שטעט—פאַרוויסטע בערגלעך
די איינוואוינערס — קורצהענטיגע,
זיי שרעקן זיך און שעמען זיך,
געוואָרן ווי די גראָז אין פעלד,
ווי גרין - געוויקס, ווי דעכער - וואוקס,
ווי זאַנגען טרוקענע אין פעלד
אַנטקעגן פולע, צייטיגע,
און וואו דו זיצסט, און וואו דו גייסט,
און וואו דו קומסט — איז מיר באַקאַנט
אויך ווי דו רגזנסט זיך אויף מיר;
דיין רגזנען, דיין שטורימען —
ווייל דאָס איז אַלץ צו מיר דערגאַנגען,

לייג איך אַ רונג דיר אויפן נאָז
אַ שפּרייז - האַלץ אין די ליפּן דיינע
און פיר צוריק דיך אינם וועג,
אין וועלכן ביסט אַהער געקומען!
און דו האָסט דאָ פאַר זיך אַ צייכן.
געגעסן היי - יאָר ווידער - וואוקס,
דעם יאָר דעם קומענדיגן—ווילד־וואוקס,
און אינם דריטן — זייט און שניידט!
פלאַנצט ווייַנגערטנער און עסט די פרוכט!
און די געראַטעוועטע יהודה
וועט שיקן וואָרצלען אונטן טיף
און זאַמלען פרוכטן אויבן ברייט!
ווייל אַלץ וואָס בלייבט און ראַטעוועט זיך
אין ציון און ירושלים
וועט וואַקסן און פאַרמערן זיך
און איבערשטייגן אַלע בערגעס —
דערום זאָגט גאָט צום קיניג אשורס:
ער וועט אין שטאָט אַריין ניט קומען,
און וועט קיין פייל אַהין ניט שיסן,
ניט קומען קעגן איר מיט שילדן,
ניט שיטן אַרום איר קיין שאַנצן
דעם וועג דעמזעלבן, ווי געקומען,
וועט ער זיך אומקערן צוריק,
ווייל איך וועל אָט דער שטאָט באַשיצן
כ'וועל העלפן איר פונמיינעטוועגן,
פונוועגן דודן מיין קנעכט.
און ס'איז אַרויס פון גאָט אַ מלאך,
געשלאָגן אין דער מחנה אשורס
הונדערט פינפאונאַכציג טויזנט.
ווען אויפגעשטאַנען אינדערפרי —
זע, אַלע ליגן טויטע פגרים!
האָט באַלד סנחריב אָפּגעצויגן,

אוועק צוריק אין זיין שטאָט לינוה.
און אָט ווען ער האָט זיך געבוקט
פאַר זיין גאָט נסרוך אינם טעמפּל,
באַפאַלן אים צוויי זיינע זין,
אדרמלך און שראצר,

שלאָגן טויט אים מיטן שווערד
און אַנטלויפן קיין אררט
און אויף זיין אָרט איז אסר חדון,
זיין זון, געוואָרן קיניג.

# חזקיהו

און ס'איז געשען אין יענע טעג,
איז חזקיהו שטאַרבלעך קראַנק געוואָרן,
און ס'איז ישעיה, אמוצס זון,
צו אים געקומען און געזאָגט:
לאָז אַ צוואה דיין געזינר,
ווייל דו מוזט שטאַרבן, וועסט ניט לעבן.
האָט חזקיה אָפּגעקערט צום וואַנט
זיין פּנים און געזאָגט אַ תפילה:
„איך בעט דיך, גאָט, דערמאָן זיך נאָר,
ווי איך האָב דיר געטריי געדינט
און אַלץ געטאָן, וואָס דיר געפעלט"!
און חזקיה האָט זיך הויך צעוויינט.
האָט גאָט ישעיה'ן אָנגעזאָגט:
גיי זאָג צו חזקיה אין מיין נאָמען:
דער גאָט פון דודן דיין זיידן
זאָגט אָן: איך האָב געהערט דיין תפילה,
געזען דיין טרער און כ'גיב דיר צו
אויף דיינע טעג נאָך פופצן יאָר.
און כ'ראַטעווע דיך און דער שטאָט
פון דער האַנט פון קיניג אַשורס
און אָט האָסטו פון גאָט אַ צייכן,
אַז וואָס געזאָגט, וועט ער אַלץ טאָן.
אָט איז דער שאָטן פון דער זון
אויף אחז'ס טרעפּ אַראָפּגענידערט, —
איך ברענג אים אויף צען טרעפּ צוריק.
און ווי געזאָגט אַזוי געשען:
עס האָט די זון זיך אומגעקערט
אויף צען טרעפּ, וואָס גענידערט שוין!
אָט אַ געשריפט
פון חזקיה,
יהודה'ס קיניג,
ווען פון זיין קרענק
געזונט געוואָרן:
„איך האָב געמיינט,
כ'וועל יונגערהייד
אין קבר גיין,
פאַרלאָרן שוין
מיין ביסל יאָרן, —
איך האָב געמיינט,
כ'וועל מער ניט זען
דאָס לאַנד פון לעבן,
כ'קוק מער ניט אָן
קיין מענטשנס קינד
אויף אָט דער וועלט;
אַוועק מיין דור,
פאַרקייקלט זיך,
ווי אַ געצעלט
פון פאַסטוכער,
און ווי אַ פאָדים
פון וועבערס קנויל,
אַזוי מיין לעבן
אָפּגעשניטן,

פון פרי ביז נאַכט
אַ סוף מיט מיר;
איך האָב געוואָרט,
וועסט ווי אַ לייב,
ביז אינדערפרי,
צוברעכן מיר
די ביינער אַלע,
כ'האָב ווי אַ שוואַלב
געפּישטשעט שוין
און ווי אַ טויב
אין זיך געברומט,
די בליקן בלויז
צו הויך געהויבן:
אוי, העלף מיר גאָט,
עס איז מיר באַנג;
וואָס רעד איך נאָך?
אַז ער באַפוילט
און טוט עס באַלד!
איך וואַרף זיך בלויז
מיין לעבן - רעשט
אין וויטאָג - שווער! — — — —
ערשט, גאָט, מען קען
דערמיט נאָך לעבן,
און אין דאָס אַלץ
לעבט אויף מיין גייסט,
דו מאַכסט מיך שטאַרק,
צוריק געזונט;
ניט ביטערניש,
נאָר פרידלעכקייט,
האָסטו געוואָלט
מיר איינטיילן,
ווייל האָסט געוואָרפן
הינטער זיך
אַלע מיינע זינד;
ווייל ניט דער קבר
קען דיר דאַנקען
און ניט דער טויט
קען לויבן דיך,
ווער ס'גייט אין גרוב,
דער האָפט שוין ניט
אויף דיין געטריישאַפט,
נאָר דער, וואָס לעבט,
ווי איך אַצינד,
דער קען דיר דאַנקען;
דערציילט דער פאָטער
זיינע קינדער
פון דיין געטריישאַפט;
אויך מיר האָט גאָט
אַ הילף געבראַכט,
איך וועל דערום
מיין לעבן לאַנג
אין טעמפּל גאָטס
אים זינגען לויב"! —

און ס'האָט ישעיה אָנגעזאָגט,
מ'זאָל אַ פייגן - פּלאַסטער נעמען
און אויף דער בראַנד - וואונד אָנשמירן,
וועט חזקיה געזונט ווערן.
האָט חזקיה געזאָגט: ס'אַ צייכן,
אַז איך גיי ווידער אין גאָטס הויז!

---

און ס'האָט מרודך, קיניג בבל'ס,
געשיקט שלוחים צו חזקיהון
געשיינק און בריף זיי מיטגעגעבן,
צו זיין געזונט ווערן פון קריינק.

האָט חזקיה זיך דערפרייט מיט זיי,
געוויזן זיי זיין שאַצקאַמער,
זיין זילבער, גאָלד, געווירץ און אייל
געווער, געצייג און אַלע אוצרות
ס'איז ניט געבליבן קיין שום זאַך,
וואָס חזקיה האָט זיי ניט געוויזן
אין גאָר זיין הויז און זיין ממשלה.
קומט אָן דער נביא ישעיהו
צום קיניג חזקיה און פרעגט:
וואָס האָבן דיר די לייט געזאָגט?
פונוואַנען קומען זיי צו דיר?
זאָגט חזקיה: פון אַ ווייטער לאַנד,
פון בבל, קומען זיי צו מיר.
און ס'פרעגט ישעיה חזקיה'ן:
וואָס האָבן זיי ביי דיר געזען?
און ס'ענטפערט חזקיה ישעיהון:
זיי האָבן אַלץ ביי מיר געזען,
ניטאָ קיין זאַך אין מיינע אוצרות,
וואָס איך האָב ניט די לייט געוויזן.
זאָגט ישעיהו חזקיה'ן:
טאָ הער דאָס וואָרט פון גאָט צבאות:
עס וועלן קומען טעג, ווען אַלץ,
וואָס אויפגעזאַמלט אין דיין הויז,
וואָס דיינע עלטערן געקליבן
און אָפּגעהיט ביז היינטיגס טאָג,
אַלץ וועט אַרויסגעטראָגן ווערן
קיין בבל, קיין זאַך וועט ניט בלייבן!
אַזוי זאָגט גאָט! און דיינע זין,
דיין נאָכקום, וועלן זיי פאַרנעמען
און זיי באַשטימען פאַר סריסים
אין פאַלאַץ פונם קיניג בבלס!
זאָגט חזקיה צו ישעיהן:
ס'איז גוט גאָטס וואָרט, וואָס האָסט געזאָגט!
ס'איז גוט, וואָס כאָטש אין מיינע טעג
וועט זיין גערעכטיגקייט און שלום!

# י וֹ נ ה

א.

איז געוועזן גאָטס וואָרט צו יונהן
זון אמתּים אָט אַזוי:
„גיי אין גרויסן כּרך, אין נינוה
און רוף אויס אין אַלע גאַסן,
אַז ס'איז שוין צו מיר דערגאַנגען
זייער שלעכטס".
וועק איז יונה
און געוואָלט פֿאַר גאָט אַנטלויפֿן,
איז קיין יפֿו אָנגעקומען,
דאָרט דערזען אַ שיף פֿון תּרשיש,
איינגעצאָלט, אַריינגענידערט
און געלאָזן זיך קיין תּרשיש,
צו אַנטלויפֿן פֿון גאָטס וואָרט.
האָט גאָט אָנגעיאָגט אַ שטורעם,
האָט דער ים די שיף געוואָרפֿן
אויף די כוואַליעס, שיר צובראָכן.
און די זעגלערס, אין גרויס פּחד,
האָבן יאָמערלעך געשריען,
איטלעכס איינער צו זיין גאָט,
און געכאַפּט פֿון שיף די כּלים
און אין ים אַריינגעשליידערט,
ס'זאָל די משא קלענער ווערן.
יונה אָבער האָט גענידערט
אין אַ ווינקל פֿון דער שיף,
דאָרט געלעגן און געשלאָפֿן.

האָט דער הויפּט - זעגלער דערזען אים
און געזאָגט: וואָס שלאָפֿסטו? גיי
שריי צו ד יי ן גאָט! אפשר וועט ער
ראַטעווען אונז פֿונם טויט!
רופֿט זיך איינער אָן צום צווייטן:
קומט מיר וועלן גורל וואַרפֿן,
ווער ס'איז שולדיג אינעם אומגליק.
האָבן זיי געוואָרפֿן גורל
און געפֿאַלן איז אויף יונהן.
האָבן זיי געזאָגט צו יונהן:
„זאָג, דו שולדיגער אין אומגליק,
ווער דיין פֿאָלק און וואו דיין לאַנד,
וואָס איז, זאָג אונז, דיין מלאכה?"
ענטפֿערט ער: „אַן עברי בין איך
און איך דין צו גאָט פֿון הימל,
דעם איינאיינציגן באַשאַפֿער
פֿונם ים און פֿון יבשה".
און דערציילט האָט ווייטער יונה,
אַז פֿאַר גאָט איז ער אַנטלאָפֿן.
איז אַ פּחד באַלד באַפֿאַלן
אַלע מענטשן אויפֿן שיף
און זיי האָבן אויסגעשריען.
„ווי, וואָס האָסטו אָפּגעטאָן?
זאָג, וואָס טוט מען דיר אַצינדער,
אַז דער ים זאָל רואיג ווערן?
הערסט, ווי ס'בושעווען די כוואַליעס!"

ענטפערט יונה: כ'ווייס, דער שטורים
איז דורך מיר אויף אייך געקומען;
נעמט - זשע, ווארפט אין ים אריין מיך,
וועט דער שטורים שטילער ווערן".
האבן נאך די לייט גערודערט,
צו דערגרייכן די יבשה,
האבן אבער ניט באוויזן,
ווייל דער ים האט אלץ געברויזט
האבן זיי צו גאט געשריען:
„האב רחמנות, לאז ניט שטארבן
אונז פאר אט דעם מענטשנס לעבן
ווארף אויף אונז ניט זיין ריין בלוט, —
דו, גאט, טוסט דאך, וואס דו ווילסט!"
האבן זיי גענומען יונהן,
אים אין ים אריינגעווארפן,
איז דער שטארקער ווינט אריבער.
און די לייט, אין שרעק פאר גאט,
האבן אויפגעבראכט קרבנות
און נדרים צוגעזאגט.

---

ב.

האט גאט צוגעגרייט א וואלפיש,
האט ער איינגעשלונגען יונהן,
איז ער דריי טעג און דריי נעכט
אינם בויך פון פיש געלעגן.
און ס'האט יונה צו זיין גאט
אינם בויך פון פיש געבעטן:
כ'האב פון נויט צו גאט גערופן,
האט ער מיר געענטפערט
פון תהום צו דיר געשריען,
האסט מיין קול פארנומען.
איצט אין טיפעניש געשליידערט,
אויפן גרונט פון ימען,
דורכן וואסער - שטראם געטריבן,
אין געברויז פון אינדן, —
צי בלייב איך שוין גאר פארטריבן
פון דיין שיין דעם העלן?
ניין, עס וועט מיין אויג נאך בליקן
אין דיין הייליג טעמפל!
ס'האט דער וואסער מיך פארטרונקען,
ס'האט דער אפגרונט מיר פארשלונגען,
ס'פלעכט אאיר זיך איבער קאפ מיר
כ'האב צום גרונט פון בערג גענידערט
און געמיינט די ערד פארשליסט שוין
פאר מיר אייביג אירע ריגלען.
אבער דו בריינגסט אויף מיין לעבן
פון די אפגרונטן, מיין גאט!
ווען פארשמאכט איז מיין נשמה,
האב איך גאט מיינעם דערמאנט,
האב איך מיין געבעט דערהויבן
צו דעם הייליגן טעמפל.
דער, וואס גלויבט אין אייטלקייטן,
דער פארלירט זיין אייגן גנאד.
אבער איך וועל דיר נאך לויבן,
מיט געזאנג קרבנות שעכטן,
מיינע צוזאגן באצאלן
פאר דיין הילף, מיין גאט!
און ס'האט גאט דעם פיש באפוילן
האט ער יונהן אויסגעשפיגן
אויף דער טריקעניש ארוים.

---

ג.

איז געווען גאטסווארט צו יונהן
ווידער: גיי אין כרך אין נינוה,

און רוף אוים דאָרט יענעם רוף
וואָס איך האָב שוין דיר באַפוילן.
יונה איז אַוועק קיין נינוה,
ווי גאָטס וואָרט; געווען איז נינוה
דאַמאָלס גרויס, ביז דריי טעג גאַנג.
און ס'האָט אָנגעהויבן יונה
גיין אין שטאָט אַ גאַנצן טאָג
און גערופן און געשריען:
ס'גייט אַריבער פערציג טעג,
וועט גאָט נינוה איבערקערן.
האָבן נינוה'ס לייט געהאָרכט
און געגלויבט דעם וואָרט פון גאָט
און אַ פאַסט - טאָג אויסגערופן
און אין זעק זיך איינגעוויקלט
פונם קלענסטן ביזן גרעסטן,
און געהערט האָט נינוה'ס קיניג,
האָט ער באַלד זיין טראָן פאַרלאָזן,
אויסגעטאָן פון זיך דעם מאַנטל,
אין אַ זאַק זיך איינגעוויקלט
און אויף אַש אַוועקגעזעצט זיך.
און געלאָזט אין נינוה רופן:
אינם נאָמען פונם קיניג,
אינם נאָמען פון די שרים, —
מענטשן, בהמות, רינדער, שאָף
זאָלן קיין זאַך ניט פאַרזוכן,
זיך ניט פּאַשען, וואַסער טרינקען,
זאָלן זיך אין זעק פאַרוויקלען,
סיי די מענטשן, סיי די בהמות,
מענטשן זאָלן הויך גאָט בעטן,
זייער שלעכטן וועג פאַרלאָזן,
און זיך אָפּזאָגן פון רויב, —
אפשר וועט גאָטס כעס פאַרשווינדן
און ער ציט צוריק דאָס שלעכטס,
וועלן מיר ניט אונטערגיין.
האָט געזען גאָט זייער ווערק,
זייער תשובה - טאָן פון בייז,
האָט ער זיך באַדיינקט פון צאָרן
און קיין שלעכטס זיי ניט געטאָן.

---

ד.

האָט עס יונהן שטאַרק פאַרדראָסן,
האָט געברענט אין אים דער צאָרן
און ער האָט צו גאָט געבעטן
און געזאָגט: אָ, גאָט, איך האָב דאָך
דאָס פאָרויסגעזאָגט נאָך דאַמאָלס,
אויף מיין ערד, און האָב געאײַלט זיך
צו אַנטלויפן אַזש קיין תרשיש.
ווייל געוואוסט האָב איך, אַז דו ביסט
אַ דערבאַרעמדיגער גאָט,
פול גענאָד, געדולדיגקייט,
און באַדיינקסט זיך אויף דאָס שלעכטס.
נעם - זשע, גאָט, איצט צו מיין לעבן,
בעסער מיר דער טויט פון לעבן!
און געזאָגט האָט גאָט: ס'פאַרדריסט דיר?
יונה איז אַרויס פון שטאָט,
זיך אַוועקגעזעצט צו מזרח,
אויסגעבויט זיך דאָרט אַ סוכּה
און געזעסן אין איר שאָטן
און געוואַרט צו זען דעם סוף,
וואָס וועט זיין דאָ אין דער שטאָט.
האָט גאָט צוגעגרייט אַ בלאַט,
אויסגעוואָקסן איבער יונהן,
אויפן קאָפּ געמאַכט אַ שאָטן,
אים צו שיצן פאַר דער זון.

איז געזעסן דאָרטן יונה
און געפרייט זיך מיט דער בלאַט.
און אַז ס'איז די נאַכט געקומען,
איז אַ וואָרים אָנגעקראָכן,
האָט פאַרטאָג די בלאַט צופרעסן,
און פאַרדאַרט איז זי געבליבן.
און אַז ס'האָט די זון געשיינט,
איז אַ מזרח ווינט געקומען,
שטיל געבלאָזן, און די זון האָט
יונהן אויפן קאָפּ געברענט
און ער איז פאַרשמאַכט געבליבן
און אויף זיך דעם טויט געבעטן:
בעסער טויט מיר ווי מיין לעבן.
און געזאָגט האָט גאָט צו יונהן:

„צי פאַרדריסט דיר אויף דער בלאַט?"
„יע ס'פאַרדריסט מיר ביזן טויט"
זאָגט גאָט: זע, דו האָסט רחמנות
אויף אַ בלאַט, הגם דו האָסט איר
ניט באַשאַפן, ניט דערצויגן,
איבער נאַכט איז זי געוואָרן,
איבער נאַכט איז זי פאַרלאָרן.
זאָל איך ניט רחמנות האָבן
אויפן גרויסן כרך, אויף נינוה,
וואָס האָט מער ווי הונדערט צוואַנציק
טויזנט מענטשן אומשולדיגע
און אויך פי אַ סך, וואָס ווייסן
ניט קיין לינקס און ניט קיין רעכטס?!"

# די געפונענע ספר-תּורה

אין יהודה האָט געקיניגט
יאשיהו זון פון אמון,
האָט געטאָן וואָס גאָט געפעלט,
רעכטס און לינקס ניט אָפּגעקערט
פון זיין פאָטער דודס וועגן.
און אין יאָר דעם אַכצענטן
זינט ער איז געוואָרן קיניג,
האָט ער שפנען דעם שרייבער
איינמאָל אין גאָטס הויז געשיקט
און אים אָנגעזאָגט אַזוי:
גיי זאָג חלקיה, דעם כּוהן - גדול,
ער זאָל צוציילן די געלטער,
וואָס עס האָבן אויפגעזאמלט
פונם פאָלק די שוועלן - היטערס
און אין טעמפּל גאָטס געבראַכט,
זאָל ער עס אוועקגעבן
צו די אַרבעטערס אין טעמפּל,
וואָס פאַרפעסטיגן די שפּאַלטן,
צו די סטאָליערס, בויערס, מוליערס,
קויפן האָלץ, געהאַקטע שטיינער,
צו פאַרפעסטיגן דעם טעמפּל.
נאָר מ'זאָל ניט רעכענען זיך
מיט די לייט וועגן די געלטער,
וואָס מ'גיט זיי אויפן האַנט,
ווייל זיי אַרבעטן געטריי.
דאַמאָלס האָט דער כּוהן גדול
אָנגעזאָגט דעם שרייבער שפן:
„איך האָב איצט אַ ספר תּורה
אינם טעמפּל גאָטס געפונען".
און ער האָט דערלאַנגט דעם ספר
שפנען; האָט ער געלייענט
און נאָכדעם דערציילט דעם קיניג:
ס'האָבן דיינע קנעכט צושמאָלצן
ס'גאַנצע זילבער, וואָס געפונען
אינם טעמפּל, און געגעבן
עס די אַרבעטערס פון טעמפּל.
און דערציילט דעם קיניג ווייטער:
חלקיה דער כּוהן האָט
אַ ספר - תּורה מיר געגעבן.
און ס'האָט שפן באַלד דעם קיניג
אָט דעם ספר פאָרגעלייענט.
איז געווען, ווי נאָר דער קיניג
האָט דערהערט דעם לייענען
שפנס פון דער ספר תּורה,
האָט ער באַלד די קליידער זיינע
איינגעריסן און באַפוילן
זיינע האַרן און די דינערס
און דעם כּוהן און דעם שרייבער:
גייט, פרעגט גאָט פונוועגן מיר
און דעם פאָלק און גאַנץ יהודה,
צוליב דעם ספר וואָס געפונען,
ווייל גאָטס צאָרן ברענט אויף אונז,

וואָס מיר האָבן ניט געפאָלגט,
ווי אין ספר שטייט געשריבן.
און די האַרן און די דינערס
און דער כּוהן און דער שרייבער:
האָבן זיך געלאָזט באַלד גיין
צו דער פרוי פון קליידער - היטער,
דער נביאה חולדה, און
איר דערציילט וואָס ס'איז געשען.
און זי האָט צו זיי געזאָגט:
זאָגט דעם מאַן, וואָס האָט געשיקט אײַך:
אָט אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
כ'ברענג אַ צרה אויף דעם אָרט
און אויף זיינע איינוואוינערס,
אַלץ וואָס שטייט אין אָט דעם ספר,
וואָס דער קיניג האָט געלייענט.
ווייל זיי האָבן מיך פאַרלאָזן
און געריכערט צו די געטער,
מיך דערצערנט מיט די מעשים,
וועט זיך אָנצינדן מיין צאָרן
אויפן אָרט דעמדאָזיגן
און וועט זיך ניט איינלעשן.
און דעם קיניג פון יהודה,
וואָס האָט אײַך געשיקט צו מיר,
גאָטס וואָרט פרעגן, זאָלט איר זאָגן:
ווייל דיין האַרץ איז ווייך געוואָרן,
און דו האָסט זיך אונטערטעניגט,
הערנדיג די שלעכטע ווערטער,
האָסט די קליידער איינגעריסן,
און פאַר גאָט געוויינט, געבעטן, —
האָט גאָט דיין געבעט געהערט
און ער לאָזט דיך שטאַרבן רואיג,
און ניט זען וועסטו די צרות,
וואָס גאָט ברענגט אויף אָט דעם אָרט,
און די האַרן פונם קיניג
האָבן אים געבראַכט דעם ענטפער.

*

און דער קיניג האָט פאַרזאַמלט
אַלע זקנים פון יהודה,
אַלע כּוהנים, נביאים
און דעם פאָלק פון קליין ביז גרויס,
אַלעמען אין טעמפּל גאָטס
און געלייענט פאַר זיי אַלע
וואָס ס'שטייט אין דער ספר תּורה,
דער געפונענער אין טעמפּל.
און נאָכדעם האָט זיך דער קיניג
אויף אַ הויכן זייל געשטעלט,
מיטן פאָלק אַ בונד געשלאָסן,
אַלע זאָלן פאָלגן גאָט,
היטן די געבאָטן זיינע,
די באַפעלן און געזעצן
אַלע מיטן גאַנצן האַרצן.
ווי אין ספר שטייט געשריבן.
און דער קיניג האָט באַפוילן
חלקיה דעם כּוהן גדול
און די כּוהנים די צווייטע
און די היטערס פון די שוועלן,
זיי זאָלן אַרויסנעמען
פונם טעמפּל גאָטס די כּלים,
וואָס זיינען געמאַכט געוועזן
פאַר בעל, פאַרן לינדבוים,
פאַר דער זון און דער לבנה
און די שטערנס אויפן הימל.
און פאַרברענט זיי אויפן פעלד,
זייער שטויב געבראַכט קיין בית - אל.

און פֿאַרטריבן אַלע כּומרים
פֿון די במות אין יהודה,
וואָס האָבן צום בעל געריוכערט,
צו דער זון, צו דער לבנה
צו די שטערנס אויפֿן הימל.
און אַרויסגעפֿירט דעם לינדבוים
פֿון גאָטס טעמפּל און געבראַכט אים
צום טייך קידרון און פֿאַרברענט אים
און זיין שטויב ביז דין צומאָלן
און געשאָטן אויף די קברים
פֿון געטויטע פֿאָלק - מענטשן.
און די שאַנד - הייזער צושמעטערט,
וואָס ביים טעמפּל גאָטס געשטאַנען,
וואו די ווייבער פֿלעגן וועבן
מענטעלעך פֿאַר יענעם לינדבוים.
און פֿאַראומרייניקט די במות,
וואו מ'האָט געריוכערט קטורת,
און דעם תּופֿת אין טאָל הינום
האָט ער אויך פֿאַראומרייניקט,
קיינער זאָל דאָרט מער ניט ברענגען
זון און טאָכטער צום געטש מולך.
אָפּגעשאַפֿט די פֿערד פֿון זון - געטש,
וואָס ביים איינגאַנג איז גאָטס טעמפּל,
און פֿאַרברענט די וועגענער,
די מזבחות אויפֿן דאַך
און אין הויפֿן פֿון גאָטס טעמפּל,
וואָס מנשה האָט געשטעלט,
האָט דער קיניג איצט צושמעטערט
און דעם שטויב אין טייך געשאָטן.
אויך די במות, וואָס אין שטאָט
ירושלים, ביים באַרג „משחית“,
וואָס ס'האָט שלמה נאָך געבויט צו
עשתּורת, געטש פֿון צידון
און צו כּמוש, דעם געטש פֿון מואב
און צו מלכּום, שאַנד פֿון עמון —
האָט פֿאַראומרייניקט דער קיניג.
די מצבות אויסגעבראָכן
און די לינדבוימער פֿאַרשניטן,
אָנגעפֿילט די ערטער יענע
ביינער פֿון געשטאָרבענע.
אויך די במה וואָס אין בית - אל,
וואָס ירבעם האָט געמאַכט,
און אויך דעם מזבח אויף איר
און דעם לינדבוים לעבן אים.
אַלץ האָט ער פֿאַרברענט, צומאָלן.
און דער קיניג האָט דערזען
מענטשן - קברים אויפֿן באַרג
און ער האָט אַרויסגענומען .
אַלע ביינער פֿון די קברים
און פֿאַרברענט אויפֿן מזבח
און פֿאַראומרייניקט אים, ווי
ס'האָט אַמאָל געזאָגט דער נביא
צו ירבעם זון נבטס.
און דער קיניג האָט געפֿרעגט:
וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מצבה
וואָס איך זע דאָ אויף אַ קבר?
האָט מען אים געזאָגט: דאָ ליגט
יענער נביא, וואָס האָט דאַמאָלס
פֿאָרגעזאָגט ירבעמען
אַלץ וואָס דו האָסט איצט געטאָן.
זאָגט דער קיניג: לאָזט אים ליגן!
רירט ניט אָן די ביינער זיינע,
אויך די במות פֿון לאַנד שומרון,
וואָס די קיניגן ישראלס

האָבן אין די שטעט געשטעלט
און דערמיט געריצט דעם פאָלק,
האָט דער קיניג אָפּגעשאַפט,
אויך די כּוהנים געשאָכטן
און אויף די מזבחות יענע
ביינער מענטשישע פאַרברענט
אויך די בּשוף - מאַכערייען
האָט ער אויסגעראמט פון לאַנד
און נאָכדעם דעם פאָלק באַפוילן:
פייערט איצט צו גאָט דעם פּסח,
ווי געשריבן דאָ אין ספר.
און עס איז אַזוי דער פּסח
ניט געפייערט שוין געוואָרן
פאַר דער גאַנצער צייט פון שופטים,
אויך די מלכים פון ישראל
און די מלכים פון יהודה, —
ערשט אין יאָר דעם אַכצענטן
פונם קיניג יאשיהו
האָט דער פאָלק געמאַכט דעם פּסח
איז דער שטאָט ירושלים.
און ס'איז פאַר אים און אויך נאָך אים
ניט געווען אין לאַנד אַ קיניג,
ווי דער קיניג יאשיהו,
וואָס האָט זיך צו גאָט געווענדט
מיטן האַרץ, מיט דער נשמה
און מיט אַלע זיינע כּוחות
ווי עס שטייט אין תּורה - משה.

*

אין זיין צייט איז אויפגעגאַנגען
פּרעה, קיניג פון מצרים,
קעגן אשור, צום טייך פּרת,
און דער קיניג יאשיהו
איז געגאַנגען אים אַנטקעגן,
און ווי פּרעה האָט דערזען אים,
האָט ער אים געטויט אין מגידו.
האָבן אים די קנעכט אַ טויטן
אין זיין רייטוואָגן געלייגט,
אָפּגעפירט קיין ירושלים
און באַגראָבן אין זיין קבר
האָט דער פאָלק געזאַלבט זיין זון
יהואחז פאַר אַ קיניג
נאָך זיין פאָטער אויף יהודה.

# דער חורבן

געווען אַ קיניג אויף ישׂראל
הושע, אלה׳ס זון, אין שומרון.
ער האָט געקיניגט ניין יאָר צייט
און האָט געזינדיגט קעגן גאָט.
איז אויפגעגאַנגען קעגן אים
דער קיניג אשור׳ס, שלמנאסר;
הושע איז זיין קנעכט געוואָרן
און האָט מתּנות אים געבראַכט.
איינמאָל האָט ער די יערלעכע
מתּנה ניט געבראַכט, ווי שטענדיג,
און האָט צום קיניג פון מצרים

אַרויסגעשיקט פון זיך שליחים,
האָט אַשורס קיניג עס דערהערט,
האָט ער באַטראַכט עס פאַר אַ בונט
און האָט הושע׳ן פעסטגעהאַלטן
און אים אין תּפיסה איינגעזעצט,
נאָכדעם באַלד האָט דער קיניג אַשורס
דאָס גאַנצע לאַנד אַדורכמאַרשירט,
דערגאַנגען ביז דער הויפּטשטאָט שומרון
און האָט באַלאַגערט איר דריי יאָר,
באַצוואונגען איר און איינגענומען,
ישׂראלן האָט ער פאַרטריבן,

באַזעצט אין אַשור, ביים טייך גוזן,
אין חלח אין תּבור און אין מדי.
און קיניג אַשורס האָט גענומען
די איינוואוינערס פון בבל, כּותה,
פון עוה, חמת און ספרוויים
און האָט געבראַכט זיי און באַזעצט
אין שומרונס שטעט, אָנשטאָט ישׂראל,
און זיי האָבן פאַרנומען שומרון,
אין אירע שטעט זיך איינגעזעצט.
און ס׳איז געווען אין ערשטער צייט,
ווען זיי זיינען געזעסן דאָרט,
איז גאָטס פאָרכט ניט געווען ביי זיי,
און גאָט האָט אָנגעשיקט אויף זיי
די לייבן, זיי צו הרגענען.
האָט מען דערציילט דעם קיניג אַשורס:

די פעלקער, וואָס דו האָסט פאַרטריבן
און איינגעזעצט אין שומרונס שטעט,
זיי קענען ניט דעם גאָט פון לאַנד,
פאַרשטייען ניט דעם משפּט זיינעם,
און ער האָט אָנגעשיקט די לייבן,
און יענע טויטן אָט די פעלקער.
און אַשורס קיניג האָט באַפוילן
האָט מען אַהין געבראַכט אַ כּוהן,
פון די פאַרטריבענע יהודהס,
אַז ער זאָל דאָרטן בלייבן וואוינען
און לערנען זיי די רעכט פון גאָט.
האָט ער באַזעצט זיך אין שטאָט בית־אל,
געלערנט זיי גאָטספאָרכטיגקייט.

פון דאַמאָלס איז אַזוי געבליבן:
איעדער פאָלק מאַכט זיך זיין גאָט

און האַלט אים אינם במה ־ טעמפּל
איעדער אין דער וואַוינשטאַט זיינער
און די ספּרוויים פּלעגן אויך
צו זייער גאָט די קינדער ברענען,
און האָבן אויך געפּאַרכט פּאַר גאָט,
געהאַט אויך כּוהנים אויף במות,
געדינט צו גאָט און אויך צו געטער,
און טוען עס ביז היינטיגס טאָג.

*

געווען אַ קינג אויף יהודה
יהויקים זון פון יהואָחז,
און אין זיין צייט איז אויפגעגאַנגען
נבוכדנאצר קיניג בבלס,
געלאַגערט אויף ירושלים.
יהויקים איז זיין קנעכט געוואָרן,
געדינט דריי יאָר און ווידערשפּעניגט.
האָט ער אויף אים געשיקט חיילות
פון כּשדים און ארם און מואב
און עמון, צו פאַרטיליגן.
און יהויקים איז געשטאָרבן
געקיניגט האָט זיין זון יהויכין.
נאָך דריי חדשים פון זיין מלכות
איז נבוכדנאצר, קיניג בבלס,
געקומען קיין ירושלים
מיט זיינע קנעכט און מיט חיילות,
און זיי האָבן די שטאָט באַלאַגערט.
און יהויכין, קיניג יהודה'ס,
איז מיט זיין מוטער, זיינע קנעכט,
מיט זיינע האַרן און באַדינטע
אַרויס אַנטקעגן קיניג בבלס,
און יענער האָט אים צוגענומען
אַרויסגעטראָגן אויך די אוצרות
פון טעמפּל גאָטס און קיניגס פּאַלאַץ,
די כּלים גאָלדענע צובראָכן,
וואָס שלמה האָט געמאַכט אין היכל,
און האָט פאַרטריבן ביז צענטויזנט
ירושלימס פירשטן, העלדן,
און אויך די מייסטערס און די שלאָסערס,
געבליבן בלויז די אָרימקייט;
פאַרטריבן יהויכינען,
דעם קיניגס מוטער, זיינע ווייבער
און די באַדינטע און די האַרן,
און זיבנטויזנט מיליטער ־ לייט
און העלדן, פירערס פון מלחמה,
פאַרטריבן אַלעמען קיין בבל.
און האָט באַשטימט אַ נייעם קיניג
מתניה, פעטער פון יהויכין,
אים אָנגערופן צדקיהו;
נאָך אויך דער קיניג צדקיהו
האָט קעגן בבל ווידערשפּעניגט.

*

אין יאָר דעם ניינטן פון זיין מלכות
אין צענטן טאָג פון צענטן חודש
איז נבוכדנאצר, קיניג בבלס,
געקומען אויף ירושלים,
האָט איר באַלאַגערט מיט זיין חייל,
געבויט אַ שאַנץ אַרום דער שטאָט,
און ס'איז די שטאָט געווען באַלאַגערט
ביז צו דעם עלפטן יאָר פון קיניג
אין ניינטן טאָג פון עלפטן חודש
האָט זיך אין שטאָט געשטאַרקט דער
הונגער,
דער פאָלק האָט ניט געהאַט קיין ברויט.
און אויפגעבראָכן איז געוואָרן

ביינאכט די פעסטונג פון דער שטאָט,
די קעמפערס זיינען זיך צולאָפן
דורך טויערן און מויערן,
דער קיניג איז ארויס פון גאָרטן
און דורכן סטעפּ אוועקגעלאָפן.
און כּשׂדים שטייען ארום שטאָט
און זיי האָבן געיאָגט דעם קיניג,
געכאַפּט אים אין יריחוס סטעפּעס, —
און ס'איז זיין חייל פון אים אַנטלאָפן, —
און אים געבראַכט צום קיניג בבלס,
האָט יענער הארב מיט אים גערעדט,
פאַר אים געשאָכטן זיינע קינדער
און זיינע אויגן אויסגעשטאָכן
און אַ געבונדענעם אין קייטן
קיין בבל אים אוועקגעפירט.
אין זיבעטן פון פינפטן חודש
איז נבוכדנאצרס הויפּט־שעכטמייסטער,
נבוזראדן, מיט זיין חייל,
קיין ירושלים אָנגעקומען,
פאַרברענט דעם טעמפּל און דעם פּאַלאַץ
און אַלע הייזער ירושלימס,
וואו נאָר אַ הויז אַ גרעסערע
האָט ער אין פייער אַלץ פאַרברענט,
די מויערן ארום דער שטאָט
האָט נבוזראדנס חייל צושמעטערט,
און די געבליבענע אין שטאָט,
די צוגעפאַלענע צום חייל
האָט דער הויפּט־שעכטמייסטער פאַרטריבן
נאָר פון די אָרימסטע פון פאָלק
האָט ער געלאָזן אין דער לאַנד
פאַר וויינגערטנערס און אַקערלייט.
די זיילן קופּערנע פון טעמפּל
און די געשטעלן און דעם ים —
צושמעטערט האָבן אַלץ די כּשׂדים
די קופּער אָפּגעפירט קיין בבל,
די טעפּ, די שופלעס און די מעסערס,
די לעפלען, כּלים קופּערנע,
די פייערפאַנען און די בעקנס,
די גאָלדענע און קופּערנע —
אַלץ האָט דער שעכטמייסטער פאַרנומען,
ס'איז ניט געווען קיין וואָג צום קופּער
פון אַלע כּלים פונם טעמפּל.
און ס'האָט דער שעכטמייסטער גענומען
דעם הויפּט־כּוהן, דעם צווייטן כּוהן,
און די דריי וועכטערס פאַרן שוועל,
און איין באַדינטן פון דער שטאָט,
אַ קאָמענדאַנט איבערן חייל,
און פינף פון קיניגס נאָנטע לייט,
וואָס האָבן זיך אין שטאָט געפונען,
דעם שרייבער פונם קאָמענדאַנט
און זעכציג מאַן פון פאָלק פון לאַנד,
וואָס האָבן זיך אין שטאָט געפונען,
און האָט זיי אָפּגעפירט קיין רבלה,
געפירט זיי פאַרן קיניג בבלס,
האָט זיי דער קיניג טויטגעשלאָגן
אין לאַנד חמת; און גאַנץ יהודה
האָט ער פאַרטריבן פון דער ערד.
און אויפן פאָלק, וואָס איז פאַרבליבן,
וואָס בבלס קיניג האָט געלאָזט,
זיי זאָלן וואוינען אין דער לאַנד,
האָט ער באַפוילן גדליהו'ן,
דעם זון אחיקמס, שפנס זון,
ער זאָל אַ פירשט זיין איבער זיי.
און גדליהו איז געגאַנגען

סיין מצפה, און געקומען זיינען
די הארן פונם חייל אלע
צוזאמען מיט די מאנשאפטן, —
געווען ישמעאל און יוחנן
און שריה און יאזניהו —
האט גדליהו זיי געשוואוירן
און זיי געזאגט: איר זאלט ניט פארכטן
פאר אט די דינערס פון די כשדים!
איר זיצט אין לאנד און דינט דעם קיניג
פון בבל, און עס וועט אייך גוט זיין.
אין ס'איז געווען נאכדעם אין חודש
אין זיבעטן, איז אנגעקומען
ישמעאל, איינער פון די פרינצן,
און נאך צען מאן געווען מיט אים,
און זיי האבן געטויט אין מצפה
דעם פירשט גדליהו, די יהודים
און אויך די כשדים, וואס ביי אים.
און דאמאלס האט דאס גאנצע פאלק,
פון קליין ביז גרויס, און אויך די הארן
פון די חיילות פון יהודה
זיך אויפגעהויבן און אנטלאפן
אין לאנד מצרים פאר די כשדים.

# דניאל

אין דריטן יאָר פון יהויקים
דעם קיניג פון יהודה, איז
נבוכדנאצר, קיניג בבלס,
געקומען קיין ירושלים,
די שטאָט באַלאַגערט, איינגענומען,
ער האָט די כּלים פון גאָטס טעמפּל
געבראַכט קיין בבל און געשטעלט
אין טעמפּל פון די געטער זיינע.
ער האָט באַפוילן אשפּנזן,
דעם עלצטן פון די הויף־באַדינטע,
ער זאָל ישראלס יונגען נעמען,
פון קיניגס שטאַם, פון אדל־לייט,
געזונטע יונגען, אָן אַ מום,
פון שיינעם אויסזען און פאַרשטענדיק
אין קענטעניש און וויסנשאַפט,
וואָס קענען שטיין אין קיניגס פּאַלאַץ,
און ער זאָל לאָזן לערנען זיי
די ביכער און די כשדים־שפּראַך. —
און ס'האָט דער קיניג זיי באַשטימט
טאָג־טעגלעך פונם קיניגס שפּייז
און פונם וויין פון זיין געטראַנק. —
אַזוי דריי יאָר זיי האָדעווען,
נאָכדעם זיי שטעלן פאַרן קיניג.
האָט ער געבראַכט ישראלס יונגען
און צווישן זיי אויך אָט די פיר:
דניאל — ער רופט אים: בלטשאצר,
חנניה — אָנגערופן: שדרך,
מישאל — אָנגערופן: מישך,
עזריה — אָדער: עבד נגו.
האָט זיך דניאל פאַרגענומען,
אַז ער זאָל זיך ניט אָנרירן
אָן קיניגס שפּייז און אָן זיין וויין,
און האָט דעם עלצטן הויף־באַדינטן
געבעטן אים עס ניט דערלאַנגען.
זאָגט אים דער עלצטער הויף־באַדינטער:
כ'האָב מורא פאַר מיין האר דעם קיניג,
וואָס האָט אַליין באַשטימט פאַר אייך
די עסנוואַרגן און געטראַנקען;
אַז ער וועט זען, איר קוקט אויס ערגער,
ווי יענע יונגען דאָ מיט אייך,
וועל איך ביי אים מיין קאָפּ פאַרשפּילן.
דניאל זאָגט דעם שפּייז־מייסטער,
וואָס ס'האָט דער עלצטער הויף־באַדינטער
באַשטימט אויף אָט די אַלע פיר:
פּרובֿ בלויז אַ צען טעג דיינע קנעכט,
און זאָל מען זאַלבעפערט אונז געבן
עסן קערנער, טרינקען וואַסער,
און וועסט באַטראַכטן אונזער אויסזען
און אויך דעם אויסזען פון די יונגען,
וואָס עסן, טרינקען אַלץ ביים קיניג, —
נאָכדעם טו וואָס דו ווילסט אַליין.
האָט ער צען טעג געפּאָלגט די יונגען

געפרובט זיי, און צום סוף געזען;
זיי זיינען שענער און געזינטער
פון אַלע איבעריגע יונגען,
וואָס עסן, טרינקען אַלץ ביים קיניג.
האָט ער די שפּייזן און געטראַנקען
צו זיך אַהיים אַוועקגעטראָגן
און זיי געגעבן קערנער בלויז.
און זיי זיינען אויך קלוג געוואָרן
אין ביכער און אין אַלע חכמות,
דניאל האָט נאָך אויך פאַרשטאַנען
די זעענישן און חלומות.
און אַז עס איז די צייט געקומען,
האָט זיי דער עלצטער הויף־באַדינטער
געבראַכט נבוכדנצרן;
דער קיניג האָט מיט זיי געשמועסט,
און זיי זיינען געפעלן אים,
האָט ער זיי אָפּגעשטעלט ביי זיך
און האָט זיי אויסגעפּאָרשט אין וויסן
און האָט געפונען צען מאָל מער,
ווי ביי די כשוף־מאַכערס אַלע,
וואָס זיינען אין זיין לאַנד געווען.

---

אין צווייטן יאָר נבוכדנצרס
האָט אים געחלומט זיך אַ חלום,
און ס'האָט זיין האַרץ אים שטאַרק געקלאַפּט,
און ס'איז זיין שלאָף געווען געבראָכן.
האָט ער גערופן די חרטומים,
די באַשווערערס, כישוף־מאַכערס,
זיי זאָלן אים דעם חלום זאָגן.
זיי האָבן זיך פאַר אים געשטעלט,
און האָבן אַלע אים געזאָגט:
זאָל אונזער קיניג אייביג לעבן!
דערצייל דעם חלום דיינע קנעכט
און מיר וועלן דיר אים באַטייטן.
זאָגט ער: די זאַך איז מיר פאַרשוואונדן;
וועט איר מיר ניט צו וויסן געבן
דעם חלום און אויך זיין באַטייט,
וועל איך צוהאַקן אייך אויף שטיקער;
אין מיסט פאַרוואַנדלען אייערע הייזער.
און זאָגט איר מיר די ביידע זאַכן,
דעם חלום און אויך זיין באַטייט,
גיב איך אייך כבוד און מתנות! —
די כשדים ענטפערן דעם קיניג:
ניטאָ קיין מענטש אויף דער יבשה,
וואָס זאָל אַזוינס דעם קיניג זאָגן,
און קיין שום קיניג, האַר, געביטער
האָט קיינמאָל ניט פאַרלאַנגט אַזוינס
פון די חרטומים און באַשווערערס;
דאָס קענען בלויז די געטער זאָגן,
וואָס וואוינען דאָ ניט מיט די מענטשן.
און ס'איז דער קיניג בייז געוואָרן
און האָט באַפוילן אומצוברענגען
אין בבל אַלע כישוף־מאַכערס.
און זיי האָבן געוואָלט אויך טויטן
דניאלן מיט די חברים.
און ס'האָט דניאל אריוכן,
דעם קיניגס לייב־וועכטער געפרעגט:
וואָס איז דאָרט פאַר אַ טומלעניש?
האָט אריוך אים דערציילט די זאַך.
איז ער צום קיניג באַלד אַוועק,
געבעטן ער זאָל צייט אים געבן,
וועט ער אַנטפּלעקן אים דעם חלום
און אויך אים זאָגן דעם באַטייט.

און אז דער קיניג האָט באַוויליגט,
איז ער אַוועק צו די חברים
און זיי האָבן די גאַנצע נאַכט
דעם גאָט פון הימל שטאַרק געבעטן
און גאָט האָט פאַר דניאלן
אַנטפּלעקט דעם חלום און באַטייט.
דניאל איז צו אריוכן

אַוועק און אים אַזוי געזאָגט:
דו זאָלסט ניט טויטן די חכמים,
ווייל איך קען באַלד דעם קיניג זאָגן
זיין חלום און אויך דעם באַטייט.
האָט מען דניאלן געבראַכט
צום קיניג, און ער האָט געפרעגט אים:
צי קענסטו מיר דעם חלום טרעפן?
דניאל ענטפערט אים: ניט איך,
נאָר גאָט אין הימל, וואָס ווייס אַלץ,
האָט דיר, מיין קיניג, אויך אַנטפּלעקט
וואָס ס'וועט געשען אין שפּעטערדיגע טעג.
דו האָסט געזען אַ גרויסן בילד,
געשטאַנען גלאַנצעדיג און פּראַכטיג,
געהאַט האָט ער אַ קאָפּ פון גינגאָלד,

זיין ברוסט און אָרימס זילבערנע,
זיין בויך און לענדן קופּערנע,
די שענקלען זיינע אייזערנע,
און פיס פון אייזן און פון ליים,
און פּלוצים זעסטו, ווי אַ שטיין
ווערט אויסגעריסן גאָר אָן הענט
און קלאַפּט דעם בילד אויף זיינע פיס
די אייזערנע און ליימענע,
צושמעטערט זיי אויף דינע שטיקלעך,
און באַלד איז גאָר די אייזן, ליים
און קופּער, זילבער און אויך גאָלד,
געוואָרן ווי שטרוי צודראָשענע,
דער ווינט האָט עס אַוועקגעטראָגן,
אין אַלע ווינקעלעך צווואָרפן,
און יענער שטיין, וואָס האָט צוקלאַפּט
דעם בילד, איז ווי אַ באַרג געוואָרן,
האָט אָנגעפילט די גאַנצע ערד.
אָט דאָס, מיין קיניג, איז דער חלום;
באַלד זאָג איך דיר אויך דעם באַטייט.
דו, קיניג איבער קיניגן,
ס'האָט גאָט פון הימל דיר געשענקט
פיל מעכטיגקייט און פּרעכטיגקייט

און אָפּגעגעבן אין דיין האַנט
די ערטער אַלע, וואו עס וואוינען
די מענטשן, חיות און אויך פויגלען —
דו ביסט דער קאָפּ דער גאָלדענער.
נאָך דיר שטייט אויף אַן אַנדער מלכות
אַ קלענערע — זי איז פון זילבער,
אַ דריטע, נאָך קלענער — פון קופּער
אַ פערטע וועט זיין שטאַרק ווי אייזן,
און וועט, ווי אייזן, אַלץ צושטויסן,
אויף שטיקעלעך צושמעטערן,
נאָר ס'וועט אַ טייל פון אָט דער מלכות
צוקראָכן ווערן פּונקט ווי ליים.
און אין דער צייט פון יענע מלכים
וועט גאָט פון הימל אויפשטעלן
אַ מלכות גאָר אַ מעכטיגע,
וואָס וועט קיינמאָל ניט אומקומען,
די מאַכט ניט איבערגעבן קיינעם.

וועט אומברענגען די קיניגרייכן,
אַליין אויף אייביג בלייבן לעבן.
אָט דאָס, מיין קיניג, האָט דער גאָט
פון הימל פריער אָנגעזאָגט.

און ס'איז דער חלום אמתדיג
און וואָרהאַפטיג אויך דער באַטייט.
און ס'איז דער קיניג אויפן פּנים
געפאַלן פאַר דניאלן
געזאָגט: פאַרוואָר, נאָר אייער גאָט
איז איין גאָט איבער אַלע געטער
און איין האר איבער אַלע מלכים
און קען אַנטפּלעקן אַלע סודות.
און ס'האָט דער קיניג גרויס געמאַכט
דניאלן, און אים געשענקט
מתנות גרויסע גאָר אַ סך,
געמאַכט אים הערשן אויף גאַנץ בבל,
געוועלטיגן אויף די חכמים.
און די חברים זיינע דריי
האָט ער באַשטימט פאַר אַכטונג - געבערס
אויף אַלע אַרבעטן אין לאַנד,
און ער, דניאל, איז געבליבן
אין קיניגלעכן טויער זיצן.

---

דער קיניג נבוכדנצר האָט
געמאַכט אַ בילד אַ גאָלדענעם,
געהאַלטן זעכציג איילן הויך,
זעקס איילן ברייט, און אים געשטעלט
אין דורא - פּליין, אין בבל - לאַנד.
ער האָט געשיקט צונויפזאַמלען
סאַטראַפּן און גובערנאַטאָרן,
פּאַשאַען, ריכטערס, עצה - געבערס
און די געביטערס אויף פּראָווינצן,
זיי זאָלן זיין ביי דער באַנייאונג
פון אָט דעם אויפגעשטעלטן בילד.
און ס'האָבן אויסרופערס גערופן:
צו אַלע פעלקער, שטאַמען, שפּראַכן!

ווי איר דערהערט דעם קלאַנג פון האָרן,
פון פּלייט, פון ציטרע, פונם פּסנתר,
סימפּאָניע און נאָך אינסטרומענטן, —
זאָלט איר באַלד קניען און זיך בוקן
צו אָט דעם בילד דעם גאָלדענעם.
און ווער עס וועט ניט וועלן קניען
און בוקן זיך צו אָט דעם בילד,
וועט מען אים באַלד אַריינוואַרפן
אין ברענענדיגן קאַלכאויוון.
פון דאַמאָלס אָן, ווער ס'האָט געהערט
פון אַלע פעלקער, שטאַמען, שפּראַכן
דעם קלאַנג פון האָרן, פּלייט און ציטרע
און אַלע מינים אינסטרומענטן,
האָט באַלד געקניט און זיך געבוקט
פאַר יענעם בילד דעם גאָלדענעם.
און דאַמאָלס האָבן כשדים - לייט
געבראַכט אַן אָנקלאָג אויף די יידן,
געזאָגט צום קיניג נבוכדנצר:
דער קיניג זאָל אויף אייביג לעבן!
די לייט דידאָזיגע פון יידן,
וואָס האָסט געמאַכט פאַר אַכטונג-געבערס
אויף אַלע אַרבעטן אין לאַנד,
שדרך, מישך, עבד נגו,
(חנניה, מישאל און עזריה)
זיי פאָלגן ניט דעם קיניגס אָנזאָג
און בוקן זיך ניט פאַרן בילד.
און ס'איז דער קיניג בייז געוואָרן
און האָט באַפוילן פאַר זיך ברענגען
שדרך, מישך, עבד נגו
און זיי געפרעגט: פאַרוואָס האָט איר
די געטער מיינע ניט געדינט
און פאַרן בילד זיך ניט געבוקט?

און זיי האָבן געענטפּערט אים:
אויף אָט דער שאלה ווילן מיר
קיין ענטפער גאָרניט געבן דיר;
מיר דינען ניט די געטער דיינע,
מיר בוקן זיך ניט פאַר דיין בילד,
מיר דינען גאָט דעם איינציקן
און ער וועט אונדז שוין ראַטעווען
פון ברענענדיקן קאַלכאויוון,
אויך פון דיין האַנט, אָ, אונזער קיניג!
און ס'איז דער קיניג בייז געוואָרן,

זיין פּנים האָט געענדערט זיך
ער האָט געשריען און באַפוילן,
מ'זאָל דעם אויוון אויסהייצן
מער זיבנפאַכיק ווי געוויינלעך
און יונגען שטאַרקע פון זיין חייל
האָט ער געהייסן בינדן זיי,
די יונגעלייט די יידישע,
און אַלע דריי אַריינוואַרפן
אין ברענענדיקן קאַלכאויוון.
האָט מען געבונדן אָט די דריי,
שדרך, מישך עבד נגו,

און אין די קליידער אויבערשטע
און אונטערשטע, ווי אָנגעקליידט,
אַריינגעוואָרפן אַלע דריי
אין ברענענדיקן קאַלכאויוון.

און ס'האָט דער פלאַם אַרומגעכאַפּט
די מענטשן די אַריינוואַרפערס
און אויפן אָרט פאַרברענט צום טויט,
און יענע דריי געבונדענע
זיינען אין קאַלכאויוון געפאַלן.
און ס'האָט דער קיניג עס דערזען,
און אַ דערשראָקענער געשריען:

צי האָבן מיר זיי ניט געוואָרפן
געבונדענע אין קאַלכאויוון?
פאַרוואָס זשע זע איך מענטשן פיר
אַרומגיין פריי אין קאַלכאויוון?,
זיי שפּירן גאָר קיין ווייטאָג ניט,
און די געשטאַלט פון פערטן איז
ווי פון אַ מאַן אַ געטלעכן!
און דאַמאָלס האָט נבוכדנצר
דערנענטערט זיך צום קאַלכאויוון
און האָט געשריען און געזאָגט:
שדרך, מישך, עבד - נגו,
איר קנעכט פון גאָט דעם אויבערשטן,
גייט שוין אַרויס און קומט אַהער!
באַלד זיינען זיי אַרויסגעגאַנגען

פון ברענענדיקן קאַלכאויוון
און ס'האָבן זיך צונויפגעזאַמלט,
סאַטראַפּן און גובערנאַטאָרן,
פּאַשאַען, ריכטערס, עצה געבערס,
און די געביטערס פון פּראָווינצן,
און האָבן אָט די דריי געזען,
וואָס ס'האָט דער פייער ניט געוועלטיגט

אויף די לייבער זייערע,
די האָר פון קאָפּ ניט צוגעסמאַליעט,
און אויך די קליידער ניט פאַרענדערט,
מ'האָט אפילו ניט געשפּירט
פון אַלע דריי קיין פייער - ריח.

און ס'האָט געזאָגט נבוכדנצר;
געלויבט זאָל ווערן זייער גאָט!
ער האָט אַ מלאך זיי געשיקט,
און ער האָט זיינע קנעכט באַפרייט,
וואָס האָבן זיך אויף אים פאַרלאָזט,

דעם וואָרט פון קיניג ווידערשפעניגט
און זייער לעבן איינגעשטעלט,
און ניט נעקנים און נים נעבוקט זיך
פאַר קיין שום גאָט, חוץ זייער גאָט.
דערום האָב איך אצינד באַפוילן,
אַז איטלעכס אומה, איטלעכס לשון,
וואָס זאָגט אַ קרום וואָרט קעגן גאָט
פון שדרך, מישך, עבד - נגו,
וועל איך צוהאַקן זיי אויף שטיקער,
אין מיסט פאַרוואַנדלען זייערע הייזער.
און ס׳האָט דער קיניג אָנגעשטעלט
שדרך, מישך, עבד - נגו
פאַר אמט - טרעגערס אין בבל - לאַנד.

---

איך, דער קיניג נבוכדנצר,
זאָג אָן די אומות און לשונות,
וואָס וואוינען אויף דער גאַנצער וועלט:
זאָל אייער פריד פאַרמערט ווערן!
איך וויל אצינד אייך אויסדערציילן
די צייכנס און די וואונדערקייטן,
וואָס ס׳האָט דער גאָט דער אויבערשטער
באַוויזן מיר. אַ זעט, ווי גרויס
און וואונדערבאַר עס איז זיין מלכות
אין אייביגקייט, פון דור צו דור!
איך בין אַ פרישער און געזונטער
געזעסן רואיג אין מיין פאַלאַץ.
האָט מיך אַ חלום אויפגעשראָקן
און אויפגעטרייסלט מיין געדאַנק,
האָב איך נעגעבן אַ באַפעל
פאַר מיר צו ברענגען די חכמים,
זיי זאָלן מיר דעם חלום טייטן.
און דאַמאָלס זיינען די חרטומים,
באַשווערערס, וואָרזאָגערס און כשדים
געקומען און געהערט מיין חלום,
נאָר דעם באַטייט מיר ניט געזאָגט.
צולעצט איז אויך צו מיר געקומען
דניאל, וועלכער הייסט בלטשאצר,
און האָט אַ גייסט פון גאָט אין זיך,
און איך האָב אים דערציילט מיין חלום:
אַ גרויסער בוים וואַקסט פון דער ערד,
זיין הויך דערגרייכט אַזש ביזן הימל,
און ביז עק וועלט ווערט ער געזען,
באַבלעטערט שיין, באַפרוכפערט רייך,
טראָגט שפייז גענוג פאַר אַלעמען,
עס ליגן חיות אין זיין שאָטן,
אויף זיינע צווייגן שפרינגען פויגלען,
און אַלע שפייזן זיך פון אים.
און פלוצלינג זע איך, ס׳קומט פון הימל
אַ מלאך און רופט אויס מיט קראַפט:
האַקט אָפּ דעם בוים, שניידט אָפּ די צווייגן,
צושיט די בלעטער און די פרוכט,
פאַרוואָגלט זאָלן פון אים ווערן
די חיות און די פויגלען אַלע,
נאָר לאָזט דעם הויפּט - וואָרצל אין דרערד
און בינדט אים מיט אַ קייט פון אייזן
און קופּער אָן די גראָז פון פעלד,
פון הימל - טוי זאָל ער זיין פייכט,
מיט חיות זאָל ער עסן גראָז,
זיין מענטשיש האַרץ זאָל ער פאַרלירן
אַ חיהש האַרץ זאָל ער באַקומען,
אַזוי זאָל דורכגיין זיבן צייטן.
אָט איז דער חלום, וואָס געזען

האָב איך, דער קיניג נבוכדנצר,
און דו, בלטשאצר, זיי אים פותר!
עס האָבן די חכמים מיינע
דעם חלום ניט געקענט באַטייטן,
נאָר דו בלטשאצר, מוזט עס קענען
ווייל ס'רוט אין דיר דער גייסט פון גאָט;
פון גאָט דעם הייליגן אין הימל.

בלטשאצר איז געבליבן שטיין
א ווייל צוטומלט און צושראָקן;
האָב איך געזאָגט: דו שרעק זיך ניט!
האָט ער געענטפערט: אָ, מיין קיניג!

זאָל זיין דיין חלום פאַר דיין שונא
און פאַר דיין פיינט אויך דער באַטייט.
דער בוים דער גרויסער מעכטיגער
ביסטו מיין קיניג נבוכדנצר.

און אָט קומט א באַפעל פון אויבן,
וואָס וועט דערגרייכן דיר, מיין האַר!
דו ווערסט פאַרטריבן פון די מענטשן,
מיט ווילדע חיות וועסטו לעבן.
און ווי די אָקסן עסן גראָז,

וועסט פייכט ווערן פון הימל - טוי,
אזוי פאַרגייען זיבן צייטן,
ביז דו וועסט וויסן און דערקענען
אז גאָט דער אויבערשטער געוועלטיגט

אין גאָר דער מלכות פונם מענטשן
און וועמען ער וויל גיט ער אלץ.
און וואָס דער מלאך האָט באַפוילן

דעם הויפּט - וואָרצל אין ד'רערד צו לאָזן
באַטייט עס, אז עס וועט דיין מלכות
ביי דיר פאַרבלייבן, ביז דו וועסט
דעם גאָט פון הימל שוין דערקענען.

דערום אָ קיניג, הער מיין ראָט:
לייז אויס דיין זינדיגקייט מיט צדקה,
מיט גנעדיגקייט צו אָרימע —
און ס'וועט דיין פריד פאַרלייגנגערט
ווערן.

און ווי בלטשאצר האָט באַטייט,
אזוי איז אלץ אויף מיר געקומען,
אריבער צוועלף חדשים צייט,

בין איך געגאַנגען אין מיין פּאַלאַץ
און האָב צו זיך אליין גערעדט.
אָט דאָס איז דאָך די גרויסע בבל,
וואָס איך האָב אויסגעבויט פאַר מלכות,
מיט מעכטיגקייט און פּרעכטיגקייט!
מיין וואָרט איז נאָך אין מויל געווען,
און ס'איז א קול געהערט געוואָרן,
פון הימל גלייך אראָפּגעפאַלן:
„דאָס מלכות טוט זיך אָפּ פון דיר!"
און אין דער רגע איז אויף מיר,

נבוכדנצר, אלץ געקומען:
געווען פאַרטריבן פון די מענטשן,
געלעבט אין פעלד מיט ווילדע חיות,
און גראָז געגעסן ווי די אָקסן

פון הימל - טוי געוואָרן פייכט,
מיט האָר באַוואָקסן און מיט נעגל,
פּונקט ווי מיט פעדערן אן אָדלער
און ווי די רויב - פויגלען מיט נעגל.
און אז עס איז א צייט אריבער,
האָב איך, נבוכדנצר, איינמאָל

מיין בליק צום הימל אויפגעהויבן,
האָט מיין פאַרשטאַנד ז'ך אומגעקערט,
איך האָב דעם אויבערשטן געלויבט,
גערימט דעם אייביג - לעבנדיגן,

וואָס זיין געוועלטיגקייט איז שטענדיג,
זיין מלכות בלייבט אויף אַלע דורות.
און אַלע ערד באַוואוינערס זיינען
אַנטקעגן אים ווי נישט און גאָרנישט
און וואָס ער וויל, דאָס קען ער טאָן
אויך מיט זיין חייל וואָס אין הימל,
און קיינער קען ניט שטערן אים
און קען ניט זאָגן אים: וואָס טוסטו?
און אין דער צייט, ווען מיין פאַרשטאַנד
האָט זיך צוריקגעקערט צו מיר,
האָב איך באַקומען באַלד צוריק
די פּראַכט, דעם כּבוד פון מיין מלכות,
עס האָבן אַלע שרים מיינע
מיך אויפגענומען מיט גרויס פרייד,
מיין טרוין און קרוין באַפעסטיגט מיר,
און ווידער איז מיין גדולה גרויס.
אַצינד טו איך, נבוכדנצר,
דעם גאָט פון הימל לויבן, רימען,
ווייל זיינע מעשים זיינען אמת,
און זיינע וועגן רעכטפאַרטיג,
ער קען דערנידעריגן שטאָלצע
און נידעריגע מאַכן שטאָלץ.

---

דריוושן איז וואוילגעפעלן
באַשטימען הונדערט צוואַנציג מאַן
סאַטראַפּן אויף דער גאַנצער לאַנד
און איבער זיי דריי שטאַטהאַלטערס,
דניאל — איינער פון די דריי.
און דאַמאָלס האָט דניאל זיך
דערהויבן איבער אַלע האַרן,
ווייל שטאַרקער איז זיין גייסט געוועזן
און ס'האָט דער קיניג שוין געטראַכט
אים אויפנעמען אויף גאַנ דער לאַנד.
האָט עס פאַרדראָסן די סאַטראַפּן
און זיי האָבן געזוכט אויף אים
אַ בלבול, אומצוברענגען אים,
זיי האָבן אָבער קיין פאַרברעך
אין אים גאָרניט געקענט געפינען,
ווייל ער האָט טריי געדינט דעם קיניג.
און ס'האָבן דאַמאָלס אָט די לייט
פאַרזאַמלט זיך אַרום דעם קיניג
און האָבן אים אַזוי געזאָגט:
דריוויש, קיניג, לעב אויף אייביג!
מיר זיינען אַלע דאָ געקומען
אַז איטלעכער וואָס קניט און בעט
צו געטער אַנדערע, חוץ דיר,
דער זאָל אַריינגעוואָרפן ווערן
אין לייבן - גרוב; און דו זאָלסט קיניג
באַלד חתמנען אָט דעם געבאָט,
כּדי מ'זאָל שוין קיינמאָל מער
ניט קענען אים צוריקציען.
דער קיניג האָט זיי אויסגעהערט,
דעם כּתב געשריבן און געחתמעט.
און ווי דניאל האָט דערהערט,
אַז ס'איז געחתמעט דער געזעץ,
איז ער אַריין צו זיך אין שטוב,
וואו אויפן גאָרן זיינע פענצטערס
געעפנטע צו ירושלים,
און האָט דריי מאָל אין טאָג געקניט,
געבוקט זיך און געבעטן גאָט
דעם הימלשן, דעם אייביגן,
ווי ער פלעגט טאָן פון שטענדיג אָן.
און ס'האָבן יענע לייט געזען,
ווי ער איז צו זיין גאָט מתפּלל,

און זיינען באַלד אַוועק צום קיניג
און האָבן אים דעם כתב דערמאָנט:
האָסט דאָך באַפוילן און געחתמעט,
מ׳זאָל ניט דינען צו קיין געטער,
אַחוץ צו דיר אַליין; און אָט
האָט דער דניאל, פון די יידן,
געקניט, געבוקט זיך צו זיין גאָט —
מען מוז אים דאָך, לויט דיין געזעץ,
אין לייבן - גרוב אַריינוואַרפן! —
דער קיניג האָט געהערט די ווערטער,
איז זיין פאַרדראָס געוואָקסן שטאַרק,
ער האָט אין האַרץ געזוכט תחבולות,
דניאלן פון שטראָף באַפרייען.
נאָר ס׳האָבן יענע לייט געשריען,
אַז אַ געחתמעטער געזעץ
טאָר קיינמאָל ניט געענדערט ווערן
האָט מען דניאלן געבראַכט,
אין לייבן - גרוב אַריינצוואַרפן.
דער קיניג זאָגט אים: זאָל דיין גאָט
פון אַלדאָס בייז דיך ראַטעווען!
באַלד האָט מען אים אַריינגעוואָרפן,
אַרויפגעלייגט אַ שטיין פון אויבן,
פאַרחתמעט מיטן קיניגס שטעמפּל,
און מיטן שטעמפּל פון די שׂרים.
דער קיניג איז אַריין אין פּאַלאַץ,
אַ ניכטערער געגאַנגען שלאָפן,
און קיין מוזיק ניט צוגעלאָזט,
און ס׳איז דער שלאָף פון אים אַוועק.
פאַרטאָג האָט ער זיך אויפגעכאַפּט,
געלאָפן צו דער לייבן - גרוב

און טרויעריג אין וועג גערופן:
דניאל, דו מיין טייערער,
דו קנעכט פון גאָט דעם הימלישן!
צי האָט דיין גאָט געראַטעוועט
דיך פון די לייבן אין דער גרוב?
און ס׳האָט דניאל אים געענטפערט:
מיין קיניג, זאָלסט אויף אייביג לעבן!
עס האָט מיין גאָט געשיקט אַ מלאך
האָט ער די מיילער פון די לייבן
פאַרמאַכט, ווייל איך האָב ניט געזינדיגט
צו גאָט און אויך צו דיר, מיין קיניג!
באַלד האָט דער קיניג זיך דערפרייט,
געהייסן אים אַרויפברייננגען
און ס׳איז דניאל גאַנץ געווען,
געזונט און מונטער, אָן שום שאָדן,
און פול מיט גלויבן אין זיין גאָט.
און ס׳האָט דער קיניג באַלד באַפוילן,
האָט מען געבראַכט אויך יענע לייט,
די מוסרים, און אין לייבן - גרוב
מיט ווייב און קינד אַריינגעוואָרפן.
און איידער יענע האָבן נאָך
דערגרייכט דעם גרונט פון לייבן - גרוב,
און ס׳האָבן זיי געכאַפּט די לייבן
און אויפגעפרעסן מיט די ביינער.
און ס׳האָט דריווש יענעם טאָג
דניאלן הויך אויפגעהויבן,
געמאַכט אים פאַר׳ן גרעסטן שׂר,
און ער איז שוין אַזוי געבליבן
אין פּרס אויך אין מלכות - כּורש.

# אסתר

## א.

נעווען אין צייט פון אחשוורוש,
דער אחשוורוש, וואָס געקיניגט
אויף הונדערט זיבנונצוואַנציק לענדער,
פון הודו ביזקל כוש, —
האָט ער אַמאָל געמאַכט אַ מאָלצייט
פאַר אַלע פירשטן און אויך קנעכט,
נעוויזן אַלעמען זיין רייכקייט,
זיין גרויסקייט און זיין פּרעכטיגקייט —
אַ באַל אויף הונדערט אַכציק טעג.
און אַז ס'איז אָט די צייט אַריבער
האָט ער געמאַכט אַ צווייטן מאָלצייט
אין הויף פון גאָרטן פונם פּאַלאַץ
פאַר אַלע איינוואוינערס פון שושן,
פון קליין ביז גרויס, אויף זיבן טעג.
ווייס, גרין און בלוי־וואָל, איינגעפלאָכטן
מיט שנירעלעך פון ליין און פּורפּור
אויף זילבער־רעדלעך, מאַרמאָר־זיילכלעך,
אויף בעטעלעך פון גאָלד און זילבער
אויף פאַרביק מאַרמאָרענע פּלאַסטערס,
אין בעכערס גאָלדענע געטרונקען
דעם קיניגלעכן ווין געגנוג,
געטרונקען פרייוויליק, אָן צוואַנג,
ווייל ס'האָט דער קיניג אָנגעזאָגט
איעדן אויפזעער פון פּאַלאַץ
צו פאָלגן איטלעכנס פאַרלאַנג.

און אויך די מלכּה ושתּי האָט
געמאַכט אַ מאָלצייט פאַר די פרויען
אין הויז פון קיניג אחשוורוש.
**און אינם טאָג דעם זיבעטן,**
ווען ס'שטייגט דעם קיניגס פרייד פון ווייַן,
באַפוילט ער די סריסים זיבן,
צו ברייננען אים די מלכּה ושתּי,
אָן אויסגעפּוצטע אין איר קרוין,
צו ווייזן פאַר די געסט איר שיינקייט.
האָט ניט געוואָלט די מלכּה ושתּי
צו קומען לויט דעם קיניגס וואָרט,
און ס'האָט דער קיניג שטאַרק געצערנט,
און האָט געפרעגט ביי די חכמים
די זיבן נאָנטסטע צו זיין טראָן
וואָס מעגן זען דעם קיניגס פּנים,
זיי זאָלן זאָגן דעם געזעץ,
וואָס טוט מען מיט דער מלכּה ושתּי,
וואָס האָט דעם קיניג ניט געפאָלגט.
און ס'האָט ממוכן אים געענטפערט:
ניט קעגן קיניג בלויז האָט היינט
פאַרזינדיגט זיך די מלכּה ושתּי,
נאָר קעגן אַלע פעלקער - פירשטן
וואָס אין די לענדער פונם קיניג,
ווייל אַלע ווייבער וועלן איצט
די מענער זייערע פאַראַכטן,
זיי וועלן זאָגן: „אָט האָט ושתּי,

די מלכּה, ניט געפֿאָלגט דעם קיניג!"
וועט זיין גרויס בושה און פֿאַרדראָס!
זאָל וואוילגעפֿעלן זיין דעם קיניג,
ארויסצולאָזן א באַפֿעל,
אַז ושתּי זאָל ניט קומען מער
פֿאַר אונזער קיניג אחשוורוש,
איר קרוין זאָל אָפּגעבן דער קיניג
אַן אַנדערער, א בעסערער.
און דער באַפֿעל פֿון קיניג זאָל
דערהערט ווערן אין גאַנצער לאַנד
און ווייבער זאָלן אַכפּערן
פֿון גרויס ביז קליין די מענער אַלע.
דער קיניג האָט געפֿאָלגט די עצה,
צושיקט אין אַלע לענדער בריוו,
צו איטלעכם לאַנד
אויף איר באַזונדער שריפט
צו איטלעכם פֿאָלק
אויף זיין באַזונדער לשון,
אַז יעדער מאַן זאָל הערשן אין זיין שטוב
און ריידן אויפֿן לשון פֿון זיין פֿאָלק.

---

ב.

שפּעטער, ווען דעם קיניגס צאָרן
איז געוואָרן איינגעשטילט
האָט ער איינמאָל זיך דערמאָנט
ושתּין, איר פֿאַרברעך און שטראָף.
און דעם קיניגס יונגע דינערס
האָבן אים אַזוי געזאָגט:
זאָל מען פֿאַרן קיניג זוכן
יונגע מיידלעך, שיינע בתולות;
די באַאַמטע פֿונם קיניג
זאָלן אויפֿזאַמלען די מיידלעך
פֿון די לענדער פֿון זיין מלכות
אין דער רעזידענץ - שטאָט שושן
אין האַרעם, צום סריס הגא,
וואָס איז וועכטער ביי די ווייבער,
און זיי געבן אַלע זאַלבן,
און אויב איינע פֿון די מיידלעך
וועט געפֿעלן זיין דעם קיניג
וועט זי קיניגן נאָך ושתּין.
איז דעם קיניג עס געפֿעלן
און ער האָט אַזוי באַפֿוילן.
איז אַ ייד געווען אין שושן —
מרדכי פֿונם שטאַם בנימין,
פֿונם גלות ירושלים,
וואָס נבוכדנצר האָט אים,
מיט יכניה קיניג יהודה'ס,
גלייך פֿון לאַנד ארויסגעטריבן.
און ער האָט ביי זיך דערצויגן
די הדסה, דאָס איז אסתּר,
א יתומה נאָך זיין פֿעטער.
איז די מיידל שיין און פּועכטיג —
נאָכן טויט פֿון טאַטע - מאַמע,
האַלט איר מרדכי ווי אַ טאָכטער,
און אַז קיניג אחשורוש
האָט געגעבן זיין באַפֿעל
און אַז ס'האָבן זיך פֿאַרקליבן
שיינע מיידלעך אין שטאָט שושן,
האָט מען אסתּרן גענומען
און געבראַכט אין קיניגס פּאַלאַץ
אויפֿן האַנט פֿון סריס הגא
איז די מיידל אים געפֿעלן
האָט ער איר געגעבן זאַלבן
און מתּנות איר געבראַכט

און געגעבן זיבן מיידלעך
צו באַדינען איר און פּוצן,
און האָט איר מיט אירע מיידלעך
פון דאָס שענסט און בעסט געגעבן
פונם קיניגלאַכן פּאַלאַץ.
און ס'האָט אסתּר ניט אַנטפּלעקט
וועד איר פאָלק איז און משפּחה
ווייל ס'האָט אָנגעזאָגט איר מרדכי
זי זאָל קיינעם ניט דערציילן.
און טאָג־איין טאָג־אויס פלעגט מרדכי
גיין אין הויף, פאַרביי האַרעם,
צו דערוויסן זיך, וואָס אסתּר
מאַכט און וואָס מען מאַכט מיט איר.
און אַז ס'איז די ריי געקומען
פאַר אַ מיידל צו גענענען
פאַרן קיניג אחשוורוש,
נאָכדעם ווי זי האָט געשמירט זיך
זעקס חדשים מיט די מור ־ אייל,
זעקס חדשים מיט געווירצן
און מיט זאַלבונגען פון פרויען, —
פלעגט זי עפּעס ־ וואָס באַפוילן,
האָט מען אַלץ איר נאָכגעגעבן
און אינאָוונט פלעגט זי קומען
און צוריקגיין אין פרימאָרגן
צום האַרעם דעם אַנדערן,
אויף דער האַנט פון קיניגס סריס
שעשגז, וועכטער פון פּילגשים,
און זי קומט ניט מער צום קיניג,
סיידן ער געלוסט נאָך איר
און ער רופט איר מיטן נאָמען.
נאָר אַז ס'איז די ריי געקומען
אסתּר'ס, טאָכטער אביחילס,
זי זאָל קומען פאַרן קיניג,
האָט זי קיין זאַך ניט פאַרלאַנגט,
נאָר וואָס הגי האָט באַפוילן
דאָס האָט מען איר צוגעשטעלט,
האָט זי חן געהאַט ביי אַלע,
ווער ס'האָט נאָר איר אָנגעקוקט.
אָט אַזוי האָט מען געבראַכט
אסתּרן אין קיניגס פּאַלאַץ
אין יאָר זיבן פון זיין מלכות
אינם צענטן חודש, טבת.
און דער קיניג האָט געליבט איר
מער ווי יענע אַלע פרויען,
זי האָט גנאָד ביי אים געפונען
מער ווי יענע אַלע מיידלעך
און ער האָט די קרוין פון מלכות
אויפן קאָפּ איר אָנגעטאָן
און געמאַכט איר פאַר אַ מלכּה.
און דער קיניג אחשורוש
האָט געמאַכט אַ גרויסן מאָלצייט,
אסתּרס מאָלצייט, פאַר די פירשטן
און די קנעכט, און מס געשיינקט
אַלע לענדער, אויך מתּנות
קיניגלאַכע זיי געגעבן.
און אַז בתולות האָבן ווידער
זיך פאַרזאַמלט פאַרן קיניג,
פאַרן טויער פונם הויף,
וואו ס'איז מרדכי דאָרט געזעסן,
האָט אַלץ אסתּר ניט דערציילט,
ווער איר פאָלק איז, איר משפּחה:
זי האָט מרדכים וואָרט געפאָלגט,
ווי ווען ער האָט איר דערצויגן.

---

אין יענער צייט, ווען מרדכי איז
אין קיניגס הויף געזעסן,
האָט ער דערהערט ווי צוויי סריסים,
בגתן און תרש, קאַמערדינערס,
צובדוגזטע אויף אחשוורוש,
פאַרמעסטן זיך דעם קיניג טויטן.
האָט ער עס אסתּרן דערציילט,
און זי האָט עס געזאָגט דעם קיניג
אין מרדכים נאָמען, און מען האָט
די זאַך געפאָרשט און אויסגעפונען
האָט מען זיי ביידן אויפגעהאַנגען
און די געשעעניש פאַרשריבן
אין די אַנאַלן פונם קיניג.

---

ג.

נאָכדעם האָט דער קיניג דערהויבן
המן, זון המדתא'ס, אגגי,
אוועקגעשטעלט העכער זיין שטול,
ווי פון אַלע פירשטן ביי אים,
און ס'האָבן די קנעכט פונם קיניג
געקניט און געבוקט זיך פאַר המן
אַזוי האָט דער קיניג באַפוילן —
נאָר מרדכי בלויז וויל זיך ניט בוקן.
און ס'האָבן די קנעכט פונם קיניג
ביי מרדכין געפרעגט: וואָס פאַרשוועכסטו
דעם קיניגס געבאָט?
און ער האָט זיי אַלץ ניט געפאָלגט,
און ס'האָבן די קנעכט עס דערציילט
צו המן, דערציילט אויך, וואָס מרדכי
זאָגט זיי אַלץ, אַז ער איז אַ ייד.
האָט המן געזען, אַז ער קניט ניט
פאַר אים, איז ער צאָרנדיג געוואָרן

און ס'איז אַ בזיון געווען אים,
צו שטרעקן זיין האַנט נאָר אויף מרדכין,
דערציילט האָט מען אים, ווער זיין
פאָלק איז —
האָט המן געוואָלט אַלע יידן
פאַרטיליגן אין דער מלוכה.
און אין חודש ניסן האָט המן
געוואָרפן אַ פור, ס'איז אַ גורל
פון איין טאָג צום צווייטן,
פון חודש צום צווייטן,
לסוף איז דער גורל געפאַלן —
אויף אדר, דעם חודש דעם צוועלפטן.
האָט המן דעם קיניג געזאָגט:
פאַראַן דאָ אַן איינציגער פאָלק
צושפּרייט און צוזייט צווישן פעלקער
אין לענדער פון גאָר דיין מלוכה
מיט דינים משונהדיג - פרעמדע,
זיי פאָלגן ניט דיינע געזעצן,
און ס'לוינט ניט דעם קיניג זיי לאָזן.
געפעלט עס דעם קיניג,
זאָל ווערן פאַרשריבן
זיי אומברענגען אַלע
און צענטויזנט זילבערנע צענטנערס
וועל איך צו די אויספירערס געבן,
צו ברענגען אין שאַצקאַמער דיינער.
און ס'האָט אחשוורוש פון פינגער
זיין רונג אָפּגעצויגן, געגעבן
צו המן, דעם צורר היהודים,
געזאָגט: זע, איך שיינק דיר די געלט
און דעם פאָלק, דו קענסט מאַכן מיט אים
אַלץ, וואָס דו פאַרלאַנגסט
און מען האָט די שרייבערס פון קיניג

נערופן אין חודש דעם ערשטן
אין דרייצנטן טאָג פונם חודש
געשריבן צו אַלע סאַטראַפּן,
פּאַשאַען פון אַלע מדינות,
און פירשטן פון איטלעכן פאָלק,
אויף זייערע שפּראַכן און שריפטן,
געשריבן אין נאָמען פון קיניג
און אויך מיט זיין שטעמפּל געחתמעט,
וואָס המן האָט אַלץ זיי באַפוילן
די בריוו באַלד צושיקט דורך די לויפערס
אין אַלע מדינות פון קיניג,
פאַרטיליגן, אומברייינגען, טויטן
די יידן, פון יונגן ביז אַלטן,
אויך קינדער און פרויען צוזאַמען,
זיי אומברייינגען אַלע אין איין טאָג,
אין דרייצענטן טאָג פונם חודש
דעם צוועלפטן, דאָס איז חודש אדר,
און זייער פאַרמעג אויך צו רויבן.
אַן אָפּשריפט דערפון — א געזעץ
פאַר אַלע מדינות און פעלקער,
צו זיין אַלע גרייט יענעם טאָג.
און ס'האָבן די לויפערס געאיילט זיך,
געטריבן פון קיניגס באַפעל,
און ס'איז דער געזעץ שוין פאַרשפּרייט
געוואָרן אין שושן דער הויפּטשטאָט
און ס'האָבן דער קיניג און המן
אַנידערגעזעצט זיך צום מאָלצייט,
און שושן די שטאָט איז צוטומלט.

ד.

און מרדכי האָט געוואוסט
וואָס ס'איז געשען,
האָט ער צוריסן זיינע קליידער
און אָנגעקליידט א זאַק מיט אַש,
אַרויס אין שטאָט,
געשריען הויך און ביטער
געקומען ביזן קיניגס טויער —
ווייל ס'איז פאַרווערט
אין טויער קומען אין א זאַק פאַרקליידט.
און אומעטום, אין איטלעכער מדינה,
וואו נאָר דעם קיניגס וואָרט דערגייט,
איז גרויס דער טרויער ביי די יידן
און פאַסטונג און געוויין און קלאָג
און זאַק מיט אַש פאַרשפּרייט פאַר אַלע.
און ס'זיינען אסתרס מיידלעך
און די סריסים אירע
געקומען און דערציילט איר,
און ס'האָט די מלכּה אַ־פּגעציטערט
געשיקט צו מרדכין קליידער,
אָנשטאָט דעם זאַק—אים צו באַקליידן,
האָט מרדכי עס ניט אָנגענומען.
און אסתּר האָט גערופן
התך, דעם קיניגלעכן סריס,
געשיקט ביי מרדכין פרעגן:
וואָס ס'איז מיט אים געשען?
איז באַלד התך אַרויס
צו מרדכין אויפן גאַס,
האָט מרדכי אים דערציילט
אַלץ, וואָס מיט אים געשען,
דערציילט אויך פון די זילבער,
וואָס המן האָט געזאָגט
אין שאַצקאַמער דעם קיניגס
אַריינברייינגען פאַר יידן.
זיי צו פאַרטיליגן,

געגעבן אים דעם אָפּשריפט
פון קיניג אחשוורוש׳ס
באַפעל, פאַרשפּרייט אין שושן,
צו אומברענגען די יידן,
ער זאָל עס ווייזן אסתּרן,
איר זאָגן און באַפוילן,
זי זאָל צום קיניג קומען
אים בעטן רחמים פאַר איר פאָלק,
און ס׳קומט התך צו אסתּרן,
דערציילט איר מרדכים ווערטער,
זאָגט אסתּר אים:
עס ווייסן אַלע קנעכט פון קיניג,
פון אַלע פעלקער און מדינות,
אַז איטלעכם מאַן און פרוי, וואָס קומט
אין קיניגס אינערלעכן הויף,
און איז פון קיניג ניט גערופן,
איז איין געזעץ פאַר אים—דער טויט—
נאָר סיידן ס׳וועט דער קיניג אים
דעם צעפּטער גאָלדענעם דערלאַנגען —
נאָר דער בלייבט לעבן;
און איך בין ניט פאַרבעטן
צום קיניג דאָך שוין דרייסיג טעג!
אַז מרדכי האָט דערהערט
די ווערטער אסתּרס,
האָט ער באַפוילן זאָגן איר:
דו טראַכט ניט, אַז
אין קיניגס הויז
וועסטו זיך ראַטעווען
פון אַלע יידן;
ווייל אויב דו שווייגסט אַצינד
וועט אַ ישועה
פאַר יידן אויפקומען

פון ערגעץ אַנדערש,
און דו וועסט מיט דיין פאָטערס הויז
צוזאַמען אומקומען;
און ווער ווייס, אויב צו יענער צייט
וועסטו נאָך בלייבן נאָנט צו מלכות!
און אסתּר האָט באַפוילן
מרדכין ענטפערן:
גיי קלייב צונויף די יידן אַלע,
וואָס זיינען נאָר פאַראַן אין שושן
און פאַסט פאַר מיר דריי טעג און נעכט
איר זאָלט ניט עסן און ניט טרינקען
אויך איך מיט מיינע מיידלעך
וועל פאַסטן אָט אַזוי
און דאַמאָלס וועל איך קומען
צום קיניג אָן געזעץ,
און איך בין סיי־ווי שוין פאַרלאָרן
און בלייב שוין אַ פאַרלאָרענע.
און מרדכי איז אַוועק,
געטאָן וואָס אסתּר האָט באַפוילן.

---

ה.

דעם דריטן טאָג איז אסתּר,
פאַרקליידט אין בגדי־מלכות,
אין אינערלעכן הויף געשטאַנען.
אַנטקעגן קיניגס פּאַלאַץ. —
און ס׳זיצט דער קיניג אויפן טראָן,
אַנטקעגן טיר;
און ווי דער קיניג האָט דערזען,
די מלכּה אסתּר שטיין אין הויז,
האָט זי ביי אים געפונען חן
און ער האָט אסתּרן דערלאַנגט
דעם גאָלדענעם צעפּטער אין זיין האַנט,

און אסתּר האָט דערנענטערט זיך
און אָנגערירט דעם שפּיץ פון צעפּטער
און ס'האָט דער קיניג איר געפרעגט:
וואָס איז דיר אסתּר - קיניגין?
און וואָס איז דיין פאַרלאַנג אַצינד?
ביז העלפט פון מלכות גיב איך דיר!
און אסתּר זאָגט:
אויב ס'איז דעם קיניג וואויל געפעלן,
זאָל היינט דער קיניג און אויך המן
צום מאָלצייט קומען, וואָס איך מאַך.
דער קיניג זאָגט: איילט המנען,
ער זאָל דערפילן אסתּרס וואָרט!
און ביידע זיינען יענעם טאָג
געווען ביי אסתּרן צום מאָלצייט.
און ס'זאָגט דער קיניג אסתּרן
אינמיטן מאָלצייט, ביי דעם וויין:
זאָג מיר דיין וואונטש
און דיין פאַרלאַנג, —
ביז העלפט פון מלכות גיב איך דיר!
זאָגט זי: מיין וואונטש
און מיין פאַרלאַנג, —
אויב איך געפין ביים מלך חן,
אויב ס'איז דעם מלך וואוילגעפעלן,
צו טאָן מיין וואונטש און מיין פאַרלאַנג,
טאָ זאָל דער קיניג און אויך המן
צו מיר נאָך קומען אויף אַ מאָלצייט,
און מאָרגן טו איך דיין פאַרלאַנג.
און המן איז אין יענעם טאָג
אַרויס אַ לוסטיגער פון פּאַלאַץ
און ווי ער האָט דערזען, אַז מרדכי
זיצט דאָרט אין קיניגלאַכן טויער
און ניט ער שטעלט זיך אויף פאַר אים
און ניט ער רירט זיך פון זיין אָרט,
איז ער געוואָרן פול מיט צאָרן.
געשטאַרקט זיך און אַ היים געקומען,
האָט ער גערופן זיינע פריינט,
אויך זרשן זיין וויב,
און האָט דערציילט פאַר זיי זיין **כבוד**,
זיין גרויס עשירות און זיין גדולה,
ווי ס'האָט דער קיניג אים דערהויבן
אויף אַלע זיינע קנעכט און פירשטן
„און אויך די מלכה אסתּר האָט
צום מאָלצייט קיינעם ניט גערופן
נאָר מיך!
און אויך אויף מאָרגן בין נאָר איך
צו איר פאַרבעטן מיטן קיניג.
נאָר וואָס איז דאָס אַלץ ווערט פאַר מיר,
ווען נאָר איך זע דעם יידן מרדכי,
אין קיניגס טויער זיצנדיג?" —
און ס'האָבן המנען געזאָגט
זיין וויב און אַלע זיינע פריינט:
לאָז אויסבויען
אַ תּליה פופציג איילן הויך
און אינדערפרי גיי זאָג דעם קיניג,
וועט מען דעם מרדכי אויפהייגגען
און וועסט צום מאָלצייט קומען פריילעך.
איז אָט די עצה אים געפעלן
און ער האָט אויסגעבויט די תּליה.

ו.

אין יענער נאַכט האָט פונם קיניג
דער שלאָף געמיטן.
האָט ער געהייסן ברייננגען די אַנאַלן
האָט מען געבראַכט, פאַר אים געלייענט,

און דאָרט געפונען וואָס פאַרשריבן,
ווי מרדכי האָט אַמאָל דערציילט
אויף די סריסים, בגתן תרש,
אַז ביידע ווילן אומברענגען
דעם קיניג אחשוורוש.
און ס'פרעגט דער קיניג: וואָס האָט מען
דערפאַר געגעבן מרדכין כבוד, גדולה?
עס ענטפערן דעם קיניגס יונגען:
מ'האָט אים קיין זאַך ניט געטאָן.
דער קיניג פרעגט: ווער איז אין הויף?
און גראָד איז המן אָנגעקומען
אין ערשטן הויף פון קיניגס פּאַלאַץ,
צו בעטן מרדכין אויפהייגנען
אויף יענער אָנגעגרייטער תליה.
די יונגען ענטפערן דעם קיניג:
אָט שטייט דאָרט המן אויפן הויף,
זאָגט אחשוורוש: זאָל ער קומען;
און המן קומט, און ס'פרעגט דער קיניג;
„וואָס דאַרף מען טאָן אַ מענטשן, ווען
דער קיניג וויל אים כבוד געבן?"
און המן טראַכט ביי זיך אין האַרצן:
„אַ שטייגער וועמען וויל דער קיניג
מער כבוד געבן, איידער מיר?"
און זאָגט: אַ מענטש, וואָס קיניג וויל
אים כבוד געבן,—דאַרף מען ברענגען
דעם קיניגס קלייד פון קרוינונג - טאָג,
דעם קיניגס פערד פון קרוינונג - טאָג,
און געבן אָט די קלייד, דעם פערד
צו איינעם פון די גרעסטע פירשטן,
דעם קיניגס לייט די פּאַרנעמסטע
און זאָל דער פירשט די קלייד אים אָנטאָן
און זאָל אים זעצן אויפן פערד
און פירן אים אין גאַס פון שטאָט
און זאָל מען אויסרופן פאַר אים:
אָט דאָס ווערט אָנגעטאָן דעם מאַן,
וואָס קיניג וויל אים כבוד געבן! —
און ס'זאָגט דער קיניג המנען:
לויף גיכער, נעם די קלייד, דעם פערד,
און טו עס אַלץ דעם יידן מרדכי,
קיין וואָרט זאָלסטו ניט לאָזן פאַלן
פון אַלץ. וואָס דו האָסט דאָ געזאָגט.
האָט המן באַלד די קלייד, דעם פערד
גענומען, מרדכין אָנגעקליידט,
געפירט אים רייטנדיג אין גאַס
און אומעטום פאַר אים גערופן:
אָט דאָס ווערט אָנגעטאָן דעם מאַן,
וואָס קיניג וויל אים כבוד געבן.
און מרדכי איז נאָכדעם אַוועק
צום קיניגלעכן טויער,
און המן איז אהיים געלאָפן
פאַראַבלט, מיט באַדעקטן קאָפּ.
און האָט זיין ווייב און אַלע פריינט
דערציילט, וואָס ס'איז מיט אים געשען
און אַלע האָבן אים געזאָגט:
אויב מרדכי איז אַ זון פון יידן,
און קוים האָסטו אצינדערט, המן,
פאַר אים שוין אָנגעהויבן פאַלן
וועסטו שוין אים ניט בייקומען
נאָר ווייטער פאַר אים פאַלן, פאַלן!
און ווי זיי ריידן נאָך מיט אים,
באַלד קומען אָן דעם קיניגס דינערס
אין איילעניש צו ברענגען אים
צום מאָלצייט פון דער מלכה אסתר.

## ז.

דער קיניג מיט המנען זיינען געקומען
צום מאַלצייט ביי אסתר המלכה.
און נאָכאַמאָל האָט איר דער קיניג געפרעגט:
זאָג, וואָס איז דיין וואונטש און וואָס איז דיין פאַרלאַנג?
ביז העלפט פון דער מלכות וועל איך דיר אַלץ טאָן!
און ס׳ענטפערט איר אסתר המלכה:
אויב איך געפין חן ביי דיר און דיר געפעלט,
גיב מיר אָפּ מיין לעבן און שיינק מיר מיין פאָלק —
אָט דאָס איז מיין וואונטש און דאָס איז מיין פארלאַנג
ווייל איך און מיין פאָלק זיינען אַלע פארקויפט
צום טויטן, פארניכטן, פארטיליגן אונז,
און וואָלט מען פארקויפט אונז פאַר קנעכט און פאַר דינסטן,
וואָלט איך שוין געשוויגן, —
נאָר וואָס גייט דעם פיינט אָן דער שאָדן פון קיניג?
און ס׳פרעגט אחשוורוש ביי אסתר דער מלכה:
ווער איז ער, וואו איז ער, וואָס האָט זיך דערוועגט
צו טאָן אָט אַזוינס? — און ס׳האָט אסתר געזאָגט:
אַ פיינט אַ בייזווילִיגער, המן דער רשע! —
דערשראָקן איז המן געבליבן
ביים אָנבליק פון מלך און מלכה
דער מלך, אַ צאָרנדיגער, שטעלט זיך פון מאַלצייט
און לאָזט זיך אַרויס אינם גערטל פון פּאַלאַץ,
האָט המן געשטעלט זיך פאַר אסתר דער מלכה,
געבעטן רחמנות, ניט אומברענגען אים.
דערווייל איז דער קיניג געקומען צוריק
פון גערטל צום מאַלצייט, און אין יענער רגע
האָט המן געוואָרפן זיך אויף אסתרס בעט.
דער קיניג דערזעט עס און זאָגט: דו דערוועגסט זיך
באַצווינגען די מלכה אין פּאַלאַץ ביי מיר?
און ווי נאָר דער וואָרט איז אַרויס פונם קיניג,
באַלד האָבן די דינערס באַדעקט המנס פנים.
און ס׳האָט אויך חרבונה, איין דינער, געזאָגט:

אַט שטייט אויך די תּליה דאָרט, הויך פופציג איילן;
ס'האָט המן איר אויפגעבּויט נעכטן פאַר מרדכין,
וואָס האָט מיט זיין וואָרט געטאָן גוטס אונזער קיניג.
דער קיניג זאָגט: „היינגט אים אויף איר!"
און אויף יענער תּליה, וואָס ער האָט געבּויט
פאַר מרדכין, האָט מען אים אַליין אויפגעהאַנגען
און ס'האָט זיך באַרואיגט דער צאָרן פון קיניג.

---

ח'

אין יענעם טאָג האָט אחשוורוש
געשיינקט דער מלכּה אסתּרן
די הויז פון המנען, דעם יידנפיינט,
און מרדכי קומט אַריין צום קיניג
ווייל אסתּר האָט שוין אויסגעזאָגט,
וואָס ער איז פאַרא פריינט מיט איר.
דער קיניג האָט זיין פינגער - רונג,
פון המנן אַראָפּגענומען,
איצט אָנגעטאָן אויף מרדכיס האַנט,
און אסתּר האָט אים אויך באַשטימט
צו אָנפירן מיט המנס הויז.
נאָכדעם איז אסתּר פאַרן קיניג
געפאַלן און געוויינט פאַר אים,
ער זאָל אַראָפּנעמען דאָס שלעכטס,
וואָס המן האָט געטראַכט אויף יידן
און ס'האָט דער קיניג איר דערלאַנגט
דעם גאָלדענעם צעפּטער; שטייט זי אויף
און זאָגט צום קיניג אָט אַזוי:
אויב איך האָב חן בּיי דיר געפונען,
און אויב עס איז דיר וואוילגעפעלן,
און אויב די זאַך איז רעכט פאַר דיר
און איך בּין שיין אין דיינע אויגן, —
זאָל מען איצט אָפּהאַלטן די שריפטן
וואָס המן האָט אַרויסגעשיקט,
די יידן אַלע אומצוברענגען
אין אַלע לענדער פונם קיניג:
ווייל ווי וועל איך עס קענען זען
דאָס שלעכטס וואָס וועט מיין פאָלק
דאָ טרעפן!
און ווי וועל איך עס קענען זען,
ווי אומקומען וועט מיין משפּחה?
און אחשוורוש האָט געזאָגט:
כ'האָב המנען שוין אויפגעהאַנגען,
ווייל ער האָט יידן שלעכטס געטאָן
זיין הויז צו אסתּרן געשיינקט, —
איצט שרייבּט אויף יידן וואָס איר ווילט
און שטעמפּלט מיטן קיניגס רונג.
האָט מען די שרייבּערס פונם קיניג
גערופן אינם דריטן חודש
אין טאָג דעם דריי און צוואַנציגסטן,
געשריבּן אַלץ וואָס מרדכי הייסט
צו אַלע יידן און סאַטראַפּן,
פּאַשאַען, פירשטן פון די לענדער
צו איטלעכס לאַנד און פאָלק געשריבּן,
אין זייער שפּראַך אין זייער שריפט
אין קיניג אחשוורושס נאָמען
געחתמעט מיטן קיניגס שטעמפּל,

אַז ס'מעגן יידן אין די שטעט
פאַרזאַמלען זיך און שיצן זיך
אַנטקעגן די חיילות אַלע
פון קיניגס פעלקער און מדינות,
וואָס ווילן יידן פייניגן
און שלאָגן זיי מיט ווייב און קינד
און צוראַבירן זייער גוטס, —
מעגן יידן אומברייגגען,
פאַרטיליגן און טויטן זיי
אין איינעם און דעמזעלבן טאָג
אין אַלע לענדער פונם קיניג,
אין דרייצנטן פון חודש אָדר.
די אָפּשריפט פון גזעזץ: עס זאָלן
די יידן גרייט זיין יענעם טאָג
אין אַלע לענדער פונם קיניג,
נקמה נעמען פון די פיינט.
די לויפערס, רייטערס אויף די שנעל -
פערד
האָבן געיאָגט זיך איילנדיג
דעם קיניגס וואָרט פאַנאַנדערשפּרייטן
און מרדכי איז אַרויס פון קיניג
אין מלכות - קלייד פון בלוי און ווייס,
אַ גרויסן גאָלדן קרוין אויף קאָפּ,
אין זייד און פּורפּור איינגעוויקלט
און די שטאָט שושן יובלט לוסטיג.
און ביי יידן איז געווען
אַ ליכט און פרייד און לוסט און פּראַכט.
און אומעטום, אין איטלעכס לאַנד,
אין איטלעכס שטאָט, וואו נאָר עס גרייכט
דער וואָרט פון קיניג אחשוורוש,
איז פרייד און יובל ביי די יידן
און מאָלצייטן און פריילעכקייטן,
און פון די פעלקער פון דער לאַנד
אַ סך פאַרשטעלן זיך פאַר יידן,
ווייל ס'איז דער פחד פאַר די יידן
אויף אַלעמען געפאַלן

ט.

און אינם צוועלפטן חודש, אָדר,
אין טאָג דעם דרייצנטן פון חודש,
ווען ס'האָבן אַלע פיינט פון יידן
געזאָלט געוועלטיגן אויף זיי,
איז גראָד פאַרקערט געווען, עס האָבן
די יידן זיך אין שטעט פאַרזאַמלט
אין אַלע לענדער פונם קיניג
אַ האַנט צו שטרעקן קעגן אַלע,
וואָס האָבן שלעכטס אויף זיי געזוכט
און אַלע פירשטן פון די לענדער
און די סאַטראַפּן און פּאַשאַען
און אויספירערס פון קיניגס ווילן,
זיי אַלע האַלטן הויך די יידן,
ווייל ס'פאַלט אויף זיי אַ שרעק פאַר
מרדכין.
ווייל גרויס איז ער אין קיניגס פּאַלאַץ,
זיין נאָמען אומעטום געריימט.
און ס'האָבן יידן אַלע פיינט
געשלאָגן — — —

נאָר קיין פאַרמעגנס ניט גערויבט.
אין שושן האָט דער קיניג אויך
דערלויבט אין טאָג דעם פערצנטן
פאַרזאַמלען זיך און שיצן זיך
נאָר קיין פאַרמעגנס ניט גערויבט.
און ס'האָבן יידן אין די שטעט
דעם פערצנטן אין חודש אָדר
געמאַכט אַ מאָלצייט און אַ פרייד

און „שלח ־ מנות" זיך געשיקט,
ביי יידן פון דער הויפּטשטאָט שושן
איז אויפן פּופּצנטן אין אָדר
געווען דער מאָלצייט און די פרייד
און פּורים האָט מען עס גערופן
צוליב דעם פּור — דאָס איז דער גורל.

---

י.

און ס'האָט דער קיניג אחשוורוש
באַלייגט מיט שטייערן די לאַנד
און אַלע אינזלען פונם ים
און נאָר זיין מעכטיגקייט און גרויסקייט
און דער באַטייט פון מרדכים גדולה,
וואָס ס'האָט אים גרויס געמאַכט דער קיניג,
פאַרשריבן איז אויף די אַנאַלן
פון מלכי ־ מדי און פון פרס:
אַז מרדכי דער יהודי איז
אַן אונטערקיניג אחשוורוש'ס
באַליבט און גרויס ביי אַלע יידן,
געוואונטשן גוטסקייט פאַר זיין פאָלק,
פאַרלאַנגט פאַר זיינע קינדער שלום.

# עזרא

נאָך דרייסיג יאָר און זיבן יאָר,
זינט דער פאַרטרייבונג פון יהויכין,
אין טאָג דעם צוואַנציג - זיבעטן
פון צוועלפטן חודש, האָט דער קיניג
פון בבל, אויל מרודך, אין
דעם יאָר דעם ערשטן פון זיין מלכות,
אַרויסגעבראַכט יהויכינען
פון תּפיסה און אים גוטס געטאָן,
ער האָט דערהויבן זיין שטול העכער
פון אַלע קיניגן, וואָס זיינען
געווען פאַרטריבענע אין בבל,
די תּפיסה־קליידער אויסגעטאָן אים,
און אים באַשטימט זיין ברויט ביים קיניג
פון דאַמאָלס אויפן גאַנצן לעבן.

*

און אינם ערשטן יאָר פון כּורש,
וואָס איז געווען אין פּרס קיניג, —
ווען ס'איז געוואָרן אויסגעפירט
גאָטס וואָרט דורך ירמיהו —
האָט גאָט דערוועקט דעם גייסט פון כּורש
און ער האָט אויסרופן געלאָזט
אין זיין מלוכה, אויך אין שריפטן:
אַזוי זאָגט כּורש, קיניג פּרס'ס:
ס'האָט גאָט פון הימל מיר געגעבן
די קיניגרייכן פון דער וועלט
און ער האָט אויך באַפוילן מיר
פאַר אים אַ טעמפּל אויפצובויען
אין ירושלים וואָס אין יהודה.
אַצינד זאָל איטלעכער פון פאָלק,
וואָס וויל דערפילן זיין גאָטס וואָרט,
קיין ירושלים אויפגיין, בויען
דעם טעמפּל פאַרן גאָט ישראלס
און איטלעכער פאַרבליבענער
דאָרט, אין די ערטער וואו ער וואוינט,
זאָל שיינקען זילבער, גאָלד,
פאַרמעגנס, בהמות, חוץ נדבות,
צום טעמפּל גאָטס, אים אויפצובויען.
און ס'האָבן די פאַמיליע - הויפּטן,
וואָס פון יהודה און בנימין,
די כּוהנים און די לוויים,
וואָס גאָט האָט זייער גייסט דערוועקט,
זיך אויפגעמונטערט גיין און בויען
גאָטס טעמפּל אין ירושלים,
און ס'האָבן די אַרומיגע
זיי מיטגעגעבן זילבער, גאָלד,
פאַרמעגנס, בהמות און אויך שפּייז
חוץ די נדבות פרייוויליגע.
און ס'האָט דער קיניג כּורש אויך
געבראַכט די כּלים פון גאָטס טעמפּל, —
וואָס נבוכדנאצר האָט גענומען
אַריינגעשטעלט אין זיין גאָטס טעמפּל, —
און אָפּגעגעבן אַלע כּלים

צו מתרדת דעם שאַצמייסטער,
און ער האָט עס מיט צאָל געגעבן
ששבצרן, דעם פירשט יהודה'ס.
די אַלע כלים, גאָלד און זילבער,
געווען פינפטויזנט און פירהונדערט.
די אַלע האָט ששבצר איצט
צוריק געשיקט מיט אַלע עולים
פון בבל קיין ירושלים.
און ס'איז געווען די צאָל פון עולים
פיר צענדליק טויזנט און צוויי טויזנט
און דריי הונדערט און זעכציק נפש,
חוץ קנעכט און דינסטן זיבנטויזנט
דרייהונדערט דרייסיק זיבן נפש,
מיט זיי אויך זינגערס, זינגערקעס,
צוזאַמען נאָך צווייהונדערט נפש.
און פערד און מוילאייזלען און קעמלען
און אייזלען אין אַ גרויסער צאָל.
און ס'האָבן אַלע כּוהנים
זיך רעגיסטרירט לויט זייער יחוס
און די, וואָס האָבן ניט געפונען
די יחוס - בריף פון זייער שטאַם,
האָט מען באַזייטיגט פון דער כּהונה,
זיי זאָלן הייליג ברויט ניט עסן,
ביז ס'וועט אַמאָל אַ כּוהן אויפשטיין
און וועט בּיים אורים ותומים פרעגן.
און די פאַמיליע - הויפּטן האָבן
דערנענטערט זיך צום טעמפּל גאָטס
און באַלד באַווילינגט, לויט פאַרמעגן,
אין אוצר פון דער אויפבּוי - אַרבעט
גאָלד - דראַכמעס איינאונזעכציק טויזנט
און זילבער - צענטנערס פינפטויזנט
און הונדערט העמדלעך פאַר כּוהנים.
און ס'האָבן די כּוהנים אַלע,
לוויים, זינגערס, טויער היטערס
און קנעכט באַזעצט זיך אין די שטעט
און אויך דער גאַנצער פאָלק אין שטעט.

*

געקומען איז דער חודש תשרי,
האָט זיך דער פאָלק פון אַלע שטעט
פאַרקליבן אין ירושלים,
און יהושע זון יוצדקס
און זיינע ברידער די כּוהנים
און זרובבל זון שאלתיאלס
און זיינע ברידער האָבן אַלע
געבויט—ווי ס'שטייט אין משה'ס תורה
פאַר גאָט ישראלס אַ מזבח,
אויף אים קרבּנות אויפצובּרענגען.
די פעלקער האָבן זיי געשראָקן,
און זיי האָבן אים אויפגעבויט
און אויפגעבראַכט אויף אים קרבּנות
פון אינדערפרי און פון אינאָוונט,
געפייערט אויך דעם יום־טוב סוכּות,
און אַלע טאָג געבראַכט קרבּנות,
ווי ס'שטייט געשריבן אין דער תורה.
דער טעמפּל אָבער גאָטס איז דאַמאָלס
נאָך אַלץ ניט אויפגעבויט געוואָרן.
און זיי האָבן געגעבן געלט
צו שטיינהאַקערס און בּוימייסטערס
און עסן, טרינקען און אויך בּוימל
צו די צידונים און די צורים —
זיי זאָלן צעדערבּוימער בּרענגען
פון וואַלד לבנון אין ים - יפו,

מיט דער דערלויבעניש פון כּורש.

*

אין צווייטן יאָר האָט זרובבל,
יהושע מיט די ברידער זיינע,
און די כּוהנים און לוויים,
צוריקגעקומענע פון גלות,
ווער ס'איז נאָר צוואַנציק יאָר שוין אַלט,
גענומען אויפזען אויף דער אַרבעט
פון גאַנצן פאָלק ביים טעמפּל גאָטס.
געשטאַנען זיינען די כּוהנים
אין פולער קליידונג, מיט טרומייטן,
און די לוויים מיט די פּויקן,
צו לויבן און באַזינגען גאָט,
ווי גוט ער איז און אייביק גנעדיק
און ס'האָט דער פאָלק געשאַלט
געליאַרימט,
ווייל ס'ווערט גאָטס טעמפּל איצט
געגרינדעט,
און די כּוהנים און לוויים
און עלטערע פאַמיליע - הויפּטן,
וואָס האָבן נאָך דעם ערשטן טעמפּל
געזען, ווי ער איז פעסט געשטאַנען,
און איצט געזען די גרונטלייגונג
פון אָט דעם נייעם טעמפּל גאָטס,
זיי האָבן אַלע הויך געוויינט,
און ס'האָבן אַנדערע געלאַכט
געליאַרימט און געיובלט הויך, —
האָט מען גאַנץ ווייט געהערט די קלאַנגען.

*

און געהערט האָבן די שונאים
פון יהודה און בנימין,
אַז געקומענע פון גלות
בויען אויף דעם טעמפּל גאָטס,
און זיי האָבן זיך דערנענטערט
צו זרובבל און יהושע
און צו די פאַמיליע - הייפּטן
און געזאָגט: מיר ווילן אויך
בויען גלייך מיט אייך דעם טעמפּל,
ווייל מיר זיינען אויך מתפּלל
גלייך מיט אייך צו אייער גאָט
און מיר שעכטן אים קרבּנות
זינט דער צייט פון אסר חדון,
וועלכער האָט אהער געבראַכט אונז.
האָט געענטפערט זיי זרובבל
און יהושע מיט די הויפּטן:
איר דאַרפט ניט מיט אונז צוזאַמען
בויען אונזער גאָט דעם טעמפּל, —
מיר אַליין וועלן אים בויען,
ווי ס'האָט כּורש אונז באַפוילן.
האָט דער פאָלק פון לאַנד אַנטמוטיקט
און געשראָקן די יהודים,
ניט געלאָזט דעם טעמפּל בויען
און געדונגען עצה - געבערס
צו פאַרשטערן זייער פּלאַן,
אין דער צייט פון קיניג כּורש
ביז דריווש, מלך פּרס
און אין אחשוורוש'ס מלכות
האָבן זיי געשיקט אַן אָנקלאָג
אויך אין צייט פון ארתחשסתא
אָנגעקלאָגט די אויפבויערס
אין בריוו געשריבענע אַרמיש.
אָט איז דער אינהאַלט פון אַ בריוו:
זיי ווייסן, קיניג, אַז די יהודים,
וואָס דו האָסט זיי אהער געשיקט,

זיינען אין דער שלעכטער שטאָט
ירושלים אָנגעקומען;
זיי בויען דאָ און פעסטיגן
און שטעלן אויף די מויערן.
און וויסן זאָלסטו, גרויסער קיניג,
אַז ווען די שטאָט ווערט אויפגעבויט,
וועט מען ניט צאָלן צינז און שטייער
און לײדן וועט דעם קיניגס אוצר.
זוך אין די אַלטע אָנדענק־ביכער,
וועסטו זען, אַז אָט די שטאָט
איז געווען שוין ווידערשפעניג,
זינדיג צו די קיניגן
און פון אַלטער צייט געווען
ווידערשפעניגקייטן פול
און דעריבער וויסט געוואָרן.
ווערט זי ווידער אויפגעבויט
און די מויערן באַפעסטיגט,
האָסטו, קיניג, מער קיין חלק
אין אָט דער זייט פונם טייך.
האָט דער קיניג זיי געענטפערט.
איך האָב אַלץ געזוכט, געפאָרשט
און געפונען, אַז די שטאָט
איז פון אײביג ווידערשפעניג
זיינען קיניגן געקומען,
שטייערן ביי זיי גענומען.
איצט באַפויל איך אײך דעריבער,
איר זאָלט זיי די אַרבעט שטערן,
זאָלן זיי די שטאָט ניט בויען,
ביז אַ נײַ געבאָט וועט קומען.
און ווי מ'האָט דעם בריוו געלייענט,
זיינען באַלד די פיינט געגאַנגען
און מיט מאַכט און מיט געוואַלד
אָפּגעשטעלט די אויפבוי־אַרבעט.
איז די אַרבעט פון גאָטס טעמפּל
שטיין געבליבן לאַנגע יאָרן.

*

און די נביאים חגי, זכריה
האָבן דאַמאָלס אין גאָטס נאָמען
פאַרן פאָלק געזאָגט נביאות
אין יהודה, ירושלים.
איז זרובבל זון שאלתיאלס
און יהושע זון יהוצדקס
אויפגעשטאַנען מיט די שרים
זיך צום טעמפּל־בוי גענומען
און די געטלעכע נביאים
האָבן זיי דעריין געהאָלפן.
דאַמאָלס האָט דער פּאַשאַ תּתּני
מיט זייער גאַנצענער חברותא
צו די בויערס זיך דערנענטערט
און צו זיי אַזוי געזאָגט:
ווער האָט אייך רשות געגעבן
בויען דאָ די הויז, דעם מויער?
האָבן אויך אַ בריוו געשריבן
צו דריווש, קיניג פּרס'ס,
אים דערציילט, אַז יידן בויען
דאָ צו זייער גאָט אַ טעמפּל,
ווענט פון מירמלשטיין און האָלץ,
און די אַרבעט גייט פאָרויס,
און זיי זאָגן, אַז ס'האָט כּורש
בבלס קיניג זיי דערלויבט,
אויפצובויען אָט דעם טעמפּל,
ער האָט זיי אויך אָפּגעגעבן
כּלים פונם אַלטן טעמפּל,
וואָס נבוכדנאצר האָט

זיי פון דאָרט אַרויסגענומען,
ווען ער האָט פאַרברענט דעם טעמפּל
און דעם פאָלק פון דאָרט פאַרטריבן;
כּורש אָבער האָט באַפוילן
אויפבויען צוריק דעם טעמפּל
און אַריינשטעלן די כּלים,
בּויען זיי אַצינד דעם טעמפּל,
ער איז אָבער נאָך ניט פאַרטיג.
זאָל - זשע איצט דער קיניג פאָרשן
אינם קיניגלעכן אוצר,
צי ס'איז דאָרט פאַראַן פאַרשריבן
דער באַפעל פון קיניג כּורש.
האָט דריווש באַלד באַפוילן,
און מ'האָט געפאָרשט אין אוצר,
און געפונען אין אחמתא —
אין דער הויפּטשטאָט פון לאַנד מדי —
אַ מגילה, וואו פאַרשריבן
איז געוועזן אָט דער באַפעל:
אין ערשטן יאָר פון קיניג כּורש
האָט ער דאָסדאָזיגע באַפוילן:
גאָטס טעמפּל אין ירושלים
זאָל ווערן ווידער אויפגעבויט,
אויך אַ מזבח אויף קרבנות,
און שטאַרק מאַכן די גרונטפעסטן,
פון מירמלשטיינער שורות דריי
און איין שורה פון נייעם האָלץ
די הויך זאָל האַלטן זעכציג איילן,
און זעכציג איילן אויך די ברייט.
און די הוצאות זאָל מען נעמען
פון קיניגלעכן פּאַלאַצס אוצר
און אויך די כּלים פון גאָטס טעמפּל,
די גאָלדענע און זילבערנע,

וואָס ס'האָט אַמאָל נבוכדנאצר
אַרויסגענומען פונם טעמפּל
און זיי קיין בבל אָפּגעפירט,
זאָל מען אַצינד צוריקגעבן,
און אין ירושלים ברענגען,
אַריינשטעלן אין נייעם טעמפּל
אויף זייער פריערדיגן אָרט.
און ס'האָט דריווש באַלד געהייסן
דעם פּאַשאַ תתני און חברותא
די אַרבעט ווידער לאָזן טאָן,
דער טעמפּל זאָל געמאַכט ווערן.
און פונם קיניגלעכן שטייער,
וואָס ווערט פון יענעם אָרט גענומען,
זאָל מען באַצאָלן פאַר דער אַרבעט,
און זי זאָל ניט געשטערט ווערן.
און וואָס זיי דאַרפן יונגע אָקסן,
באַראַנעם, שעפּסן אויף קרבנות,
אויך ווייץ און זאַלץ און ווייַן און בוימל,
זאָל מען זיי געבן איטלעכס טאָג,
כּדי עס זאָל זיי גאָרניט פעלן,
זיי זאָלן מקריב זיין קרבנות
און קענען בעטן גאָט פון הימל
פאַרן קיניג און פאַר זיינע קינדער.
ווער ס'וועט דעם באַפעל ניט פאָלגן,
זאָל מען אַרויסציען אַ באַלקן
פון זיין הויז און אַ תּליה מאַכן
און אים אויף איר באַלד אויפהענגען, —
זיין הויז זאָל זיין אַ מיסטהויפן.
און תתני דער פּאַשאַ האָט באַלד
מיט זיין גאַנצענער חברותא
דערפילט דעם וואָרט פון קיניג פּרס'ס.
און ווידער איז באַנייט געוואָרן

דער אויפבוי פונם טעמפּל גאָטס
און פאַרטיק איז געווען דער טעמפּל
אין דריטן טאָג פון חודש אָדר,
אין יאָר דעם זעקסטן פון דריווש.
און ס'האָבן אַלע בני ישראל,
די כּוהנים און די לוויים,
און אויך די אַלע לייט פון גלות
באַנייט דעם טעמפּל גאָטס מיט פרייד,
געבראַכט קרבנות צום באַנייען
אַ סך באַראַנעס, שאָף און רינדער,
צוועלף ציגנבעק פאַר די צוועלף שבטים,
די כּוהנים און די לוויים
האָבן גאָטס דינסט אויסגעפירט,
ווי געשריבן אין דער תּורה;
און די געקומענע פון גלות
האָבן פערצן טעג אין ניסן
דעם קרבן פּסח צוגעגרייט.
ווייל אַלע זיינען ריין געווען
געגעסן מצה זיבן טעג,
געפרייט זיך מיט דער פרייד פון גאָט,
ווייל ס'האָט דער קיניג אשורס זיי
געמוטיגט און געשטאַרקט די הענט,
צום אויפבויען דעם טעמפּל גאָטס.

*

און אין אַ צייט אַרום, אין מלכות
פון אַרתּחשסתּא, קיניג פּרס'ס
איז אויפגעגאַנגען פונם גלות,
דער שרייבער עזרא, זון שריה'ס,
וואָס האָט געשריבן משה'ס תּורה,
געקומען מיט אַ פעסטן ווילן
גאָטס תּורה פאָרשן און שטודירן,
געזעצן לערנען מיטן פאָלק.

און אָט דעם בריף האָט ארתּחשסתּא
דעם שרייבער עזרא מיטגעגעבן:
פון מיר, דיין קיניג, אַ געבאָט:
ווער ס'וויל פון גאַנצן פאָלק ישראל,
פון כּוהנים און פון לוויים,
אַרויפגיין קיין ירושלים,
די אַלע זאָלן גיין מיט דיר,
ווייל דו געשיקט ביסט פונם קיניג
און פון די זיבן עצה - געבערס
צו פאָרשן אין ירושלים
די תּורה פונם גאָט ישראלס,
זאָלסט ברענגען אויך די גאָלד און זילבער,
וואָס וועסט באַקומען פונם קיניג
און פון די זיבן עצה - געבערס
נדבות פאַרן גאָט ישראלס
און אויך נדבות פונם פאָלק,
פון כּוהנים און פון לוויים,
געזאַמלט אין די לענדער בבלס
אין גאָלד און זילבער פאַרן טעמפּל
פון זייער גאָט אין ירושלים,
אַלץ זאָלסטו מיטנעמען מיט זיך,
צו קויפן דאָרטן פאַרן געלט
רינדער, שעפּסן און באַראַנעס,
צו מקריב זיין אויף דעם מזבח.
און פונם קיניגלעכן אוצר
זאָל מען דעם שרייבער עזרא געבן
פון זילבער ביז אַ הונדערט צענטנער
און קאָרן ביז א הונדערט כּור,
צו הונדערט פאַס פון וויין און בוימל,
און זאַלץ גאָר אָן אַ מאָס.
דו, עזרא, זאָלסט אין לאַנד באַשטעלן
דיינים, לערערס פאַרן פאָלק,

צו משפּט און לערנען אים,
און ווער עס וועט ניט אויספֿאָלגן
סיי די געזעצן פֿון דיין גאָט,
סיי די געזעצן פֿונם קיניג,
זאָל ער געמשפּט ווערן שטרענג,
צום טויט, צי צום אַרויסשיקן,
צי קאָנפֿיסקירן זיין פֿאַרמעגן,
צי איינזעצן אין תּפֿיסה אים.
און אויף די כּוהנים, לוויים,
און זינגערס און די טויער־היטערס
זאָל מען קיין שטייערן ניט לייגן —
דער קיניג האָט אַזוי געבאָטן.

*

האָב איך געשטאַרקט זיך און געמוטיקט,
פֿאַרזאַמלט די פֿאַמיליע־הויפּטן,
זיי זאָלן עולה זיין מיט מיר.
געקומען לעבן אַחוה־טייך,
האָב איך אַ תּענית אויסגערופֿן,
און מיר האָבן צו גאָט געבעטן,
ער זאָל אַ גלייכע וועג אונדז ווייזן
מיט ווייבער קינדער און פֿאַרמעגנס.
ווייל איך האָב זיך געשעמט פֿאַרלאַנגען
ביים קיניג מיליטער און היטערס,
זיי זאָלן אונדז אין וועג באַגלייטן,
אַרויסהעלפֿן פֿון איטלעכס שונא,
ווייל מיר האָבן געזאָגט דעם קיניג:
עס איז גאָטס האַנט פֿאַרשפּרייט אויף אַלע,
וואָס פֿאָלגן אים, צו טאָן זיי גוטס,
און ס'איז זיין צאָרן מעכטיגער
פֿאַרשפּרייט אויף ווידערשפּעניקערס.
געצויגן פֿון טייך אַחוה ווייטער,
געגאַנגען קיין ירושלים;

און ס'איז גאָטס האַנט געווען אויף אונדז,
געראַטעוועט פֿון פֿיינט און לויער.
געקומען קיין ירושלים,
פֿאַרבליבן דאָרטן ביז דריי טעג,
און אויפֿן פֿערטן טאָג געוואויגן
די גאָלד און זילבער און די כּלים,
וואָס פֿאַרן טעמפּל אָנגעזאַמלט,
אַלץ מיט אַ וואָג און מיט אַ צאָל
די כּוהנים אָוועקגעגעבן
און אין אַ בוך פֿאַרשריבן אַלץ.
און ס'האָבן די געקומענע
פֿון גלות אויפֿגעבראַכט קרבנות
און די געבאָטן פֿונם קיניג
צו די פּאַשאַען אָפּגעגעבן
און יענע האָבן הויכגעשאַצט
דעם פֿאָלק און אויך דעם טעמפּל גאָטס.

*

און דאַמאָלס האָבן זיך דערנענטערט
די האַרן פֿונם פֿאָלק צו מיר
און האָבן מיר אַזוי געזאָגט:
ניט אָפּגעשיידט האָט זיך דער פֿאָלק,
די כּוהנים און די לוויים
פֿון אָט די פֿעלקער פֿון די לענדער
פֿון זייערע אומווערדיקייטן
פֿאַר זיך און פֿאַר די זין גענומען
די טעכטער זייערע פֿאַר ווייבער
און ס'זיינען אין דער זינד די ערשטע
געווען די האַרן און באַאַמטע.
און ווי איך האָב עס אויסגעהערט,
האָב איך צוריסן קלייד און מאַנטל,
די האָר פֿון קאָפּ און באָרד געפּליקט,
געזעסן אַ פֿאַרטומלטער.

און ס'האָבן זיך צו מיר פאַרזאַמלט
די יידן די גאָטפאָרכטיגע
און איך בין ביז דער אָוונט - מנחה
געזעסן אַ פאַרטומלטער,
און צו דער מנחה, וואָס אין אָוונט,
האָב איך זיך אויפגעשטעלט פון תענית,
און אין מיין קלייד צוריסענער
בין איך געפאַלן אויף די קני
און האָב די הענט פאַרשפּרייט צו גאָט
געזאָגט: מיין גאָט, ס'איז מיר אַ בושה
מיין פנים אויפהויבן צו דיר,
ווייל ס'איז די זינד אונז איבערן קאָפּ,
און אונזער שולד גרויס ביזן הימל.
פון זינט די אבות אונזערע
ביז היינטיגס טאָג איז גרויס די שולד,
מיר זיינען שוין פאַר אונזער זינד
מיט קיניגן און כּוהנים
געווען דורך פרעמדע קיניגן
געטויט, באַרויבט און אויך געפאַנגען,
אין שאַנד און שמאַך, ווי היינטיגס טאָג.
אַצינד בלויז אויף איין רגע האָט
אונז גאָט געוויזן זיין גענאָד,
דעם רעשטעלע אין לאַנד געבראַכט,

אין אָרט דעם הייליגן פאַרפלעקלט,
און ס'איז אַ ליכט אונז אויפגעקומען,
אין קנעכטשאַפט נאָך צו קענען לעבן,
— ווייל מיר זיינען דאָך אַלע נאָך קנעכט —
נאָר ס'האָט דער קיניג פּרס'ס אונז
געשיינקט גענאָד, געלאָזט אונז לעבן
באַפוילן אויפבויען דעם טעמפּל,
די מויערן פאַרפעסטיגן.
אַצינד וואָס קענען מיר נאָך זאָגן,
אַז מיר האָבן גאָטס וואָרט פאַרלאָזן,
וואָס ס'האָבן די נביאים אונז
געזאָגט: די לאַנד איז אומווערדיג
פאַראומרייניגט דורך יענע פעלקער;
זאָלט איר די טעכטער אייערע
ניט אָפּגעבן צו זייערע זין
און אויך די טעכטער זייערע
זאָלט איר פאַר אייערע זין ניט נעמען,
און קיינמאָל ניט זיין נאָענט מיט זיי,
ניט חברן זיך און ניט באַגריסן
וועט איר זיין שטאַרק און וועט געניסן
פון אַלדאָס גוטס אין אָט דער לאַנד,
און אויך די קינדער איבערגעבן
ירושה ביז אין אייביגקייט.
אַצינד, אוי גאָט גערעכטיגער!
מיר שטייען דאָ מיט אונזער זינד,
מיר האָבן דיין געבאָט געבראָכן,
פאַרשוואָגערט זיך מיט אָט דעם פאָלק,
וועסטו ניט צערענען אויף אונז?
פאַרטיליגן דעם לעצטן רעשט?
ווער קען נאָך בייַשטיין קעגן דיר? —
אַזוי האָט עזרא אַלץ געבעטן,
געוויינט, געפאַלן פאַרן טעמפּל,
און ס'האָבן זיך צו אים פאַרזאַמלט.

אַ סך פאָלק, מענער, ווייבער, קינדער
און אַלע האָבן שטאַרק געוויינט.

און שכניה האָט געזאָגט צו עזרא:
מיר האָבן אַלע דאָ געזינדיגט,
אַריינגענומען ווייבער פרעמדע,
פון אָט די פעלקער פון דער לאַנד,
לאָמיר - זשע שליסן איצט אַ בונד
אַרויסצושיקן יענע ווייבער

און אויך די קינדער זייערע.
ווי ס'שטייט געשריבן איז דער תורה.
**דו פיר עם אוים, מיר העלפן דיר;**
שטיי אויף, זיי שטארק און טו אזוי!
און עזרא האט דעם פאלק באשוואוירן,
ער איז אוועק פון טעמפל גאטס,
אריין צו יהוחנן אין קאמער
און האט קיין ברויט דארט ניט געגעסן,
און האט קיין וואסער ניט געטרונקען, —
נעטרויערט אויף די זינד פון פאלק.
און אויסרופן געלאזט אין לאנד,
אז אלע די געקומענע
פארזאמלען זיך אין ירושלים,
און ווער עס קומט ניט אין דריי טעג,
ווערט זיין פארמעגן קאנפיסקירט
און ער ווערט אפגעשיידט פון פאלק,
האט גאנץ יהודה זיך פארזאמלט
אין דריי טעג קיין ירושלים,
געזעסן אין דער גאס פון טעמפל,
אין ציטערניש פאר זייער זינד,
און ווייל א רעגן האט געגאסן.
און עזרא האט זיך אויפגעשטעלט,
געזאגט צו זיי: איר האט געזינדיגט
אריינגענומען פרעמדע ווייבער,
טא זייט זיך מודה איצט פאר גאט,

און טוט זיין ווילן, שיידט זיך אפ
פון פרעמדן פאלק און פרעמדע ווייבער.
און ס'האט דער גאנצער פאלק געשריען:
מיר וועלן טאן ווי דו באפוילסט!
נאר ס'איז דער פאלק דאך גרויס אין צאל,
די צייט איז איצט אויך רעגנדיג,
ניטא קיין כוח שטיין אין גאס,
די ארבעט אט דידאזיגע
איז ניט אויף איין טאג, ניט אויף צוויי,
ווייל גרויס איז אונזער זינדיגקייט
מיט פרעמדע טעכטער גאר א סך.
טא זאלן בלייבן, דא די הארן,
און אלע פונם פאלק ישראל,
וואס האבן ביי זיך פרעמדע טעכטער
זיי זאלן קומען ביסלעכווייז,
מיט זיי די עלצטע פון די שטעט,
ארויסצושיקן יענע ווייבער
דערמיט גאטס צארן איינצושטילן.
און זיי האבן אזוי געטאן,
געפארשט די זאך און אלץ פארשריבן
פון טאג אויף טאג, אין צוויי חדשים,
און אלע האבן צוגעזאגט
די פרעמדע ווייבער אפצושיקן
און האבן אויך פאר זייער זינד
אין טעמפל גאטס געבראכט קרבנות.

# נ ח מ י ה

אין יאָר אין צוואַנציגסטן, אין כסלו,
בין איך געווען אין הויפּטשטאָט שושן,
און ס׳איז געקומען פון יהודה
מיין פריינט חנני און נאָך מענטשן.
האָב איך געפרעגט זיי, וואָס עס מאַכן
די ברידער ניט ־ פאַרטריבענע,
אין ירושלים די פאַרבליבענע.
און זיי האָבן דערציילט מיר, אַז
די אין דער לאַנד געבליבענע,
וואָס זיינען ניט אַוועק אין גלות,
געפינען זיך אין גרויסע צרות,
און לעבן איבער שטאַרקע שאַנד;
ירושלימס מויערן
צובראָכענע, צושמעטערטע,
די טויערן — פאַרברענט אין פייער.
און ווי איך האָב אַזוינס דערהערט,
האָב איך געזעצט זיך וויינען, קלאָגן,
און האָב געטרויערט גאַנצע טעג,
געפאַסט, געבעטן צו מיין גאָט.
געווען בין איך אין יענער צייט
דער טרינק ־ מייסטער פון קיניג.
און אָט האָב איך אין חודש ניסן
פון יאָר דעם צוואַנציגסטן דערלאַנגט
דעם קיניג אַרתחשסתא וויין —
און ער האָט מיך ניט פיינט געהאַט.

פרעגט מיך דער קיניג יענעם טאָג:
פאַרוואָס זעסטו אויס אַזוי שלעכט?
דו ביסט דאָך ניט קיין קראַנקער מאַן!
צי האָסטו ניט אַ שלעכט געוויסן? —
איך האָב זיך זייער שטאַרק דערשראָקן
און האָב דעם קיניג באַלד געענטפערט:
מיין קיניג זאָל אויף אייביג לעבן!
פאַרוואָס זאָל איך ניט אויסזען שלעכט?
די שטאָט פון מיינע פאָטערס קברים
איז וויסט; די טויערן פאַרברענט!
פרעגט מיך דער קיניג: וואָס־זשע ווילסטו?
האָב איך אין האַרצן גאָט געבעטן
און הויך געענטפערט באַלד דעם קיניג:
אויב עס געפעלט, מיין קיניג, דיר,
און אויב דיין קנעכט האָט חן ביי דיר,
טאָ שיק מיך אין דער לאַנד יהודה,
אין שטאָט פון מיינע פאָטערס קברים,
און איך — איך וועל איר אויפבויען.
און ס׳האָט דער קיניג מיר געענטפערט
— זיין ווייב איז אויך דערביי געזעסן: —
ווי לאַנג וועט דויערן דיין גאַנג
און ווען וועסטו זיך אומקערן?
און איך האָב אים באַשטימט אַ צייט,
איז אים געפעלן אָט די זאַך
און ער האָט מיר דערלויבט צו גיין.

האָב איך דעם קיניג נאָך געזאָגט:
אויב ס'איז, מיין קיניג, דיר געפעלן,
זאָל מען מיר מיטגעבן אויך בריף
צו די פּאַשאַען דאָרט ביים טייך,
זיי זאָלן מיך אַדורכלאָזן,
ביז איך וועל קומען אין יהודה;
אַ בריף צום קיניגס פּרדס־היטער,
אַז ער זאָל מיר געהילץ אויך געבן.
אויף באַלקנס צו די טויערן
פון שטאָט און צו די מויערן.
דער קיניג האָט מיר אַלץ געגעבן
בין איך געגאַנגען און געקומען
צו די פּאַשאַען דאָרט ביים טייך.
און זיי האָבן מיר מיטגעגעבן
אַ וואַך פון מיליטער און רייטערס.
בין איך אַריין אין ירושלים
און דאָרט פאַרבליבן אַ טאָג דריי —
און ס'האָט סנבלט דעם חורוני
און טוביה דעם קנעכט פון עמון
פאַרדראָסן זייער שטאַרק, וואָס עמיץ
קומט זוכן גוטס פאַר די ישראל —
ביינאַכט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט,
גענומען מיט זיך צוויי־דריי מענער
און האָב קיין מענטשן ניט דערציילט,
וואָס איך וויל טאָן פאַר ירושלים
און כ'האָב קיין בהמות ניט געהאַט,
אויף איינער בלויז אַליין געריטן.
איך בין אַרויס אין טאָל צום טויער,
צום פּלאַץ וואָס פאַרן תנין־קוואַל,
צום טויער פונם מיסטהויפן,
און האָב באַטראַכט פון אַלע זייטן
די טויערן און מויערן
צעשטערטע און צעשמעטערטע
און אָפּגעברענטע פונם פייער
געקומען צו דער סאַזשלקע —
ניטאָ קיין אָרט דאָרט פאַר דער בהמה,
וואָס אונטער מיר, אַדורכצוקריכן —
איך האָב אויך דאָרט באַטראַכט דעם
טויער,
נאָכדעם זיך אומגעקערט צוריק.
די מיליטער־וואַך, וואָס ביי מיר,
האָט ניט געוואוסט, וואָס איך טו דאָ,
און אויך די יידן, די כהנים,
די פירשטן, הויפּלייט און באַאַמטע,
וואָס זיינען דאָ געווען פון פריער,
האָב איך קיין זאַך ניט אויסגעזאָגט.
נאָכדעם האָב איך צו זיי געזאָגט:
איר זעט דאָך, ווי אונז איז דאָ שלעכט,
ירושלים איז פאַרוויסט,
די טויערן פאַרברענט אין פייער, —
קומט לאָמיר אויפבויען דעם מויער
און לאָמיר מער ניט זיין צו שאַנד!
און איך האָב זיי אויך אַלץ דערציילט,
ווי כ'האָב ביים קיניג חן געפונען
און ער האָט גוטס מיר צוגעזאָגט.
און זיי האָבן געענטפערט אַלע:
מיר וועלן גיין! מיר וועלן בויען!
און איינער האָט דעם אַנדערן
געשטערקט די הענט צו טאָן נאָר גוטס.
און אַז סנבלט דער חורוני
און טוביה דער קנעכט פון עמון
און גשם דער אַראַבער האָבן

געהערט דאָס, האָבן זיי געלאַכט,
פֿאַראַכט אונדז און אַזוי געזאָגט:
וואָס קלייבט איר זיך אַצינד צו טאָן?
צו מורד זיין אַנטקעגן קיניג?!
האָב איך געענטפֿערט: גאָט פֿון הימל
וועט אונדז שיקן אונדזער גליק,
מיר זיינען אַלע זיינע קנעכט,
מיר וועלן נעמען זיך און בויען;
און איר האָט ניט קיין טייל, קיין רעכט
און קיין געדעכעניש אין ירושלים!
און ס'האָט אלישיב כּוהן גדול
מיט זיינע ברידער די כּוהנים
געבויט דעם טויער פֿון די שאָף,
געהייליקט אים, געשטעלט די טירן,
געהייליקט אַלע הונדערט טורימס,
דעם פֿיש־טויער געבויט, באַבאַלקנט,
געשטעלט די טירן, שלעסער, ריגלען,
דעם אַלטן טויער אויפֿגעשטעלט
מיט באַלקנס, טירן, שלעסער, ריגלען,
און אויך פֿאַרשטאַרקט דעם ברייטן מויער,
און אויך דעם טורים פֿון די אויוונס,
פֿאַרשטאַרקט דעם טויער אינם טאָל
און טויזנט איילן אינם מויער,
דעם טויער פֿון די מיסט־הויפֿנס,
דעם טויער פֿון דער סאַזשלקע
אין קיניגס גאָרטן, ביז די טרעפּ,
וואָס נידערן פֿון דודס שטאָט
און אויך דעם טויער פֿון דער וואַך,
און אויך דעם טויער פֿון די שאָף
און אויך דעם גאָרטן דאָרט אין ווינקל
דאָס האָבן אַלץ געבויט געשטאַרקט, . . .
די כּוהנים פֿאַרשיידענע
און אויך די גאָלדשמידן און קרעמערס
און אַז סנבלט האָט געהערט,
אַז מיר בויען אויף דעם מויער
האָט ער געצאָרנט און געשפּאָט
און האָט געזאָגט צו די שומרונים:
וואָס טוען דאָרט די יידן נעבעך?
זיי ווילן אויפֿלעבן די שטיינער
פֿון אונטער הויפֿנס אַש און שטויב?
זיי זיינען דאָך שוין לאַנג פֿאַרברענט!
און טוביה דער עמוני לאַכט:
זיי וועלן אויפֿבויען בייטאָג,
וועט קומען אַ שאַקאַל ביינאַכט
און איינברעכן דעם גאַנצן מויער...
נאָר מיר האָבן געבויט אַלץ ווייטער,
דער מויער שטייט שוין ביז אַ העלפֿט,
און ס'אַרבעט אַלץ דער פֿאָלק מיט פֿליים.
און אַז עס האָט געהערט סנבלט
און טוביה און די אַראַבער
און די עמונער און אשדודער,
אַז ס'ווערן אין ירושלים
די מויערן צוריק געבויט,
צוריק פֿאַרשטאָפּט די לעכער, שפּאַלטן,
האָט זייער צאָרן שטאַרק געברענט
און זיי האָבן געמאַכט אַ בונט
צו קומען קעמפֿן קעגן אונדז
און מאַכן וויסט ירושלים.
האָב איך צו אונדזער גאָט געבעטן
און מיר האָבן געשטעלט אַ וואַך,
געהיט דעם בנין טאָג און נאַכט.

עס פלעגן די יהודים זאָגן:
די טרעגערס זיינען שוין פאַרמאַטערט,
און ס'איז פאַראַן א סך צו טראָגן. —
מיר האָבן שוין ניט מער קיין כּוח,
די מויערן צו בויען ווייטער.
דער שונא אונזערער פלעגט זאָגן:
ניט זעענדיג, ניט וויסנדיג —
מיר וועלן פּלוצים זיי באַפאַלן,
די בויערס אַלע טויטשלאָגן
און אָפּשטעלן די בוי - אַרבעט.
נאָר די יהודים, וועלכע וואוינען
מיט זיי צוזאַמען אויפן אָרט,
זיי האָבן צען מאָל אונז געזאָגט:
ס'וואָלט גוט געווען, איר זאָלט נאָכמער
פון איטלעכס אָרט אהערצו קומען.
דערפאַר האָב איך אוועקגעשטעלט
דאָרט ביי די ווענט און ביי די לעכער
א וואַך פון פאָלק, פון די משפחות,
מיט שווערדן, שפּיזן און מיט בויגנס.
און איך האָב אַלץ אַרומגעקוקט
און האָב געזאָגט צו אַלע וועכטערס,
די האַרן, פירשטן און צום פאָלק:
איר זאָלט פאַר זיי ניט מורא האָבן;
דערמאָנט זיך נאָר אָן אונזער גאָט
דעם גרויסן און דעם פאַרכטיגן;
קעמפט פאַר די ברידער אייערע,
די זין און טעכטער, ווייבער, הייזער! —
און אז דער שונא האָט דערהערט,
אז מיר האָבן זיך אַלץ דערוואוסט
און האָבן זייער פּלאַן געשטערט,
און אז מיר קערן זיך צוריק
צו אונזער אַרבעט דאָרט ביים מויער, —
איז ווייטער שוין אזוי געווען:
א העלפט פון מיינע יונגען האָבן
די בוי - אַרבעט מיט פליס געטאָן,
די צווייטע העלפט האָט פעסטגעהאַלטן
די שפּיזן, שילדן, בויגנס, פּאַנצערס,
און הויפּטלייט שטייען איבער אַלע,
און אויך די טרעגערס און די בויערס
און אַלע העלפערס און דערלאַנגערס —
זיי טוען אַרבעט מיט איין האַנט
און האַלטן אין איין האַנט א שווערד;
די בויערס האָבן זייער שווערד
אַרומגעגאַרטלט אויף די לענדן.
און איך האָב אויך אוועקגעשטעלט
טרומייטן - בלאָזערס לעבן זיך,
און האָב געזאָגט צום גאַנצן פאָלק
און צו די האַרן און די פירשטן:
עס איז די אַרבעט גרויס און ברייט
און אויף די מויערן פאַרשפּרייט,
דערווייטערט איינער פונם צווייטן,
איז אויב איר וועט דערהערן ערגעץ
טרומייטן - קלאַנג, זאָלט איר באַלד אַלע
זיך אָנלויפן אין יענעם אָרט,
און אונזער גאָט וועט פאַר אונז קעמפן.
און מיר האָבן געטאָן די אַרבעט,
און פעסט געהאַלטן שפּיז און שווערדן
פון ווען ס'גייט אויף דער מאָרגנשטערן,
ביז ס'גייען שטערנס שוין אַרויס.
אויך דאַמאָלס האָב איך אָנגעזאָגט,
אז יעדער מאַן מיט זיין געהילף

זאָל בלייבן נעכטיגן אַט דאָ.
פון דאַמאָלס איז ביי אונז געווען
די נאַכט אויף וואָך, דער טאָג אויף
אַרבעט
און ס'האָבן קיינער ניט פון אונז,
ניט איך, ניט מיינע ברידער, פריינט,
די לייט פון אַרבעט און פון וואָך,
ניט אויסגעטאָן פון זיך די קליידער,
זיך ניט געשיידט מיט די געווער,
אויך גייענדיק צום טייך נאָך וואַסער.

*

און ס'איז געווען אַ גרויס געשריי
פון מענער, ווייבער אינם פאָלק
אַנטקעגן די יהודים ־ ברידער
עס האָבן אַנדערע געזאָגט:
מיר האָבן זין, מיר האָבן טעכטער,
און מיר אַליין — אַ גרויסע צאָל,
טאָ לאָמיר קאָרן נעמען זיך,
וועט זיין צום עסן און צום לעבן.
און ס'האָבן אַנדערע געזאָגט:
מיר האָבן הויז און פעלד און כּרם
אַוועקגעגעבן פאַר משכּנות
און קאָרן זיך געקויפט אין הונגער.
און ס'זאָגן ווידער אַנדערע:
מיר האָבן אויפן פעלד און כּרם
געליען געלט צו צאָלן שטייער.
צי זיינען מיר ניט אַלע ברידער,
צי איז ניט אונזער לייב ווי זייערס
און אונזער קינד ווי זייער קינד?
וואָס צווינגען מיר די זין און טעכטער
צו אַרבעטן פאַר זיי ווי קנעכט?
וואָס גיבן מיר די טעכטער זיי,
די פעלדער און די וויינגערטנער
און קענען זיך ניט אויסהעלפן?
האָט שטאַרק געברענט אין מיר דער צאָרן
ווען איך האָב דעם געשריי געהערט,
און איך האָב מיט די גרויסע לייט
און מיט די פירשטן זיך געקריגט:
וואָס זיינט איר קעגן אייער ברודער
ווי געלט־לייערס, פּראָצענט־נעמערס?
איך האָב גערופן אַן אסיפה
און האָב צו זיי אַזוי געזאָגט:
מיר האָבן אויסגעקויפט די ברידער,
וואָס האָבן זיך פאַרקויפט צו גוים,
כּדי זיי זאָלן זיין מיט אונז;
אַצינד פאַרקויפט איר זיי פאַר זכות,
מיר זאָלן אויסלייזן זיי ווידער?
זיי האָבן ניט קיין וואָרט געפונען
און האָבן אויסגעהערט, געשוויגן.
און איך האָב ווייטער זיי געזאָגט:
איר דאַרפט פאַר גאָט דאָך מורא האָבן
און פאַר די גוים דאָך זיך שעמען,
די מעשים אייערע פאַרלאָזן!
אויך איך און מיינע יונגען האָבן
געבאָרגט זיי געלט, געבאָרגט זיי קאָרן,
לאָמיר פאַרגעסן אַט דעם באָרג!
איר זאָלט זיי היינט צוריקגעבן
די פעלדער און די וויינגערטנער,
די הייזער און די איילבערטן,
די געלט און קאָרן, וויין און אייל,

וואָס איר האָט פריער זיי אנטליען.
און זיי האָבן געענטפערט מיר:
מיר וועלן אָפּגעבן צוריק
און קיינמאָל מער ניט מאָנען ווידער,
מיר וועלן טאָן, ווי דו באַפוילסט.
האָב איך די כּוהנים גערופן
און זיי באַשוואוירן דאָס צו טאָן
איך האָב געשאָקלט אויך מיין פּאָלע
און האָב דערביי אַזוי געזאָגט:
אַזוי זאָל גאָט אויך אויסשאָקלען
דעם מענטשן, וואָס וועט עס ניט טאָן;
פון זיין פאַרמעגן און זיין הויז,
זאָל ער זיין אויסגעטרייסלט, לער!
דער גאַנצער קהל ענטפערט: אָמן!
זיי לויבן גאָט און טוען אַליז,
ווי איך האָב זיי דאָ אָנגעזאָגט.

*

אַזוי בין איך צוועלף יאָר געווען
אין לאַנד יהודה דער פּאַשאַ.
און די פּאַשאַען, וואָס פאַר מיר,
זיי פלעגן שווער מאַכן דעם פאָלק,
זיי פלעגן נעמען ברויט און וויין,
אויך געלט מזומן פערציק שקלים,
און אויך די יונגען זייערע —
זיי פלעגן הערשן אויפן פאָלק,
נאָר איך האָב ניט געטאָן אַזוי,
פּאַשאַען־ברויט פלעג איך ניט עסן,
ניט איך און ניט די ברידער מיינע,
צוליב דער פאָרכט פאַר אונזער גאָט.
מיר האָבן אַלע מיטגעהאָלפן
אויך ביי דער אַרבעט פונם מויער.
קיין פעלדער אָבער ניט געקויפט.
די יונגען מיינע זיינען אַלע
געווען פאַרזאַמלט ביי דער אַרבעט
און די יהודים די באַדינטע,
צוזאַמען הונדערט פופציק מאַן,
און אויך די העלפערס פון די גויים —
זיי אַלע עסן ביי מיין טיש;
מ'פלעגט זיי צוגרייטן אַ טאָג
איין אָקס, זעקס פעטע שאָף און עופות,
און איינמאָל אין צען טעג אויך וויין
און ביי דעם אַלעמען האָב איך ניט
געפאָדערט קיין פּאַשאַען־ברויט, —
ווייל ס'איז דעם פאָלק געווען צו שווער.
געדענק, מיין גאָט, מיר אַלץ צום גוטן,
וואָס איך האָב פאַרן פאָלק געטאָן.

*

און אַז עס האָט געהערט סנבלט
און טוביה, גשם, אַלע שונאים,
אַז איך האָב אויפגעבויט דעם מויער,
און ס'איז קיין שפּאַלט שוין ניט געבליבן
אַז בלויז די טירן האָב איך נאָך
און טויערן ניט אויפגעשטעלט, —
און זיי האָבן געשיקט מיר זאָגן,
מיר זאָלן זיך צונויפטרעפן
דאָרט אין אַ דאָרף, אין טאָל פון אונו —
געטראַכט האָבן זיי שלעכטס מיר טאָן.
האָב איך געשיקט זיי ענטפערן:
איך טו אַצינד אַ גרויסע אַרבעט
און קען איך ניט אַוועקוואַרפן
און גיין צו אייך אויף אַ צונויפטרעף.

אַזוי פיר מאָל געשיקט צו מיר
און אַלץ געהאַט דעמזעלבן ענטפער.
דעם פינפטן מאָל האָט מיר סנבלט
געשיקט אַ ייִנגל מיט אַ בריוו,
וואו ס'איז געווען אַזוי געשריבן:
עס גייען קלאַנגען ביי די גויים
אַז דו און די יהודים טראַכטן
אַנטקעגן קיניג מורד זיין,
דעריבער בויסטו דאָ דעם מויער,
און דו וועסט זיין ביי זיי אַ קיניג;
האָסט אויך נביאים אויפגעשטעלט,
זיי זאָלן אין ירושלים
דיך פאַר אַ קיניג אויסרופן,
אַצינד וועט עס דער קיניג הערן;
דעריבער קום, און לאָמיר אַלע
צוזאַמען זיך מיישב זיין!
און איך האָב אים געשיקט מיין ענטפער
ס'איז ניט געשטויגן, ניט געפלויגן,
האָסט פון דיין קאָפּ אַלץ אויסגעטראַכט;
עס האָבן אַלע אונז געשראָקן,
מיר זאָלן אָפּלאָזן די אַרבעט,
און אויב דו ביסט אַ פריינט צו אונז,
טאָ שטאַרק אַצינדערט אונזער מוט!...
איך בין אריין אין הויז פון שמעיה
און כ'זע, ער האָט זיך פעסט פאַרשלאָסן,
און זאָגט צו מיר: לאָמיר זיך טרעפן
אין טעמפּל גאָטס, דאָרט אינעם היכל,
און הינטער זיך די טיר פאַרשליסן;
ווייל יענע ווילן טויטן דיך
און קומען אין דער נאַכט אהערצו.
האָב איך געענטפערט און געזאָגט:
צי זאָל אַ מאַן, ווי איך, אַנטלויפן?
און ווי קען איך אין היכל קומען
און לעבן בלייבן? כ'וועל ניט גיין!
און איך האָב באַלד דערקענט,
פאַרשטאַנען,
אַז ניט פון גאָט איז זיין נבואה,
נאָר ס'האָט סנבלט אים געדונגען,
אַז ער זאָל איבערשרעקן מיך,
איך זאָל אים פאָלגן, טאָן אַ זינד,
און וועל אַ שלעכטן שם באַקומען,
און אַלע וועלן שענדן מיך.
געדענק גאָט טוביהן, סנבלטן
די שלעכטע מעשים זייערע
אויך די נביאים יענע אַלע,
וואָס האָבן שטענדיק מיך געשראָקן.

*

דער מויער איז געוואָרן פאַרטיק
אין פינפאונצוואַנציק טעג פון אלול,
אין צווייאונפופציק טעג פון אַרבעט.
און אַלע שונאים אונזערע
און אויך די פעלקער פון אַרום
ווי נאָר זיי האָבן עס דערהערט
איז זייער מוט געפאַלן שטאַרק,
און אַלע האָבן שוין געוואוסט,
אַז אונזער גאָט האָט אונז געהאָלפן.

# נאָטיצן.

זייט 22, שורה 1 - 2 רעכטס: שטראָם — סטראָם; שבולת — סבולת.
זייט 24, שורה 12 לינקס פון אונטן: נעמי — זים; מרה — ביטער.
זייט 26, שורה 8 און ווייטער רעכטס: צבט, צבת — ווי צבת בצבת — האַלטן אין האַנט. ויצבט — דערלאַנגט מיטן האַנט. צבתים — הויפנס אָנגעשניטענע זאַנגען. שול תשולו — ווי של נעליך — אַראָפּוואַרפן.
זייט 162, רעכטס, שורה 5: אַזוי ווי די פויגעלע. זע אין אָריגינאַל (מלכים א', י"ח, כ"א).
זייט 178, רעכטס, שורה 11: שטיל — את (זע מלכים ב', ו', ה').
זייט 224, שורה 1 און ווייטער:
דעם אָריגינאַל (קאַפּ. ח' פּסוק 11) דאַרף מען אַזוי פאַרשטיין: די יידן מעגן זיך פאַרזאַמלען, זיך צו פאַרטיידיגן קעגן די חיילות, וואָס באַפאַלן זיי מיט ווייבער און קינדער און ווילן זיי אויך באַרויבן. דערפאַר שטייט שפּעטער איבערגעחזרט עטלאַכע מאָל, אַז די יידן האָבן די פּרסים ניט באַרויבט. דאָ האַנדלט זיך בלויז וועגן זעלבסטשוץ קעגן די אָנפאַלערס.

# באַמערקטע טעותן:

זייט 2, רעכטס, שורה 5 פון אונטן: צו — דו.
זייט 19, לינקס, שורה 12: לאָמיר — לאָז מיך.
זייט 21, לינקס, שורה 19: נאַר — נאָר.
זייט 22, רעכטס, שורה 1: זאָגט — זאָג.
זייט 35, רעכטס, שורה 20: אָנשטאָט דער גאַנצער שורה דאַרף שטיין: האָט זיך גאָט אויף אים דערבאַרימט.
זייט 35, לינקס, שורה 7 פון אונטן: דאַרף שטיין: טויזנט הונדערט.
זייט 40, לינקס, שורה 8: דינט — דינסט.
זייט 41, רעכטס, שורה 1: טו — טוט.
זייט 44, רעכטס, שורה 5: דער — דעם.
זייט 62, רעכטס, שורה 11: פּלישתּים — ישראל.
זייט 120, רעכטס, שורה 11 פון אונטן: מיכלם — מרבם,
זייט 153, שורה 5: טעמפּל — פּאַלאַץ.
זייט 168, רעכטס, שורה 4 פון אונטן: וואָס — וואו.
זייט 174, לינקס, שורה 16: צו — צום.
זייט 199, רעכטס, שורה 11: געטויטע — די טויטע.

# אינהאַלט


הקדמה — III—IV

דבורה (שופטים ד־ה) — 1—4

גדעון (שופטים ו־ח) — 5—12

אבימלך (שופטים ט) — 13—17

יפתח (שופטים י־י״ב) — 18—22

רות (מגילת רות) — 23—29

שמשון (שופטים י״ג־ט״ז) — 30—38

פילגש בגבעה (שופטים י״ט־כ״א) — 39—46

שמואל (שמואל א׳ א־ג; ז) — 47—52

שאול (שמואל א׳ ח־ל״א, אַ חוץ כ״ה) — 53—91

דוד (שמואל ב׳ א׳־כג) — 92—122

שלמה (מלכים א׳ ב־י״א מיט השמטות) — 123—151

רחבעם (מלכים א׳ י״ב) — 152—155

ירבעם (מלכים א׳ י״ג־י״ד) — 156—158

אליהו (מלכים א׳ ט״ז — מלכים ב׳ ב׳) — 159—170

אלישע (מלכים ב׳ ב־ט, י״ג) — 171—184

רבשקה (מלכים ב׳ י״ח־י״ט) — 185—189

חזקיהו (ישעיהו ל״ח־ל״ט) — 190—192

יונה (יונה) — 193—196

די געפונענע ספר-תורה (מלכים ב׳ כ״ב־כ״ג) — 197—200

דער חורבן (מלכים ב׳ י״ז; כ״ד־כ״ה) — 201—204

דניאל (דניאל א־ד; ו׳) — 205—213

אסתר (מגילת אסתר) — 214—225

עזרא (סוף מלכים ב׳ און עזרא א־ב;) — 226—234

נחמיה (נחמיה א־ו) — 235—241

נאָטיצן — 242

באַמערקטע טעותן — 243

אינהאַלט — 244